STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05401

DOS NAYE VORT

S. Bastomski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

דאָס נײַע וואָרט

כרעסטאָמאַטיע

דריטער באַנד

דראַמע

פאַרלאַג
„די נײַע יידישע פאָלקסשול“
ווילנע
1926.

S. Bastomski i M. Chaimson.

„Dos Naje Wort"

Wypisy

t. III.

1926.

דרוקעריי ש. פ. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25.

Drukarnia F. Garbera, Wilno, Zawalna 25

הקדמה.

דער דריטער באַנד פון דער כרעסטאָמאַטיע „דאָס נייע וואָרט“ אַנטהאַלט גרעסערע פראַגמענטן, צוזאַמען מיטן אינהאַלט, פון די פאָלגנדיקע ווערק: „דער געשמידטער פראָמעטעוס“ פון אַיסכילאָס, „קיניג אוידיפוס“ און „אַנטיגאָנע“ פון סאָפאָקלעס, „איפיגעניע אין אַוליס“ פון אויריפידעס, „יוליוס צעזאַר“ און „האַמלעט“ פון וויליאַם שעקספיר, „עתליה“ פון זשאַן ראַסין און „דער קאַרגער“ פון זשאַן מאָליער.

די מחברים פון דער כרעסטאָמאַטיע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצופילן אַ בלויז אין דער יידישער לערנליטעראַטור—געבן די שילער פון דער יידישער שול אַ מיגלעכקייט צו באַקאָנען זיך מיט די מוסטערן פון דער קלאַסישער אייראָפּעישער דראַמע.

עס איז בלתי שום ספק, אַז דער לימוד פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור דאַרף אין אונדזער שול פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט. עס איז שוין לאַנג צייט, אַז די דראַמאַטישע ווערק פון די גרויסע אייראָפּעישע קלאַסיקער זאָלן אין אונדזער שול ניט נאָר געשטודירט, נאָר אויך געשטעלט ווערן.

דערדאָזיקער וויכטיקער לימוד איז אָבער ביז דער לעצטער צייט אין אונדזער שול שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, הויפּטזעכלעך צוליבן פעלן פון נויטיקע איבערזעצונגען.

אין דער צייט, ווען ביי די אומות העולם האָבן זיך מיט דערדאָזיקער וויכטיקער שאַפונגספולער אַרבעט פאַרנומען די גרעסטע פּאָעטן (למשל — שילער ביי די דייטשן, קאַספּראָוויטש ביי די פּוילן, באַלמאָנט און בונין ביי די רוסן א. אנד.), האָבן אונדזערע פּאָעטן אויף דעם געביט כמעט ווי גאָרנישט ניט אויפגעטאָן.

דער מאַנגל פון מוסטערן האָט זייער פאַרשווערט די אַרבעט פון די מחברים פון דער כרעסטאָמאַטיע. פון דער גריכישער דראַמע איז כמעט ווי גאָרנישט ניט געווען*). אַ גרויסן טייל פון די איבערזעצונגען איז די מחברים אויסגעקומען אויסצופירן אַליין, ליידער ניט פון אָריגינאַל, נאָר פון איבערזעצונגען. ביי די איבערזעצונגען אויף יידיש זיינען אויסגענוצט געוואָרן די אַלע איבערזעצונגען, וואָס ס'איז מיגלעך געווען צו באַקומען אין דייטש, פּויליש און רוסיש, ווערטלעכע און קינסטלערישע. נעמלעך: די איבערזעצונג פון „דער געשמידטער פּראָמעטעוס“ איז געמאַכט געוואָרן לויט: האַנס פאָן וואָלצאָגען (דייטש), יאַן קאַספּראָוויטש (פּויליש), מערעזשקאָווסקי (רוסיש).

די איבערזעצונג פון „קיניג אוידיפוס“ — לויט: געאָרג טהודיכום (דייטש), קאַזימיערזש מאָראַווסקי (פּויליש), זעלינסקי, מערעזשקאָווסקי, איוואַנאָוו (ווערטלעכע איבערז.) און בראָשעווסקי (רוסיש).

---

*) די מחברים האָבן געפונען בלויז 150 שורות פונם אָנהייב פון „קיניג אוידיפוס“, איבערגעזעצט פון מ. ווײַנרייך („צוקונפט“, 1921, מערץ). דערדאָזיקער אויסצוג איז מיט דער דערלויבעניש פון איבערזעצער אין דער כרעסטאָמאַטיע אריינגענומען געוואָרן.

די איבערזעצונג פון „אַנטיגאָנע“—לויט: געאָרג טהודיכום (דייטש), קאַזימיערזש מאָראַווסקי (פויליש), זעלינסקי, מערעושקאָווסקי, גאַלבערשטאַדט, וואָדאָוואָזאָוו, (רוסיש).

די איבערזעצונג פון „איפיגעניע אין אַוליס“ — לויט: שילער (דייטש), ווענג־לעווסקי (פויליש), אַנענסקי און וואָדאָוואָזאָוו (רוסיש).

דער פראַגמענט פון „עתליה“ פון זשאַן ראַסין איז לויט דער באַשטעלונג פון די צונויפשטעלער ספּעציעל איבערגעזעצט געוואָרן פון אָריגינאַל פון א. י. גאָלדשמידט.

פון שעקספירס דראַמעס זיינען צום גליק ניט לאַנג איבערגעזעצט געוואָרן דורכן פּאָעט י. י. שוואַרץ „יוליוס צעזאַר“ און „האַמלעט“.

די מחברים האָבן געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק נאָך צו געבן פראַגמענטן פון „מאַקבעט“ און „קיניג ליר“. לײדער זייגען אָבער פון שעקספירן מער ווי די צוויי דערמאָנטע טראַגעדיעס דערווייל אין יידיש ניט איבערגעזעצט געוואָרן.

אויך פון די ווערק פון מאָליערן האָבן די מחברים געהאַט בדעה צו געבן פראַגמענטן פון מער באַדייטנדיקע קאָמעדיעס. לײדער האָבן מיר אין יידיש נאָר די איבערזעצונג פון „קארגן“.

ניט געקוקט אויף די אַלע מניעות, האָבן די מחברים געהאַלטן פאַר אויסערסט וויכטיק דאָס בוך אַרויסצולאָזן, ווייל אין אַזאַ בוך פילט זיך איצט אַ גרויסע נויטווענדיקייט.

די מחברים געפינען אַליין, אַז די אַרבעט דאַרף נאָך פאַרפולקומט ווערן. פיל ווענדט זיך אָבער אָן דעם, צי עס ווען בקרוב דערשיינען אין יידיש נייע איבער־זעצונגען פון די קלאַסישע דראַמאַטישע ווערק.

דער דריטער באַנד פון דער כרעסטאָמאַטיע „דאָס נייע וואָרט“ איז אויסגע־רעכנט אויף דריי טיילן. דאָס פאָרגעלייגטע בוך בילדעט נאָר דעם ערשטן טייל פון דער כרעסטאָמאַטיע; אין צווייטן טייל וועלן אַרייַנקומען מוסטערן פון די שפּעטערדיקע וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער אייראָפּעישער דראַמע; דער דריטער טייל וועט זיין געווידמעט דער יידישער דראַמע.

די מחברים.



אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

אַיסכילאָס.

דער עלטסטער פון די דריי גרויסע גריכישע טראַגיקער אַיסכילאָס איז געבאָרן אין יאָר 525 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג אין עלעוזיס, ניט ווייט פון אַטהען. עלעוזיס איז געווען איינער פון די הייליקסטע ערטער פון גאַנץ אַטיקע. דאָ פלעגן פאָרקומען די באַרימטע עלעוזינישע מיסטעריען.

די אַרומיקע סביבה האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע השפעה אויפן קליינעם אַיסכילאָסן. זיינע געדאַנקען זיינען שטענדיק געווענדעט געווען צו אַלץ, וואָס איז אומגעוויינלעך און דערהויבן; זיין באַליבטסטע שאַפונגס=פאָרם איז דעריבער געווען די טראַגעדיע.

אין יאָר 484 פאַר קר., זייענדיק 41 יאָר אַלט, האָט אַיסכילאָס באַקומען דעם ערשטן פריז אין עפנטלעכן וועט=קאַמף פון די טראַ=

גיקער. דעמדאָזיקן פּריז האָט ער שפּעטער באַקומען נאָך צוועלף מאָל.

אין דער צייט פון די גריכיש־פּערסישע מלחמות האָט איסכילאָס גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין פיל שלאַכטן. באַזונדערס באַרימט איז ער געוואָרן נאָך די שלאַכטן ביי מאַראַטהאָן און סאַלאַמיס. די גרויסע געשעענישן פון דעמדאָזיקן קריג און דאָס זיגרייכע געפיל פון זיין פאָלק האָט איסכילאָס שפּעטער פאַרייביקט אין דער טראַגעדיע „די פּערסער“.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט איסכילאָס פאַרבראַכט אויף דעם אינזל סיציליע. דאָרט איז ער אין דער שטאָט געלאַ געשטאָרבן אין יאָר 456 פאַר קר.

לויט דער לעגענדע איז איסכילאָס געהרגעט געוואָרן דורך אַ שילדקרעט, וואָס אַ געטלעכער אָדלער האָט געלאָזט פאַלן אויף איסכילאָסעס קאָפּ. אַזוי אַרום איז מקוים געוואָרן די נבואה פונם אָראַקול, וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט דעם פּאָעט, אַז אַ שאָס פון הימל וועט אים טויטן.

די איינוווינער פון דער שטאָט האָבן אויף זיין קבר געשטעלט אַ גרויסאַרטיקע מצבה.

נאָך זיין טויט האָבן די אַטהענער אוועקגעשטעלט זיין סטאַטוע אין טעאַטער און האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז נאָך יעדער פאָרשטעלונג פון זיינע ווערק באַקומט ער, גלייך ווי ער וואָלט געלעבט, אַ זיגער־קראַנץ.

לויט די ידיעות פון די פאָרשער האָט איסכילאָס אָנגעשריבן ביז 80 טראַגעדיעס. צו אונדז אָבער זיינען דערגאַנגען בלויז זיבן: דער געשמידטער פּראָמעטעוס, די פּערסער, זיבן קעגן טעבע, היקעטידן (שוץ־בעטערס) און די טרילאָגיע אָרעסטעיאַ, וועלכע באַשטייט פון: אַגאַמעמנאָן, כאָעפאָרן (די טרעגערינס פון די כלים מיט די הייליקע זאַלבן) און די אוימענידן.

איסכילאָס ווערט מיט רעכט פאַררעכנט פאַרן גרינדער פון דער גריכישער טראַגעדיע. ביז אים האָט אין דער גריכישער דראַמע געהערשט דער מאָנאָלאָג און עס פלעגט געווינטלעך שפּילן נאָר איין אַקטיאָר. איסכילאָס האָט אריינגעפירט אַ צווייטן אַקטיאָר און אַזוי אַרום געשאַפן דעם דראַמאַטישן דיאַלאָג, וועלכער פאַרנעמט דעם הויפּט־אָרט אין דער דראַמע.

איסכילאָס האָט טיילוויז פאַרבריטערט, טיילוויז אויפסניי געשאַפן דעם סצענישן אַפּאַראַט, האָט איינגעפירט אויף דער סצענע דעקאָראַציעס און מאַשינעס, די כאַראַקטער־מאַסקעס פאַר די אַקטיאָרן, שיינע קאָסטיומען, קאָפּ־באַפּוצונגען און אַ הויכן קאָטורן, *) וואָס האָט צוגעגעבן די אַקטיאָרן דעם אויסזען פון אַ העכערן מין מענטשן.

*) אַ מין הויכע געשנירעוועטע שיך אויף דיקע זוילן.

אַיסכילאָס.

דער געשמידטער פּראָמעטעוּס.

טראַגעדיע.

צוערשט אויסגעפירט אלס צווייטע טראגעדיע פון דער פּראָמעטעא-טרילאָגיע פייערברענגענדער, געשמידטער און באפרייטער פּראָמעטעוס, ווארשיינלעך אין סיראקוז אין יאָר 475 פאר קר.

פּערזאָנען:

העפעסטאָס, דער געטלעכער שמיד, צעוסעס זון.

קראַטאָס (קראפט), **ביאַ** (געוואלט), זיינע געהילפן.

אָקעאַנאָס, גאָט פונם וועלט-אָקעאן.

די אָקעאַנידן, זיינע טעכטער (צוויי שפּרעכערינס)

הערמעס, דער געטער-שליח, צעוסעס זון.

יאָ, די טאָכטער פון אינאכאָס, צעוסעס געליבטע.

פּראָמעטעוס, דער טיטאן, יאפעטאָסעס זון.

סצענע: וויסטע פעלזנגעגנט ביים שווארצן ים.

דער הינטערגרונד פון דער טראַגעדיע.

לויט די גריכישע מיטן איז דער אורהערשער פון דער וועלט געווען דער גאָט א ו ר א נ ו ס. קעגן אים איז אויפגעשטאַנען זיין זון ק ר אָ נ אָ ס, וועלכער האָט פאַרנומען זיין טראָן. קראָנאָסן האָט אויך געטראָפן דעם פאָטערס גורל: אים האָט באַזיגט זיין זון צ ע ו ס. נאָר קעגן צעוסן זיינען אַרויסגעטראָטן די ט י ט א נ ע ן. דאָס זיינען געווען ווילדע געטער, וועלכע האָבן געהאָפט מנצח צו זיין צעוסן מיט זייער פיזישער מאַכט. דער קליגסטער פון זיי, פּ ר אָ מ ע ט ע ו ס, האָט זיי פאָרויסגעזאָגט, אַז נאָר מיט שכל און געשייטקייט און ניט מיט פיזישער גבורה וועלן זיי צעוסן באַזיגן. די טיטאַנען האָבן זיך ניט צוגעהערט צו פּראָמעטעוסעס רייד. דאַן איז פּראָמעטעוס צוזאַמען מיט זיין מוטער, דער געטין ט ע ט י ס, אַריבער אויף צעוסעס זייט און געוואָרן צעוסעס הויפּט-יועץ און באַהעלפער אין קאַמף קעגן זיינע שונאים. מיט פּראָמעטעוסעס הילף האָט צעוס באַזיגט די טיטאַנען און אַראָפּגעשליידערט זיי צוזאַמען מיט קראָנאָסן אין טאַרטאַראָס (אונטערערדישן תהום).

אינגיכן האָט זיך אָבער פּראָמעטעוס אויך פאַרזינדיקט קעגן צעוסן.

אין יענער צייט זיינען נאָך די מענטשן געשטאַנען אויף זייער אַ נידעריקער קולטורעלער מדרגה. זיי זיינען נאָך ענלעך געווען צו חיות. צעוס האָט געהאַט בדעה זיי אומצוברענגען און צו באַשאַפן אַנשטאָט זיי אַ העכערן בעסערן דור. פּראָמעטעוס האָט רחמנות געקראָגן אויפן מענטשן-מין און האָט באַשלאָסן אַרויסצוראַטעווען זיי פון דער געפאַר. ער האָט אַרויסגעגנבעט פון הימל דאָס פ י י ע ר און אַזוי אַרום באַשאַפן פאַר די מענטשן אַ מיגלעכקייט פון אַ העכערן אַרט לעבן; ער האָט זיי אויסגעלערנט פאַרשיידענע מלאכות און קונסטן, געשאָנקען זיי די האָפענונג.

פאַר דעמדאָזיקן פאַרברעכן האָט אים צעוס פאַרמשפּט, מע זאָל אים צושמידן צו אַ פעלז און ער זאָל דאָרט הענגען טויזנטער יאָרן.

די טראַגעדיע הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקער סצענע: אין די ווילדע קאַווקאַזער בערג באַווייזן זיך צעוסעס שלוחים ב י א און ק ר א ט אָ ס (מאַכט און גוואַלט), וועלכע פירן מיט זיך פּראָמעטעוסן. הינטער זיי פאָלגט ה ע פ ע ס ט אָ ס מיט זיינע שמיד-מכשירים. לויט צעוסעס באַפעל שמידט ער צו פּראָמעטעוסן צו אַ פעלז. העפעסטאָס טוט זיין אַרבעט אָן חשק, ווייל ער האָט רחמנות אויף פּראָמעטעוסן, וועלכער איז גלייך ווי ער אומשטערבלעך. אָבער ק ר א ט אָ ס און ב י א צווינגען אים צו דערפירן די אַרבעט ביזן סוף און געבן שטאַרק אַכטונג אַז פּראָמעטעוסעס הענט און פיס זאָלן זיין וואָס בעסער צוגעשמידט. בעת דערדאָזיקער אַרבעט איז פּראָמעטעוס פאַרזונקען אין שווייגן. ערשט ווען ער בלייבט אַליין הייבט ער אָן זיך צו באַקלאָגן אויף דער אומיושרדיקייט פון צעוסעס פסק-דין.

פּ ר אָ מ ע ט ע ו ס: אָ הייליקער עטער, ווינטן לייכט-באַפליגלטע,
איר לאַכיק-רוישקע כוואַליעס, אָ, איר שטראָמענקוואַלן,
דו מוטער ערד, און דו אַלזעיק הימלסאויג —
זייט אַלע, אַלע עדות מיר! אָ זעט, וואָס ס'ליידט
אַ גאָט פון געטער!

צאַללאָזע יאָרן פון פּיין אַ פאַרצערטער
מוז איך אַלץ ליידן;
צעוס,דער גאָט פון די זעליקע, האָט מיך אין
קייטן פון פּיין איינגעשמידט.
טאָפּלטע ליידן, אָ, זיינ׳ מיר באַשערט
צינד און אין צוקונפט.
ווען וועט צום יאָמער שוין
נעמען אַ סוף?
וואָס רייד איך אָבער? כ׳ווייס דאָך אַלץ, וואָס קומען דאַרף.
נישט אומדערוואַרטעט טרעפט מיך איצט מיין פּלאָג. איך מוז
געדולדיק טראָגן אַלץ, וואָס מיר באַשערט מיין גורל.
די מאַכט פון מזל איז אוממיגלעך צו באַזיגן.
און דאָך—ווי קען איך שווייגן?... אַך! און שווייג איך ניט—
ניטאָ קיין נאָמען פאַר מיין פּיין. די שטערבלעכע
האָב איך דערלייזט, און אָט ווי שווער איך בין באַשטראָפט.
געריבט האָב איך דעם הייל׳קן פונק, פאַרבאָרגן אין
אַ ראָרנשטאַם, און פאַר די מענטשן איז דאָס פייער
אַ לערער פון פאַרשיידנער קונסט, אַ קוואַל פון נוץ
געוואָרן. אָט פאַר וועלכע זינד איך בין פאַרמשפּט
צו הענגען אין דער לופטן אַ געשמידטער!
אָ וויי!... אָ וויי!...
וואָס הער איך?... וואָס פאַר אַ גערויש? אין עטער שוועבט
אַן אומבאַקאַנטער דופט. איז דאָס פון הימל? פון
דער ערד? געהערט עס ביידן? ווער געגענט אַהער
צו די פאַרוואָרפנע בערג? וויל ער אַן עדות זיין
פון מיינע ליידן און מיין שאַנד? — — — — — — — — —
יאָ, זעט אין קייטן מיך פאַרשטויסנעם גאָט, וואָס איז
פון צעוסן און פון די זעליקע,
וואָס הויזן אין זיין קיניגלעכן שלאָס, דערפאַר
פאַרהאַסט, וואָס צופיל ליב האָט ער געהאַט די מענטשן.
אָ וויי!...
וואָס הער איך ווידער? ס׳קלינגט, ווי נאָענטער פליגלשלאָג
די לופט, פון לייכטן פליגלפּאָך באַרירט, זי זיפּצט.
וואָס ס׳זאָל ניט זיין, אַלץ שרעקט מיך איצט!

די אָקעאַנידן (די טעכטער פון גאָט אָקעאַנאָס) דערשיינען אייבע נאָך דער אַנדערער אויפן שפּיץ בארג.

כאָר: (ערשטע אָקעאַנידע) אָ, שרעק דיך ניט. דאָס ברענגט די ליבע אונדז אַהער
צום איינזאַם ווילדן פעלז. דעם פאָטערס האַרץ איז שווער
געוועזן צו באַוועגן. נאָר עס איז צו אונדז

דער אייזנשאַל דורך ס׳וואַסער אין די היילן טיף
געדרונגען, האָט פאַריאָגט פון אונדז דאָס שעמעוודיק
געפיל, און שנעל באַשטיגן אונדזער פליגלוואָגן,
זייַנ׳ מיר,׳ פון ראַשן ווי־ט געטראָגן, אַהער געקומען.

די אָקעאַנידן שטייגן אַראָפּ פון דער הויך און פראָמעטעוס באַקלאָגט זיך פאַר זיי אויף זייַנע ליידן. ער דערציילט זיי, ווי אַזוי ער האָט מיטגעהאָלפן צעוס באַזיגן די טיטאַנען, באַקלאָגט זיך אויף צעוסעס אומדאַנקבאַרקייט און זאָגט אַזוי:

פראָמעטעוס: איר פרעגט, פאַר וועלכע שולד האָט צעוס מיך באַשטראָפט?
איך וועל אייך ענטפערן אויף דעם: ווי נאָר ער האָט
דעם פאָטערס טראָן פאַרכאַפּט, האָט ער פאַר יעדן גאָט
באַשטימט זיין ערנאַמט, פאַרשענקט די געטער גאָר
די אוצרות פונם הימל און פון דר׳ערד
און זיך זיין הערשאַפט אייַנגעאָרדנט.
די אָר׳מע מענטשהייט אָבער האָט ער שטאַרק באַוועלט:
ניט איינגעטיילט זיי קיין געשאַנק, פאַרקערט, ער האָט
געוואָלט דעם גאַנצן מענטשן־דור אויסראָטן און
שטאָט אים אַן אַנדערן באַשאַפן. און חוץ מיר
האָט קיינער ניט געוואָגט זיך צעוסן אַנטקעגנשטעלן.
איך איינער נאָר האָב עס געטאָן — פון אונטערגאַנג
געראַטעוועט די מענטשהייט. און אָט דערפאַר,
וואָס כ׳האָב געהאַט רחמנות אויף די שטערבלעכע,
האָב איך פון גאָט קיין שום רחמנות ניט פאַרדינט.
אָ, זאָל דער שאַנדפלעק פון מיין פיין אויף צעוסן
דעם אכזר פאַלן!

ערשטע אָקעאַנידע: פון שטיין און אַרץ איז יענעמס האַרץ, ווער ס׳פילט
ניט דייַנע ליידן טיף, אָ, פראָמעטעוס!... איך
האָב קיינמאָל ניט געהאָפט אַזוינס צו זען,
און, זעענדיק דאָס אַלץ, ווערט מיין געמיט צעבראָכן.

פראָמעטעוס דערציילט די אָקעאַנידן, אַז ער האָט נאָך צוגענומען בייַ די מענטשן די פעאיקייט פאָרויסצוזען זייער שיקזאַל דורך דעם, וואָס ער האָט אין זיי איינגעפלאַנצט די בלינדע האָפענונג. אויך — אַז ער האָט געגעבן די מענטשן דאָס פייער, דורך וועלכן זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַ סך אומנות.

די אָקעאַנידן פרעגן פראָמעטעוסן, ווען וועט קומען אַ סוף צו זייַנע ליידן. פראָמעטעוס ענטפערט, אַז דאָס וועט געשען דאַן, ווען צעוס וועט דאָס וועלן.

אויף אַ באַפליגלטן פערד ווייזט זיך דער זקן אָקעאַנאָס, פראָמעטעוסעס אַלטער פרייַנד. אָקעאַנאָס מוסרט פראָמעטעוסן פאַר זייַן צו גרויסער גאווה און ראָט אים זיך אונטערצוגעבן צעוסן. זייַנע עצות רופן אַרויס בייַ פראָמעטעוסן איראָניע. ער ראָט אָקעאַנאָסן צו זיין פאָרזיכטיק, צעוס זאָל זיך ניט דערוויסן, אַז ער, אָקעאַנאָס, האָט פאַרזיכערט פראָמעטעוסן אין זיין פרייַנדשאַפט!... אָקעאַנאָס דערווייטערט זיך. די אָקעאַנידן דריקן נאָכאַמאָל אויס זייער מיטגעפיל צו פראָמעטעוסעס ליידן. פראָמעטעוס ווערט גערירט פון זייער גוטסקייט און דערציילט זיי, ווי אַזוי ער האָט באַגליקט די מענטשהייט.

פראָמעטעוס: — — — — — — פאַרנעמט, וואָס איך
וועל אייך דערציילן וועגן שווערן גורל פון
די שטערבלעכע און ווי אַזוי איך האָב פאַרשטאַנד
די אומפאַרשטאַנדיקע געגעבן, זייער גייסט
פון שלומער אויפגעוועקט. דאָס זאָל קיין פאָרוואורף פאַר
די מענטשן זיין, נאָר צייגן זאָל עס אייך דעם חסד,
וואָס כ'האָב מיט זיי געטאָן. זיי זיינען בלינד געווען,
הגם מיט אָפענע אויגן, האָבן אַלץ געהערט,
דאָך גאָרנישט ניט פאַרנומען. גלייך צו שאָטנס, פונקט
ווי אין אַ חלום, האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט,
ניט קענענדיק פונאַנדערשיידן איין זאַך פון
דער צווייטער. אומבאַקאַנט איז זיי געווען די קונסט
פון בויען הייזער זוניקע, פון האָלץ צי פון
געשטיין. גלייך מילבן האָבן זיי פאַרגראָבן זיך
אין טיפע היילן; ניט געהאַט קיין פעסטן צייכן
דעם קאַלטן ווינטער פון דעם בלומענדיקן פרילינג
און פון דעם פרוכטנרייכן זומער אָפּצושיידן.
געדאַנקענלאָז געווען איז זייער גאַנץ באַנעמען.
ביז איך בין ענדלעך אָנגעקומען און איך האָב
די אָרעמע געוויזן, ווי עס גייען אויף
און גייען אונטער די געשטערן אויפן הימל,
געלערנט זיי די טיפע קענטעניש פון צאָלן
און דעם געבברויך פון שריפט. אויך דאָס געדעכטעניש—
די מוטער פון די מוזן—האָב איך זיי געשאָנקען.
איך האָב דער ערשטער ווילדע פרייע חיות
פאַר זיי אין יאָך געפירט—אַ הילף געזען פאַר זיי
אין מי און אַרבעט. כ'האָב די צוימלוסטיקע פערד
אין וואָגן זיי געשפּאַנט—אַ פריידיק שטאָלצעס בילד
פון רייכקייט און פון שפע. אויך דעם שיפערוואָגן,
דעם לײַנבאַפליגלטן, האָב איך פאַר זיי געבויט,
דעם ים דעם ברייטן דורכצופליען.
דאָך איך, וואָס כ'האָב אַזוי פיל וויסנשאַפטן, קונסט
דערפונדן פאַר דעם מענטשן—פאַר זיך אַליין קען איך
קיין ראַט געפינען, ווי זיך צו באַפרייען פון
מיין ליידנסצוואַנג!...

כאָר: (ערשטע אַקעאַנידע) אָ, ווי! ס'איז גרויס דיין פיין! עס בלאָנדזשעט ראַטלאָז אום
דיין גייסט און, גלייך דעם אומדערפאַרנעם אַרצט, זוכט ער
אַ מיטל, ווי די אייגענע יסורים זיך צו לינדערן,
און קען אים ניט געפינען.

פראָמעטעוס: אָ, הערט נאָר ווייטער און איר'ט זיין נאָך מער דערשטוינט
פון דעם, וואָס פאַר אַ מיני קענטענישן, מיטלען

איך האָב די שטערבלעכע געשענקט. מיין ערשט געשאַנק:
איז עמיצן אַ קראַנקייט ווען באַפאַלן, איז
דערצו קיין רפואה, קיין געטראַנק, קיין זאַלב געזען.
און ס'פלעגט דער חולה אויסגיין אָן שום הילף. ביז איך
האָב זיי די אָנווייזונג געגעבן, ווי אַזוי
פון קרייטעכצער אַ לינדן הייל־געטראַנק צו מישן,
דערמיט די קראַנקייט צו פאַרטרייבן. איך האָב זיי
די טרעפער־קונסט געלערנט, ווי חלומות צו
באַשיידן און לויט זיי פאָרויסצוזען די צוקונפט.
דעם רייזנדן האָב איך געלערנט לויט
סימנים אויפן וועג פאַרשטיין די טונקלע שטים
פון שיקזאַל. כ'האָב זיי אויך דערקלערט דעם פלוג פון די
קרומנעגלדיקע פויגל, זייער אַרט און וועזן,
פריינדשאַפט, פיינדשאַפט און געזעליקייט.
פון איינגעווייד די פאָרם און די פאַרב, וואָס איז
די זעליקע צומייסט לרצון: דאָס געשטאַלט
פון גאַל און לעבער, די מיט פעטס פאַרהילטע שענקלען,
די ברייטע רוקנס—גאָר די שווערע קונסט האָב איך
די שטערבלעכע געוויזן. אויך אַנטפּלעקט פאַר זיי
די סודותפולע צייכנס פון דעם אָפּפער־פלאַם.
אָט דאָס איז מיין געשאַנק... און יענע אוצרות,
וואָס ליגן אין די טיפענישן פון דער ערד
פאַרבאָרגן—אייזן, קופּער, גאָלד און זילבער—ווער
חוץ מיר האָט דאָס אַרויסגעפונען? קיינער וועט
ניט וואַגן דאָס צו לייקענען. בקיצור—אַלץ
איז פּראָמעטעוס' ווערק—די וויסנשאַפט,
די חכמה און די קונסט!

עס לויפט אָן יאָ—אין צעריסענע קליידער, מיט צעשויבערטע האָר, אַ פּאָר הערנער אויפן קאָפּ. זי איז אויך אַ קרבן פון צעוסעס ביזוויליקייט און אכזריות. זיין קורצע ליבע צו איר האָט דערוועקט די אייפערזוכט ביי זיין פרוי הערא, וועלכע האָט דאָס פאַרהעסלעכט יאָ דורך די הערנער און האָט זי פאַרשאָלטן שטענדיק אַרומצולויפן אין אייביקער משוגעת פון איין אָרט אויפן אַנדערן, ווערנדיק כסדר פאַרפאָלגט פון אַ שטעכעדיקער בין. יאָ'ס רייד ווערן אָפט איבערגעריסן דורך אירע ווילדע געשרייען. פּראָמעטעוס דריקט איר אויס מיט־לייד. אַלס זעער (די באַטייטונג פון וואָרט „פּראָמעטעוס" איז—זעער, נביא) זאָגט ער איר פאָר, אַז אירע ליידן וועלן זיך ענדיקן דאַן, ווען זי וועט דערגרייכן דאָס לאַנד מצרים און די ברעגן פון נילוס. אין אַנפאַל פון משוגעת אַנטלויפט יאָ פון פּראָמעטעוסן. אין דעם שמועס מיט יאָ האָט פּראָמעטעוס אויך דערמאָנט, אַז צעוס וועט האָבן אַזאַ מפּלה ווי זיינע פאָרגענגער. די סיבה פון זיין אומקום וועט זיין אַן אומגליקלעכע חתונה, נאָך וועלכער עס וועט ביי אים געבאָרן ווערן אַ זון, וואָס וועט זיין מעכטיקער פאַר אים. אַ רעטונג וועט ער זיך קענען געפינען נאָר דאַן, ווען ער וועט צערייסן פּראָמעטעוסעס קייטן. די דאָזיקע נבואה פון פּראָמעטעוסן איז דערגאַנגען צו צעוסן. ער שיקט אַראָפּ צו פּראָמעטעוסן הערמעסן, כדי צו דערוויסן זיך גענויער, וועגן וואָס פאַר אַ חתונה פּראָמעטעוס האָט גערעדט.

הערמעס: צו דיר, געשייטער דו, וואָס לעסטערט מיט אַזוי
פיל חוצפה אַלע זעליקע, צו דיר, וואָס איז
אַ גנב צ׳ליב דעם מענטשנפאָלק געוואָרן,
טו איך איצט ריידן. עס באַפעלט דער פאָטער דיר,
דו זאָלסט אים גלייך אַנטפּלעקן, וואָס פאַר הייראַטס-בונד
דראָט אים זיין מאַכט אָוועקצורייבן, ווי דו האָסט
באַרימעריש פאָרויסגעזאָגט. און זאָג דאָס דייטלעך, אָן
רמזים. קיין זאַך זאָל פאַרבאָרגן בלייבן. צווינג
מיך ניט אַ צווייטן מאָל צו דיר צו קומען.
דו ווייסט דאָך ווויל, טיטאַן, אַז ניט מיט דראָונגען
וועסטו פון צעוסן אַ חסד זיך דערדינגען.

פראָמעטעוס: ווי פייערלעך און שטאָלץ עס קלינגט דיין וואָרט! אַזוי
צו ריידן פּאַסט פאַר אַ שליח פון אָט די,
וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג אָלימפּאָס׳ טראָן באַשטיגן.
אָ, מיינט ניט, נייע הערשער, אַז ביי אייך אין בורג
וועט אייביק נאָר די לוסט געוועלטיקן. האָב איך
דען ניט געזען פון דאָרט אַראָפּגעשטירצט שוין צוויי
טיראַנען? און דער פאַל פון דריטן, פון
דעם איצטיקן, וועט זיין נאָך שנעלער און
פיל שענדלעכער. דו מיינסט פיליכט איך שרעק זיך און
איך ציטער פאַר די נייע געטער? ניין! גאָר ווייט
בין איך דערפון! דעם סוד וועל איך דיר ניט
אַנטפּלעקן. קענסט זיך גיין, פון וואַן דו ביסט געקומען.

הערמעס: ס׳איז דיין עקשנות בלויז געווען, וואָס האָט אַהער
דיך אין דעם ליידנסהאַפן איינגעשטייערט.

פראָמעטעוס: זיי אָבער וויסן, הערמעס, אַז איך וואָלט מיין שטראָף
און פּיין ניט טוישן אויף דיין שענדלעך שקלאַפיש דינסט.
עס איז פיל חשובער זיין צוגעשמידט צום פעלז,
ווי זיין אַ טרייער קנעכט ביים „פאָטער צעוס!״
באַליידיקונג פאַרדינט באַליידיקונג.

הערמעס: עס שיינט, דו ביסט צופרידן מיט דיין גורל?

פראָמעטעוס: צופרידן? אָ, אַזאַ מין גורל וואָלט
איך ווינטשן אַלע מיינע שונאים און אויך דיר
בתוכם.

הערמעס: האָב איך דען אויך אַ שולד אין דיינע ליידן?

פראָמעטעוס: איך האָס אייך אַלעמען, איר געטער, וואָס איר׳ט מיר
פאַר גוטס מיט בייז באַצאָלט.

הערמעס: דו האָסט פאַר פּיין דעם זין פאַרלאָרן.

פראָמעטעוס: איז דען דער האָס צו פּייניקער שגעון?

הערמעס: וואָלסט אויך אין גליק ניט בעסער זיין.

פראָמעטעוס: אזוי? — אָ ווי! — — — — —

הערמעס: דעם פאָטער צעוסן איז אומבאַקאַנט אזאַ מין קרעכץ.

פראָמעטעוס: די צייט וועט אים נאָך אויסלערנען אַ סך.

הערמעס: נאָר דו האָסט פון דער צייט זיך גאָרנישט אויסגעלערנט.

פראָמעטעוס: דו ביסט גערעכט. אַניט וואָלט איך גאָר מיט אזאַ מין שקלאַף ניט אָנהייבן צו ריידן.

הערמעס: דו ווילסט אַלזאָ ניט ענטפערן דעם פאָטער אויף זיין פראַגע?

פראָמעטעוס: געוויס. צי דען האָט ער ביי מיר קיין דאַנק פאַרדינט?

הערמעס: דו רעדסט מיט מיר, ווי מיט אַ ניט דערוואַקסן קינד.

פראָמעטעוס: ביסטו ניט נאַרישער נאָך פאַר אַ קינד, אויב דו האָסט וועזן געהאָפט פון מיר דעם סוד צו הערן?... נישט
מיט פיין און נישט מיט פאַלשקייט ט׳צעוס צווינגען מיך
אַנטפלעקן אים דאָס אַלעס, וואָס איך ווייס, כל זמן
ער וועט פון קייטנבאַנד מיך ניט באַפרייען! מעג
ער מיך אפילו מיט די בליצן-פלאַמען טרעפן,
מיט שניי פון די ווייספליגלדיקע שטורעמס מיך
פאַרשיטן, מעג ער די יסודות פון דער וועלט
מיט קנאַלן פון די שמעטערדיקע דונערן
דערשיטערן—איך גיב זיך דאָך ניט אונטער--
איך זאָג אים ניט,דורך וועמען ער פאַרלירט זיין טראָן!

הערמעס: באַדענק זיך נאָר!
צי קען דיר דיין עקשנות העלפן?

פראָמעטעוס: איך האָב שוין אַלעס לאַנג פאָרויסגעזען און פעסט באַשטימט.

הערמעס: דיין אומגליק האָט, ווייזט אויס, נאָך אַלץ דיר ניט באַוויזן, וואָס דיר קען נוצלעך אָדער שעדלעך זיין.

פראָמעטעוס: גענוג. זיי שטיל, דו שקלאַף! צי דען האָסטו געמיינט
מיט דראָונגען מיך צו דערשרעקן
און צווינגען מיך די הענט אין אונטערטעניקייט
צום ערגסטן פון די ערגסטע אויסצושטרעקן
און ווי אַ ווייב מחילה בעטן?... ניין! אַזוינס
וועט קיינמאָל ניט געשען!

אין העכסטן צאָרן דראָט הערמעס אויך די אָקעאַנידן מיט אַ האַרבער שטראָף פאַר זייער מיטגעפיל צו פראָמעטעוסן. אָבער פראָמעטעוסעס הערויזם באַגייסטערט זיי און זיי ענטפערן, אַז זיי זיינען גרייט צו ליידן צוזאַמען מיט דעם אומגליקלעכן טיטאַן. די דראָונג פון צעוסן איז גלייך מקוים געוואָרן. עס ברעכט אויס אַ שטורעם, עס פאַלן דונערן און בליצן. די פעלזנשפיצן ווערן איינגעהילט אין שווערע וואָלקנס, די ערד ציטערט און שפּאַלט זיך, און דער פעלז צוזאַמען מיט פראָמעטעוסן זינקט אראָפּ אין אָפּגרונט.

יידיש—מ. חיימסאָן און ש. באָסטאָמסקי.



סאָפאָקלעס.

דער צווייטער גרויסער גריכישער טראַגיקער סאָפאָקלעס איז געבאָרן אין יאָר 496 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג אין קאָלאָנאָס, ניט ווייט פון אַטהען. זיין פאָטער איז געווען זייער אַ רייכער מענטש און האָט געגעבן דעם זון אַ גלענצנדיקע דערציונג. די בעסטע לערער האָבן אים געלערנט פאַרשיידענע וויסנשאַפטן און קונסטן. לויט די עדות פון יענער צייט איז סאָפאָקלעס געווען אַ מייסטער אין באַל־וואַרפן, ציטער־שפּילן און טאַנצן.

נאָך דער שלאַכט ביי סאַלאַמיס (481), אין וועלכער אַיסכילאָס האָט מוטיק געקעמפט, איז סאָפאָקלעס אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אָנפירער פונם יונגלינג־כאָר, וועלכער האָט באַגריסט די זיגער פון דער שלאַכט.

נאָך אַלס יונגערמאַן, אינם יאָר 468 פאַר קר. געב., איז סאָ=

פאָקלעס אַרויסגעטראָטן מיט זיינער אַ טראַגעדיע (געװיי מיט װעלכער איז ניט באַװוסט) אין װעט־קאַמף מיט איסכילאָסן. דער יונגער טראַגיקער האָט אים דאָזיקן קאַמף באַזיגט דעם עלטערן מייסטער און האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז.

סאָפאָקלעס האָט אַריינגעטראָגן װיכטיקע ענדערונגען אין דעם סצעניש געביי פון דער גריכישער טראַגעדיע. ער האָט צוגעגעבן אַ דריטן אַקטיאָר; דער כאָר שפּילט ביי אים אַ פּאַסיװע ראָל בעת ביי איסכילאָסן שפּילט ער אָפט אַן אַקטיװע ראָל און װירקט אויפן גאַנג פון דער פּיעסע.

סאָפאָקלעס האָט אָנגעשריבן ביז 123 קונסטװערק. 24 מאָל האָט ער פאַר זיינע טראַגעדיעס באַקומען דעם ערשטן פּריז, אַ סך מאָל — דעם צװייטן. אויפגעהיט האָבן זיך פון סאָפאָקלעסעס טראַגעדיעס נאָר זיבן: קיניג אוידיפּוס, אוידיפּוס אין קאָלאָנאָס, אַנטיגאָנע, עלעקטרע, טראַכיניערינען, איאַקס און פילאָקטעטעס.

די טראַגעדיע „אַנטיגאָנע“ איז אויפגעפירט געװאָרן אין יאָר 441 פאַר קר. די אַטהענער זיינען געװען אַזוי באַגייסטערט פון דעם דאָזיקן קונסטװערק, אַז אַ חוץ דעם ערשטן פּריז, װאָס זיי האָבן צוגעמשפּט איר אַװטאָר, האָבן זיי אים נאָך אויסגעװיילט פאַר אַ סטראַטעג, ד. ה. פאַר אַ קריגספירער צוזאַמען מיט פּעריקלעסן אין דער מלחמה קעגן סאַמאָס.

אין משך פון אייניקע יאָר איז סאָפאָקלעס אויך געװען פאַרװאַלטער פון דעם מלוכה־אוצר אין אַקראָפּאָל.

סאָפאָקלעס האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין פאָטערשטאָט אַטהען און איז ביי די אַטהענער זייער באַליבט געװען.

די שפּעטערדיקע דורות האָבן אַרומגערינגלט זיין נאָמען מיט כמעט אַ העראָאישן גלאַנץ און װעגן זיין לעבן און טויט געשאַפן פיל שיינע לעגענדעס. אַזוי דערציילט מען, אַז זיין זון יאָפאָנט, אויך אַ טראַגעדיענשרייבער, האָט אָנגעקלאָגט דעם אַלטן פאָטער, אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם פאַרשטאַנד. סאָפאָקלעס איז דאַן אַרויסגעטראָטן פאַרן געריכט מיט „אוידיפּוס אין קאָלאָנאָס“. דאָס געריכט איז באַגייסטערט געװאָרן פון דער הויכער פּאָעזיע פון דער טראַגעדיע און האָט אָפּגעװאָרפן יאָפאָנטס באַשולדיקונג.

געשטאָרבן איז סאָפאָקלעס אין יאָר 406 פאַר קר. אין עלטער פון 90 יאָר.

סאָפאָקלעס.

קיניג אוידיפוס.

טראַגעדיע.

פערזאָנען:

אוידיפוס, קיניג פון טעביי.

יאָקאַסטע, קיניגין.

קרעאָן, דעם קיניגס ברודער.

טיירעזיאַס, זעער (בלינד).

פריסטער.

שליח פון קאָרינט.

פּאַסטוך.

דינער.

צוויי קינדער, דעם קיניגס טעכטער.

כאָר פון טעבאַנישע זקנים.

סצענע: פרייער פלאַץ פאַר דעם קיניגס פּאַלאַץ אויף דער פעסטונג אין טעביי. אין דעם ערשטן אויפטריט זעט מען א מחנה יונגלינגען און קינדער, אָנגעפירט פון פריסטער, וואָס זיצן אַרום די מזבחות מיט איילבערט-צווייגן אין די הענט.

דער הינטערגרונד פון דער טראַגעדיע .

אין דער גריכישער שטאָט טעביי, וואָס איז געגריינדעט פונם גרויסן העלד קאַדמאָסן, קיניגט לאַיאָס לאַבדאַקאָסעס זון . א לאַנגע צייט האָט לאַיאָס מיט זיין ווייב יאָקאַסטע ניט געהאַט קיין קינדער . ווען זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביים אָראַקול אין טעמפּל פון דעלפאַי, האָט גאָט אַפּאָלאָן געגעבן זיי אַזאַ תשובה : עס וועט ביי זיי געבאָרן ווערן אַ זון, וואָס וועט טויטן זיין פאָטער און חתונה האָבן מיט זיין מוטער .

אין א צייט אַרום איז ביי זיי טאַקע געבאָרן געוואָרן אַ זון. כדי עס זאָל ניט מקוים ווערן די שרעקלעכע נבואה פונם אָראַקול, נעמען די עלטערן דאָס עופהלע און גיבן דאָס אַוועק צו אַ פּאַסטוך , ער זאָל דאָס אַוועקוואַרפן ערגעץ אין די וויסטע בערג . נאָר דער פּאַסטוך דערבאַרעמט זיך אויפן יונגן קינד און שענקט דאָס אַוועק אַן אַנדער פּאַסטוך פון דער שטאָט קאָרינט , מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט אין די בערג.

דער קיניג פּאָליבאָס פון קאָרינט, וואָס האָט אַליין קיין קינדער ניט , נעמט צו דעם יינגעלע צו זיך און האָדעוועט אים אויס אין עושר און אין כבוד, ווי אַן אייגן קינד . אוידיפּוס—אַזוי גיט מען אים אַ נאָמען — איז דער קינפטיקער יורש פון קאָרינטער טראָן . און ער איז זיכער, אַז ער איז פּאָליבאָס' אַן אמתער זון . נאָר איינמאָל, בעת אַ סעודה מיט די יונגלינגען פון קאָרינט , צעקריגט זיך איינער פון זיי מיט אוידיפּוסן און כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט "אונטערגעוואָרפענער" . אוידיפּוס גייט אַוועק צו זיינע עלטערן און פאָדערט אויפקלערונג . זיי פלייסן זיך צו באַרויקן אים . זיי באַשטראָפן דעם באַליידיקער . נאָר אוידיפּוסעס ספקות ווערן ניט אַנטשוויגן און ער לאָזט זיך אַוועק בסוד צום דעלפישן אָראַקול — אויף צו דערגיין ביי אַפּאָלאָנען דעם סוד פון זיין אָפּשטאַמונג . דער גאָט ענטפערט אים נישט אויף זיין פראַגע , נאָר דערפאַר זאָגט ער אים אָן אַן אַנדער בשורה , נאָך אַ שרעקלעכערע : אַז אים איז באַשעו'ט צו טויטן זיין פאָטער און חתונה צו האָבן מיט זיין מוטער . אוידיפּוס ווערט פאַרציטערט פון דער נבואה און ער באַשליסט קיינמאָל ניט אומקערן זיך קיין קאָרינט צו זיין פאָטער און מוטער , כדי אויסצומיידן די שרעקלעכע סכנה . נאָר דוקא איצט, ווען ער שטרעבט מיט אַלע כוחות צו אַנטלויפן פון אומגליק , שטעלט זיך דאָס אומגליק אַוועק פאַר אים . ער וואַנדערט . ביי אַ שייד-וועג , ניט ווייט פון דעלפאַי, באַגעגנט ער אַ וואָגן . אינעווייניק זיצט אַן אַלטער מאַן מיט פינף באַגלייטער. דער וואָגנפירער גיט אוידיפּוסן אַ שטופּ אָן אַ זייט . אוידיפּוס שטעלט זיך אַנטקעגן און וויל פאַרבייגיין פאַרביי דעם וואָגן . נאָר דאָ גיט אים דער אַלטער מאַן אַ קלאַפּ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ . ביי אוידיפּוסן צעשפּילן זיך די געבליטן . מיט איין קלאַפּ לייגט ער אַוועק אויף טויט דעם זקן , דערנאָך נעמט ער זיך שלאָגן מיט די באַדינער און ער דערהרגעט אַלעמען , אחוץ איינעם . אָט דער איינער אַנטלויפט קיין טעביי , פון וואַנען ער איז געקומען , און דערציילט דאָרט דעם גרויל — אַז אַ באַנדע רוצחים האָט געטויט דעם קיניג . וואָרום אָט דער זקן איז געווען דער קיניג לאַיאָס , וואָס האָט זיך געקליבן קיין דעלפאַי . אָט אַזוי האָט אוידיפּוס ניט וויסנדיק און ניט ווילנדיק מקיים געווען דעם ערשטן טייל פונם געטלעכן שפּראַך .

אוידיפּוס וואַנדערט ווייטער און קומט צו נאָענט ביז טעביי , זיין אמתער היים-שטאָט . דאָ קלאָגט מען שוין ניט אויפן טויט פון קיניג , ווייל עס האָט זיך געמאַכט אַ גרעסערער בראָך : אַ ספינקס , אַ פאַרזעעניש , האַלב לייב, האַלב מיידל , האָט באַלאַגערט די שטאָט . ווער עס גייט פאַרביי , דעם גיט זי אויף אַ רעטעניש , און ווער עס קען ניט באַשיידן די רעטעניש , דעם דערשטיקט זי . די טעבאַנער האָבן חודיע געווען, אַז ווער עס וועט בייקומען די ספינקס , דער וועט ווערן קיניג אין טעביי און וועט חתונה האָבן מיט דעם קיניגס אַלמנה .

הונדערטער יונגע טעבאַנער זיינען שוין געפאַלן אַ קרבן פון דער ספינקס .

אוידיפּוס קומט און די ספינקס זינגט פאַר אים איר קשיה : וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש: אינדערפרי אויף פיר פיס , בייטאָג אויף צוויי פיס , פאַרנאַכט אויף דריי פיס און ווען זי האָט די גרעסטע צאָל אברים , איז די געשווינדקייט די קלענסטע ? אוידיפּוס טרעפט : סאיז דער מענטש . אינדערפרי , קינדוויז , קריכט ער אויף אַלע פיר און דאַן רירט ער זיך פון אָרט גאָר פּאַמעלעך . בייטאָג , אַ דערוואַקסענער, גייט ער אויף צוויי פיס . און דאָס איז דער העכסטער שטאַפּל פון זיין קראַפט. פאַרנאַכט, ס'הייסט אויף דער עלטער , שפּאַרט ער זיך אָן אויף אַ שטעקן און האָט דריי פיס .

פון גרויס פאַרצווייפלונג, וואָס איר סוד איז אַנטפּלעקט, וואַרפט זיך די ספינקס אַראָפּ פונם פעלז . אוידיפּוס קומט צוגיין קיין טעביי, ווי אַ באַפרייער און ער באַקומט זיין שכר. אַפּאָלאָנס שפּראַך איז מקוים געוואָרן.

לאנגע יאָרן הערשט אוידיפוס גליקלעך און צופרידן איבערן פאָלק פון די טעבאנער. נאָר אַט שיקט אַפּאָלאָן צו אַ שרעקלעכע מגפה. עס פאַלן די מענטשן און דאָס פי. די פרויען קענען ניט גע־ווינען. קיינער ווייס ניט קיין תרופה. דאָס פאָלק קלייבט זיך דאַן צונויף ביים פּאַלאַץ פון אוידיפוס, כדי צו בעטן ביי אים הילף קעגן דער פּעסט. אוידיפוס ווענדעט זיך צום פאָלק מיט די ווערטער.

אוידיפוס: אָ, קינדער, יונגער שפּראָץ פון קאַדמאָס' אַלטן שטאַם,
זאָגט, וואָס האָט איר זיך אויסגעזעצט דאָ אויפן פּלאַץ,
מיט איילבערט־צווייגן, גלייך ווי בעטערס, אין די הענט?
און דאָ איז פול די גאַנצע שטאָט מיט ווייַרעך־דופט,
און אומעטום איז פול געבעט און וויי־געשריי.
איך האָב דאָס ניט געוואָלט דערגיין פון פרעמדן מויל
און כ'קום דערפאַר אַליין צוגיין צו אייך אַהער,
ווו אַלע רופן מיך דער גרויסער אָוידיפוס.
רייד דו פאַר זיי, אָ זקן, ווייל דיר שטייט דאָס אָן,
און לאָזט מיך וויסן, וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער:
ס'איז שרעק נאָר, אָדער ס'איז דאָס אומגליק שוין געשען?
איך וויל אייך ביישטיין מיט אַלצדינג; ווייל אָן געפיל
וואָלט איך געווען, ווען איך בלייב האַרט צו דעם געבעט.

דער פּריסטער: (צו וועלכן אוידיפוס האָט זיך געווענדעט).
דו זעסט אונדז, אוידיפוס, באַהערשער פון מיין לאַנד,
דאָ זיצנדיק אינייגעם פאַר די במות פון
דיין הויז: אַ טייל, וואָס קאָנען נאָך ניט פליען ווייט,
און טייל באַשווערט פון אַלטקייט: דאָ די כּוהנים—
איך — צעוסעס — און דאָ—די בעסטע יונגלינגען
מיט אונדז. דאָס איבעריקע פאָלק זיצט אויף די מערק,
פאַרביידע פּאַלאַץ־טעמפּלען, פאַר דער טרעפער־אַש
פון פּאַיבאָסן, באַקרענצט און רופנדיק נאָך הילף.
דו זעסט אַליין, ווי שטאַרק עס טרייסלט זיך די שטאָט:
זי קאָן שוין ניט דעם קאָפּ אַ הייב טאָן פון דער אינד,
אָט־אָט ווערט זי פאַרזונקען אינגם תהום פון בלוט.
זי שטאַרבט אַוועק. די בליונג פון די פעלקער פוילט.
זי שטאַרבט אַוועק. עס פאַלט דאָס פי, און ס'בלייבט אָן פרוכט
דאָס ווייעניש פון פרויען. ס'האָט דער פלאַמען־גאָט
אַריינגעריסן זיך צו אונדז — אין שטאָט איז פּעסט.
פאַראייַנזאַמט ווערט דאָס הויז פון קאַדמאָסעס געבורט.
און רייך ווערט האַדעס מיט געקרעכץ און גוואַלד־געשריי.
מיר וויסן גוט, איך און די קינדער דאָ, אַז דו
ביסט ניט געגליכן צו די געטער. נאָר געוויס
ביסטו דער ערשטער ביי די מענטשן סיי אין דעם,
וואָס ס'לעבן ברענגט, סיי וואָס די געטער שיקן צו.
דו האָסט דאָך אויסגעלייזט די שטאָט פון יענעם צינז,
וואָס מיר האָבן געצאָלט דער בייזער זינגערין,
און ניט וואָס מיר האָבן געגעבן דיר אַ ראַט,

צי אויסגעלערנט דיך. אַ גאָט האָט דיך געשטיצט
און מיר זיינען געוואָרן אויפגעריכט דורך דיר.
איצט קומען מיר, אָ קיניג מעכטיקער, צוגיין
און ווענדן זיך צו דיר אַבּן פּעטן רחמים: העלף!
געפין אונדז צו אַ תּרופה: צי אַ גאָטס אַ שפּראַך
אָדער אַ מענטשנס ראַט, וועג אָפּ און זאָג אונדז אָן.
אוּיף! בעסטער פון די מענטשן און ריכט אויף די שטאָט!
אוּיף! און באַטראַכט זיך גוט; היינט רופן מיר דיך אָן
באַפרייער נאָך צוליב דיין פריערדיקן זכות;
זאָל קיינמאָל דאָ פון דיר ניט גיין דאָס וואָרט, אַז ערשט
האָסטו אונדז אויסגעלייזט און דאַן געלאָזט צום גרונד.
אַ צווייטן מאָל ריכט אויף מיט פעסטע הענט די שטאָט;
באַווייז, אַז דו ביסט נאָך דער אייגענער, וואָס האָט
אונדז דאַן ביי גינציקע סמנים גליק געבראַכט.
ווייל אויב דו מיינסט אין לאַנד צו קיניגן, איז דאַן
אַ לאַנד מיט מענטשן שענער איידער וויסטעניי.
ווייל וואָסער ווערדע האָט אַ טורעם צו אַ שיף,
וואָס איז געבליבן עלנט, אָן די קריגערס שוץ?

אוידיפּוס: איר קינדער אָרעמע! באַוווּסט, צו גוט באַוווּסט
איז מיר, נאָך וואָס איר זייט געקומען! אָ, איך ווייס,
אַז אַלע ליידט איר, אָבער ליידנדיק, איז פּאָרט
קיין איינער ניט ביי אייך, וואָס ליידט אַזוי ווי איך.
וואָרום ביי אייך רירט אָן דער ווייטאָק אייבעם נאָר,
דעם יחיד פאַר זיך, ניט קיין צווייטן. מיין שווער האַרץ
קומט אָפּ פאַר גאָר דער שטאָט, פאַר מיר און דיר צוגלייך.
דעריבער וועקט איר מיך ניט אויף פון שלאָף אַצינד;
ניין, גלויבט מיר, טרערן פיל האָב איך פאַרגאָסן שוין
און וועגן פיל געזוכט אין פּלאָנטער פון דער זאָרג.
דאָס איינציקע, וואָס כ'האָב געפונען זוכנדיק,
האָב איך שוין אָפּגעטאָן. איך האָב אַוועקגעשיקט
מיין שוואָגער קרעאָנען מענאָיקעוסעס זון,
צום פּאָיבאָס־הויז קיין דעלפאָי, נאָכצופרעגן זיך,
מיט וואָסער טאַט צי וואָרט כ'קאָן ראַטעווען די שטאָט.
איך נעם שוין זאָרגן באַלד, וואָס מאַכט ער, ווען איך צייל
די טעג, זינט ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט; צו לאַנג
פאַרזאַמט ער זיך אין וועג; מער ווי ס'געהער צו זיין.
נאָר ווי ער קומט, וואָלט איך געווען אַ שלעכטער מענטש,
ווען כ'טו ניט אַלץ, וואָס פאָיבאָס וועט מיר הייסן טאָן.

פּריסטער: דו האָסט געטראָפן גוט מיט דיינע ווערטער: פּונקט
זאָגט מען מיר אָן די בשורה: קרעאָן גייט אַהער.

אוידיפוס: אָ, האַר אַפּאָלאָ, וואָלט ער ברענגען אונדז מיט זיך
אַ גליק, וואָס שיינט, פּונקט ווי עס שטראַלט זיין אויג.

פּריסטער: עס האָט אַ פּנים, ער איז פריילעך; ווייל אַ ניט
וואָלט ער ניט גיין באַקרענצט דעם קאָפּ מיט לאָרבערצווייג.

אוידיפּוס: באַלד וועלן מיר דערגיין; שוין גרייכט צו אים מיין שטים.
מיין ליבער שוואָגער, האַר, מענאָיקעוסעס זון,
וואָס פאַר אַ שפּראָך האָסטו געבראַכט אונדז פונם גאָט?

קרעאָן: אַ מזלדיקן. ווייל ביי מיר קומט אויס, אַז אויך
דאָס שווערלעכע איז גוט, אויב ס'לאָזט זיך נאָר גוט אויס.

אוידיפּוס: ווי איז אַפּאָלאָס תשובה? ניט באַהאַרצט און ניט
דערשראָקן האָסטו מיר געמאַכט מיט דיינע רייד.

קרעאָן: אויב דו ווילסט הערן מיך אין זייער ביייזיין, בין
איך גרייט—אַניט לאָמיר אַריינגיין אין דיין הויז.

אוידיפּוס: פאַר אַלעמען זאָג אויס: ווייל שווערער דריקט דער צער
פון זייערט וועגן מיך, ווי זאָרג פאַר מיר אַליין.

קרעאָן: טאָ לאָמיך זאָגן, וואָס כ'האָב פונם גאָט געהערט.
דעם האַר אַפּאָלאָנס וואָרט איז שיימפּערלעך: ער הייסט
באַפרייען זיך פון בלוט=פלעק, וועלכער ליגט אויף אונדז
פון לאַנג, און אויסראָטן די טומאה פונם לאַנד.

אוידיפּוס: דורך וואָסער לייטערונג? וואָס איז דאָס פאַר אַ זינד?

קרעאָן: די לייטערונג איז גירוש אָדער טויט פאַר טויט:
ווייל יענער מאָרד באַשטורעמט איצט די שטאָט.

אוידיפּוס: און ווער איז יענער, וועמעס טויט דער גאָט ווייזט אָן?

קרעאָן: מיר האָבן פריער, האַר, געהאַט ביי אונדז אין שטאָט
אַ קיניג לאַיאָס, איידער דו האָסט אונדז רעגירט.

אוידיפּוס: איך האָב אים ניט געזען: נאָר כ'ווייס, איך האָב געהערט.

קרעאָן: אַפּאָלאָ הייסט בפירוש: מיט אַ שווערער האַנט
די קיניגס=מערדער שטראָפן, ווער דאָס זאָל ניט זיין.

אוידיפּוס: ווו זיינען זיי? ווי קאָן מען זיי געפינען איצט?
די שפּור פון אַלטע עוולות לאָזט זיך שווער דערגיין.

קרעאָן: ביי אונדז אין לאַנד, זאָגט ער. דאָס, וואָס מע זוכט, געפינט
מען אויס. אויף וואָס מע גיט ניט אַכטונג, דאָס אַנטלויפט.

אוידיפּוס: ווו איז געטייט געוואָרן לאַיאָס? דאָ ביי זיך
אין שטוב? אין פעלד? צי ערגעץ אין אַ פרעמדן לאַנד?

קרעאָן: ער לאָזט זיך צום אָראַקול, האָט ער אונדז געזאָגט.
פון יעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט.

אוידיפּוס: און קיין שום וועגסמאַן, קיין באַלייטער ט'ניט געזען
אַזוינס, וואָס מע זאָל קאָנען דרינגען וואָס דערפון?

קרעאָן: געפאַלן זיינען אַלע. איין און איינציקער
איז קוים אַנטלאָפן און האָט אויך געוווּסט נאָר איינס.

אוידיפּוס: וואָס איז דאָס? איינס קאָן אונדז אויך לערנען פיל. לאָמיר
געפינען כאָטש אַ רמז פון אַ האָפענונג.

קרעאָן: גזלנים, ט'ער געזאָגט, זיינ' אָנגעפאַלן און
דערהרגעט אים. ניט איינער, נאָר אַן אויבערמאַכט.

אוידיפּוס: אַ גזלן איז געגאַנגען אויף אַזאַ געפאַר?
געוויס האָט מען מיט געלט געאַרבעט דאָ אין שטאָט.

קרעאָן: אַזוי האָט מען גערעכנט; נאָר דורך אונדזער לייד
האָט זיך קיין גואל ניט געמאַכט פאַר לאַיאָס' בלוט.

אוידיפּוס: מע האָט געהרגעט אייער קיניג: וואָסער לייד
האָט אייך געשטערט באַלד אויסצופאָרשטן דעם פאַרברעך?

קרעאָן: די ספינקס ט'געצווּנגען אירע קשיות און דער בראָך
פון יענער שעה האָט אונדז געמאַכט פאַרגעסן אַלץ.

אוידיפּוס: גוט. אויב אַזוי, וועל איך אַצינד אַנטפּלעקן דאָס.
יאָ, ווערדיגלעך האָט פאָיבאָס, ווערדיג האָסטו אויך
זיך אָנגענומען פאַרן טויטן; און אין מיר
וועט איר דערזען דעם מיטקעמפער, וואָס וועט
זיך איינצושטעלן פאַר דער שטאָט און פאַרן גאָט.
ווייל ניט פאַר ווייטע קרובים נעם איך דאָ זיך אָן:
מיין אייגנע טובה הייסט מיר אויסראָטן דעם גרויל.
ווייל ווער עס זאָל ניט זיין דער מערדער, ס'קאָן דאָך אים
פאַרגלוסטן זיך צו הייבן קעגן מיר זיין האַנט.
איך שיץ דעריבער זיך, אויב איך שטיי יענעם ביי.
שטייט אויף וואָס גיכער, קינדער, פון די שטיגן דאָ,
די געטער-צווייגן פון די במות נעמט אַוועק,
און עמיצער זאָל זאַמלען קאַדמאָס' פאָלק אַהער.
כ'בין גרייט צו פּרוּוון אַלץ, צי אונדז איז גליק באַשערט
פון גאָט, צי אונטערגאַנג — מיר טוען וואָס ער הייסט.

פּריסטער: יאָ, קינדער, לאָמיר אויפשטיין, ווייל מיר זיינען דאָך
געקומען טאַקע צוליב דעם, וואָס ער זאָגט צו.
און פאָיבאָס, וועלכער האָט געשיקט דעם שפּראָך, זאָל זיין
צוגלייך אַ רעטער און דערלייזער פון דער קרענק.

(די קינדער און זקנים אָפּ, קרעאָן און זיינע באַגלייטער דאַסגלייכן. נאָר אוידיפּוס בלייבט שטיין פאַרן פּאַלאַץ און וואַרט אויף דער פאָלקספאַרזאַמלונג).

מע הייבט אָן זוכן די מערדער. אוידיפוס איז מחייב אַלעמען זיי זאָלן זאָגן, וואָס זיי ווייסן פון דעם מאָרד. ער זאָגט צו צו באַלוינען דעם, וואָס וועט דעם פארברעכער אָנווייזן און באַשטראָפן דעם, וואָס וועט אים פארבאָרגן. לויט דער עצה פון די זקנים (כאָר) שיקט ער נאָך דעם בלינדן זעער טײרעזיאַסן. טײרעזיאַס קומט. ער זאָגט, אַז ער ווייס, ווער דער מערדער איז, נאָר וויל אים ניט אָנרופן. דאָס רופט אַרויס אוידיפוסעס צאָרן. צווישן אוידיפוסן און דעם זעער קומט פאָר אַן אויסטויש פון שאַרפע ווערטער. דאַן מעלדעט טײרעזיאַס אוידיפוסן, אַז ער, אוידיפוס, איז דאָס דער געזוכטער פאַרברעכער, דער מערדער פון זיין פאָטער און דער מאַן פון זיין מוטער. טיף באַליידיקט, דריקט אוידיפוס אויס זיין חשד, אַז קרעאָן צוזאַמען מיט טײרעזיאַסן האָבן דערהרגעט לאַיאָסן און איצט ווילן זיי אַרויפוואַרפן די שולד אויף אים, כדי קרעאָן זאָל באַקומען דעם טראָן. עס קומט אָן קרעאָן. ער פלייסט זיך צו באַווייזן אוידיפוסן, אַז זיין חשד איז אומבאַגרינדעט. אינדעם קומט אָן די קיניגין יאָקאַסטע.

יאָקאַסטע: אום גאָטעס ווילן, קיניג, זאָג, וואָס איז
די סיבה פון דיין גרויסן צאָרן איצט?

אוידיפוס: דיר זאָג איך דאָס, וויל דיך, אָ ווייב, אַכט איך פיל מער,
ווי זיי—דערצאָרנט האָט מיך קרעאָנס בגידה.

יאָקאַסטע: זאָג, אויב דו קענסט באַגרינדן די באַשולדיקונג.

אוידיפוס: ער זאָגט, אַז לאַיאָס' מערדער—דאָס בין איך.

יאָקאַסטע: אַליין ווייס ער דאָס, צי פון אַנדערע געהערט?

אוידיפוס: אָ ניין, דעם בייזן זעער האָט ער צוגעשיקט
אַהער; די אייגנע ליפּן האַלט ער ריין.

יאָקאַסטע: יאָ. אויב אַזוי, באַפריי דיין זין פון שרעק און הער:
דערציילן וועל איך דיר, אַז ס'האָט קיינמאָל
אַ שטערבלעכער די זעער־קונסט באַזעסן. כ'ברענג
דערצו דיר פעסטע ראיות: לאַיאָס האָט אַמאָל
אַ שפּראָך אַ שרעקלעכן באַקומען—כ'זאָג ניט, אַז
פון פאָיבאָסן אַליין, נאָר פון די דינער זיינע—,
אַז ס'איז באַשערט אים אומצוקומען פון אַ זון,
וואָס וועט פון מיר און אים געבוירן ווערן;
אין אמתן ז'דער קיניג גאָר, ווי ס'ווערט דערציילט,
דורך אומבאַקאַנטע מערדער אויפן ווייטן דרייוועג
געטויט געוואָרן. און דער ביי־געבוירענער—
עס זיינען נאָך קיין דריי טעג ניט אַריבער, זינט
ער האָט די שיין דערזען—האָט אים דער פאָטער שוין
מיט איינגעשמידטע פיס דורך פרעמדע הענט געלאָזט
אין ווײסטע בערג פאַרוואַרפן, און אַזוי אַרום
האָט פאָיבאָס ניט דערלאָזט, אַז מאָרדן זאָל דער זון
דעם פאָטער. אויך — אַז לאַיאָס זאָל, ווי ער האָט זיך
געפאָרכט, פון אייגנעם זון דערמאָרדעט ווערן. אָט

וואָס פאַר אַ האַפט עס האָט די נבואה פון די זעער.
ניט גלויב אין זיי, דען וואָס דער גאָט אַנטפּלעקן וויל,
אַנטפּלעקט ער לייכט אַליין.

אוידיפּוס: אָ ווייב, ווי ווערט מיין זעל דערשיטערט און מיין גייסט
פאַרווירט פון דיינע ווערטער!

יאָקאַסטע: וואָס פאַר אַ נייע זאָרגן וועקט מיין וואָרט אין דיר?

אוידיפּוס: מיר דאַכט, איך האָב פון דיר געהערט, אַז לאַיאָס איז
דערמאָרדעט אויף אַ דרייוועג?

יאָקאַסטע: אַזוי האָט מען דערציילט. מע זאָגט אויך איצט דאָסזעלבע.

אוידיפּוס: ווו איז דאָס אָרט, ווו ס'איז דאָס אומגליק פאָרגעקומען?

יאָקאַסטע: פאָקידע הייסט דאָס לאַנד. עס טרעפן זיך צונויף
צוויי וועגן דאָרט: פון דעלפאָי און פון דאַוליאַ.

אוידיפּוס: און וויפיל צייט איז שוין זינט דאַן פאָריבער?

יאָקאַסטע: דערהאַלטן האָבן מיר די בשורה קורץ פאַר דעם,
ווי דו האָסט איבער אונדזער שטאָט די מאַכט באַקומען.

אוידיפּוס: אָ, צעאוס, וועלכן גורל האָסטו מיר באַשטימט!

יאָקאַסטע: פאַרוואָס איז דיך באַפאַלן אַזאַ שרעק, אוידיפּוס?

אוידיפּוס: ניט פרעג מיך, לאָז. באַשרייב מיר בעסער לאַיאָס' וווקס
זיין אויסזען און זיין עלטער.

יאָקאַסטע: קוים באַזילבערט זיינע האָר; און זיין
געשטאַלט האָט ווייניק זיך פון דיינעם אונטערשיידט!

אוידיפּוס: אָ וויי! מיר שיינט, כ'האָב אומבאַוווסט אויף זיך אַליין
אַ מוראדיקע קללה אויסגערופן.

יאָקאַסטע: וואָס רעדסטו, קיניג? כ'שרעק מיך קוקנדיק אויף דיך.

אוידיפּוס: כ'האָב מורא, אַז דער בלינדער גרייז האָט גוט געזען,
נאָר דאָס וועט ווערן קלאָר, ווען דו'סט מיר נאָך איינס זאָגן.

יאָקאַסטע: עס שוידערט מיך. דאָך פרעג. איך זאָג דיר אַלץ, וואָס כ'ווייס.

אוידיפּוס: צי איז דער פירשט מיט ווייניק לייט אַרויס אין וועג,
אָדער עס האָבן אים אַ סך באַלייט, ווי ס'איז
דער מנהג פון אַ מושל?

יאָקאַסטע: צוזאַמען זיינען פינף געווען, און צווישן זיי—
אַ העראָלד. לאַיאָס האָט איין וואָגן בלויז געהאַט.

אוידיפוס: אָ ווײ! עס ווערט מיר אַלעס קלאָר. דערצײל, אָ ווײב,
פון וועמען האָט איר זיך דאָס אַלץ דערוווּסט?

יאָקאַסטע: פון קנעכט, דעם אײנציקן, וואָס איז געבליבן לעבן
און איז צוריקגעקומען.

אוידיפוס: ווו איז ער איצט? בײ אונדז אין הויז?

יאָקאַסטע: אָ נײן! צוריקגעקומען און דערזען, אַז דו
באַזיצסט די מאַכט, און לאַיאָס—אומגעקומען, ט'ער,
באַרירנדיק מײַן האַנט, גענומען בעטן זיך,
איך זאָל אים שיקן אויף דאָס לאַנד צו פיטערן
די פיך, כדי ער זאָל שוין די שטאָט ניט אָנזען מער.
איך האָב אים דאָס דערלויבט, דען נאָך אַ גרעסערן שכר
איז ווערט געווען דער טרײַער קנעכט.

אוידיפוס: צי וואָלט ניט מיגלעך זײַן אים גלײַך אַהער צו ברענגען?

יאָקאַסטע: ס'איז מיגלעך. דאָך צו וואָס באַגערסטו דאָס?

אוידיפוס: אָ, קיניגין, כ'האָב מורא, איך האָב צופיל שוין
געזאָגט, צו וואָס איך דאַרף אים זען.

יאָקאַסטע: גלײַך קומט ער. דאָך אויך איך בין ווערט, אוידיפוס, זאָלסט
מיר זאָגן, וואָס עס מאַכט דיר שווער דײַן האַרץ.

אוידיפוס: איך וויל פון דיר קײן זאַך פאַרבאָרגן. דו, מײַן פרײַנד,
ביסט מער פון אַלע ווערט צו וויסן, ווען צער
עס דריקט מײַן האַרץ. פּאָליבאָס פון קאָרינט ז'געווען
מײַן פאָטער און מעראָפּע, די דאָריאַנערין—
מײַן מוטער. איך בין אַלס דער ערשטער פון די בירגער
געערט געווען, ביז וואַן מיט מיר ז'אַזוינס געשען,
וואָס גיכער איז באַוווּנדערונג ווי שרעק געווען ווערט:
עס האָט אַמאָל בײַם מאָלצײַט ווער, אַ שכּורער
פון ווײַן, אַ וואָרף געטאָן אין פּנים מיר:—כ'בין ניט
מײַן פאָטערס לײַבלעך קינד. כ'האָב אויפגעברויזט פון כּעס;
דאָך האָב איך זיך דעם טאָג מיט גרויסער מי באַהערשט.
אויף מאָרגן בין איך צו די עלטערן געגאַנגען,
זײ זאָלן מיר באַשײדן אָט דאָס בײזע וואָרט.
מיט ברענענדיקן צאָרן קעגן דעם, וואָס האָט
דאָס וואָרט געלאָזן פאַלן, האָבן זײ די זאַך
געלײקנט. דאָס האָט מיך באַרויִקט, אָבער ניט אויף לאַנג;
אין האַרצן האָט אויפסנײ גענומען נאַגן, און
דעריבער בין איך בסוד פון מײַנע עלטערן
אַוועק קײן פּיטהאָן. אָבער פאָיבאָס ט'מיר קײן ענטפער
אויף מײַנע פראַגן ניט געגעבן. כ'האָב דערפאַר

דערהערט פון אים אַ נבואה גאָר אַן אַנדערע,
וואָס ט'אָנגעפילט מיין האַרץ מיט אימה, פיין און גרויל —
אַז איך וועל זיין מיין אייגנעם פאָטערס מערדער און
וועל נעמען פאַר אַ פרוי מיין מוטער און מיט איר
אַ דור געבערן, אומדערטרעגלעך פאַר די מענטשן.
דערהערט דאָס וואָרט פון גאָט, האָב איך באַשלאָסן גלייך
קאָרינטאָס לאַנד פאַרלאָזן, ריכטנדיק מיין וועג
לויט ווייטן שטערנלויף, אַהין, ווו ס'זאָל קיינמאָל
דער בייזער שפּראָך מקוים ווערן. אָט אַזוי
בין איך געקומען צו דעם אָרט, ווו, ווי דו זאָגסט,
דער קיניג לאַיאָס איז געפאַלן ...

דאָ האָט ער באַגעגנט אַ פור, אין וועלכער עס זיינען געזעסן אַן אַלטער מאַן — אַזאַ, ווי זי האָט אים באַשריבן, און הינטער אים — אַ העראָלד מיט נאָך פיר באַדינער. דער פורמאַן און דער זקן האָבן מיט גרויס גראָבקייט אים געהייסן אָפּטרעטן פון וועג. ער איז אין כעס געוואָרן און דערלאַנגט אַ קלאַפּ דעם פורמאַן. דאַן האָט דער אַלטער, אָפּוואַרטנדיק דעם מאָמענט, ווען דער וואָגן איז פאַרביי געפאָרן פאַרביי אים, דערלאַנגט אים אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ מיט אַ דאָפּל-שטאַכל. אין צאָרן האָט אוידיפּוס דערהרגעט דעם אַלטן מיט אַלע זיינע פיר באַלייטער, בלויז איינער פון זיי האָט זיך געראַטעוועט.

אוידיפּוס (רעדט ווייטער): ...אויב צווישן יענעם מאַן און לאַיאָסן איז דאָ
אַן ענלעכקייט, טאָ ווער איז דאַן אין אומגליק גלייך
צו מיר און ווער איז ביי די געטער נאָך אַזוי
פאַרהאַסט ווי איך? עס טאָר קיין בירגער ניט, אויך ניט
קיין פרעמדער מיך אַריינלאָזן אין הויז, מיט מיר
קיין וואָרט נישט ריידן. יעדער מוז מיך טרייבן פון
זיין שוועל... און אָט דעם פלוך האָב איך אַליין אויף זיך
אַרויפגעוואָרפן! דורך דערזעלבער האַנט, וואָס ט'אים
געטויט, ווערט דאָס געלעגער פון פאַרשטאָרבענעם
פאַרשוועכט. בין איך דען ניט אַן ערלאָזער פאַרברעכער?
און אויב איך מוז פון דאַן אַנטלויפן, טאָר איך אויף
מיין וואָגלעניש די עלטערן ניט זען און ניט
דאָס פאָטערלאַנד באַטרעטן, וואָרום דאָרטן דראָט
מיר די געפאַר, כ'זאָל זיך פאַרבינדן מיט דער מוטער
און מאָרדן פאָליבאָס מיין פאָטער, וואָס האָט מיך
געבוירן און דערצויגן. איז דען ניט צו האַרט
די שטראָף, וואָס איז אויף מיר געשיקט דורך גאָט דעם אכזר?
הלואי, אָ געטער הייליקע, זאָל איך דעם טאָג
גאָר ניט דערלעבן. אויסגעמעקט זאָל בעסער ווערן
מיין נאָמען פון דער וועלט, נאָר ס'זאָל דער פיינלעכער
בזיון אויף מיין קאָפּ נישט פאַלן!...

יאָקאָסטע שווייגט פאַרזאָרגט. די זקנים מעלדן, אַז אויך זיי זיינען אומרויק, דאָך ראָטן זיי אוידיפוסן ניט צו פאַרלירן די האָפענונג, ביז וואַנען ער וועט די זאַך ניט דערגיין פון דעם. קנעכט, וואָס איז ניצול געוואָרן. אוידיפוס באַשטעטיקט, אַז אויך ער האָפט צו דערגיין דעם אמת ביי דעם פאַסטוך. אויף יאָקאָסטעס פראַגע, וואָס האָפט ער ביי אים צו דערגיין, ענטפערט אוידיפוס: אויב דער פאַסטוך וועט באַשטעטיקן, אַז לאַיאָס איז דערהרגעט דורך אייניקע רוצחים, ניט דורך איינעם, איז ער, אוידיפוס, פריי פון חשד. יאָקאָסטע זאָגט, אַז אַלע האָבן געהערט דעם פאַסטוכס פריערדיקע מעלדונג און אויב ער וועט איצט אפילו ענדערן זיינע רייד, דאַרף מען אים ניט גלויבן. איין זאַך איז זיכער—דער שפּרוך פון זעער לאָקסיאַס, אַז לאַיאָס וועט דערהרגעט ווערן פון זיין אייגענעם זון, איז ניט מקוים געוואָרן, ווייל דער זון איז אומגעקומען נאָך פריער פאַרן פאָטער. דעריבער וויל זי קיין שום זעער־שפּראָך ניט גלויבן. אוידיפוס בעט זי דאָך שיקן נאָך דעם פאַסטוך. יאָקאָסטע גייט דערפילן זיין פאַרלאַנג. ביידע אָפּ. אין אַ קורצער צייט אַרום באַווייזט זיך ווידער יאָקאָסטע, אין באַגלייטונג פון אייניקע מיידלעך, מיט געבעט־קרענץ און בשמים אין די הענט, און זאָגט די זקנים, אַז זי האָט בדעה צו גיין צום ליקישן אַפּאָלאָן ברענגען אים אַ קרבן און בעטן אים, ער זאָל באַרויקן דעם גייסט פון אוידיפוס, וועלכער איז זייער אויפגערעגט.

אינדעם קומט אָן אַ שליח פון קאָרינט און מעלדעט איר, אַז פּאָליבאָס, אוידיפוסעס פאָטער, איז געשטאָרבן און אוידיפוס איז דערקלערט אַלס מלך פון דעם לאַנד. יאָקאָסטע שיקט גלייך אַ באַדינערין אָנזאָגן אוידיפוסן די בשורה. אוידיפוס קומט אָן און פרעגט:

אוידיפוס: אָ, פיל געליבטעס ווייב, יאָקאַסטע, זאָג, צו וואָס האָסטו פון פּאַלאַץ מיך אַהער גערופן?

יאָקאָסטע: הער אויס די רייד פון אָט דעם מאַן און זע, ווי ווייט עס ווערט דערפילט די נבואה פון די געטער.

אוידיפוס: ווער איז דער מאַן און וואָס וויל ער מיר זאָגן?

יאָקאָסטע: ער קומט פון לאַנד קאָרינטאָס מיט דער נאַכריכט, אַז דיין פאָטער לעבט ניט מער—פּאָליבאָס איז שוין טויט.

אוידיפוס: וואָס רעדסטו, פרעמדלינג, זאָג מיר דאָס אַליין.

אָנזאָגער: אויב כ'מוז דיר דייטלעך דאָס צוערשט מבשר זיין,
טאָ וויס, אַז ער איז שוין פון אונדזער וועלט אַוועק.

אוידיפוס (צו יאָקאָסטען): ווי, ווי! צי איז דען ווערט, אָ ווייב, דעם פּיטישן
אָראַקול־פייער גלויבן אָדער דעם געשריי
פון פויגל איבערהויך, וואָס האָבן מיר פאָרויס־
געזאָגט: איך וועל מיין פאָטערס מערדער זיין! און אָט
איז ער אַ שוכן עפר און איך בין דאָ
און האָב קיין וואָפן אָנגערירט...

יאָקאָסטע: איצט דאַרפסטו שוין אינגאַנצן וועגן דעם ניט קלערן.

אוידיפוס: צי קען איך זיך באַפרייען איצט פון שרעק, זיך מיט
דער מוטער צו פאַרזינדיקן?

יאָקאַסטע: פון פאָטערס קבר ט'אויפגעלייכט פאַר דיר אַ שטראַל.

אוידיפּוס: אַ שטראַל...—ס'איז ריכטיק. ס'שרעקט מיך אָבער נאָך די לעבעדיקע.

אַנזאַגער: זאָגט, וועלכע פרוי דערוועקט אין אייך אַזוי פיל שרעק?

אוידיפּוס: מעראָפּע, גרייז, מיט וועלכער ס'האָט געלעבט פּאָליבאָס.

אַנזאַגער: פאַרוואָס רופט זי ביי אייך אַרויס אַ גרויל?

אוידיפּוס: צוליב אַ שרעקלעך זעער-וואָרט, פון גאָט געשיקט.

אַנזאַגער: איר מעגט דאָס מיר אַנטפּלעקן אָדער ס'טאָר
אַ צווייטער דאָס ניט וויסן?

אוידיפּוס: איך קען אייך זאָגן: לאָקסיאָס ט'מיר אַמאָל פאָרויס-
געזאָגט—איך וועל מיין מוטער נעמען פאַר אַ פרוי
און מיט די אייגנע הענט דעם פאָטערס בלוט פאַרגיסן.
דערפאַר האָב איך שוין לאַנג באַזעצט זיך ווייט פון לאַנד
קאָרינטאָס. אמת, כ'בין דאָ גליקלעך, דאָך—עס איז
קיין זיסערעס גליק פאַראַן, ווי זען דאָס אָנבליק פון די עלטערן.

אַנזאַגער: און אָט דער שרעק צוליב האָסטו פאַרלאָזט דיין שטאָט?

אוידיפּוס: אויך כדי מיין פאָטערס מערדער ניט צו ווערן, גרייז!

אַנזאַגער: צי ווייסטו, אַז דיין שרעק איז אומבאַגרינדעט?

אוידיפּוס: פאַרוואָס? אויב איך בין מיינע עלטערנס אַ קינד?

אַנזאַגער: ווייל צווישן דיר און פּאָליבאָס איז קיין שום בלוט-
פאַרוואַנדשאַפט נישט פאַראַן.

אוידיפּוס: וואָס רעדסטו? איז דען פּאָליבאָס מיר ניט קיין פאָטער?

אַנזאַגער: אַזוי ווי איך בין דיר אַ פאָטער, גלויב, ניט מער.

אוידיפּוס: ווי קען דאָס ניט קיין פאָטער זיין געגליכן צו אַ פאָטער?

אַנזאַגער: ניט ער האָט דיך געבוירן און ניט איך.

אוידיפּוס: פאַרוואָס זשע האָט ער מיך „מיין זון" גערופן?

אַנזאַגער: זיי וויסן: ער האָט דיך פון מיינע הענט דערהאַלטן.

אוידיפּוס: פון פרעמדע הענט און דאָך אַזוי געליבט?

אַנזאַגער: דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז קינדערלאָז געווען.

אוידיפּוס: און דו האָסט מיך געקויפט, צי ערגעץ-ווו געפונען?

אַנזאַגער: כ'האָב דיך געפונען אין קיטהעראָנס וואַלדיקע שפּאַלטן.

אוידיפוס: זאָג, ווי אַזוי ביסטו אַהין געקומען?
אַנזאָגער: איך בין דער אויפזועער פון באַרג=הערטן געווען.
אוידיפוס: דו ביסט אַלזאָ געווען אַ פּאַסטוך, אַ שכיר=יום?
אַנזאָגער: איך בין דיין רעטער דאַן געווען, מיין זון.
אוידיפוס: פון וועלכן אומגליק האָסטו מיך גערעטעט?
אַנזאָגער: די פוס=געלענקען דיינע קענען עדות זאָגן.
אוידיפוס: אָ וויי! צו וואָס דערמאָנסטו מיר די אַלטע פּיין?
אַנזאָגער: כ'האָב דיינע דורכגעבויערטע פיס באַפרייט פון באַנד.
אוידיפוס: אָ וויי! אַ גרויסע שאַנד באַגלייט מיך פון דער וויג.
אַנזאָגער: צוליב דעם פאַל האָסטו דיין נאָמען דאַן באַקומען*).
אוידיפוס: פון פאָטער אָדער מוטער? זאָג, ביי די געטער!
אַנזאָגער: איך ווייס עס נישט, דער געבער ווייס עס בעסער.
אוידיפוס: דו האָסט מיך אַלזאָ ניט אַליין געפונען, וואָס?
אַנזאָגער: אָ ניין, אַן אַנדער הירט האָט דיך מיר אָפּגעגעבן.
אוידיפוס: ווער איז ער? קענסטו אים באַצייכענען גענוי?
אַנזאָגער: ער איז געווען פון לאַיאָסעס באַדינער.
אוידיפוס: דעם אַלטן פירשטס, וואָס האָט אַמאָל אָט דאָ אין לאַנד געהערשט?
אַנזאָגער: נו, יאָ—ער איז געווען ביי לאַיאָסן אַ הירט.
אוידיפוס: ווו איז ער? לעבט ער נאָך? קען איך אים זען?
אַנזאָגער: די אַלטע תושבים דאַרף עס בעסער זיין באַוווסט.
אוידיפוס: ווי מיינסטו, ווייב, איז יענער הירט, נאָך וועלכן דו האָסט איצט געשיקט, דערזעלבער, וואָס דער פרעמדער מיינט.
יאָקאַסטע: וואָס פרעגסטו, ווער ען ס'מיינט דער מאַן, ניט לייג דערויף קיין אכט. פאַרגעס, איך בעט דיך, וואָס ער זאָגט.
אוידיפוס: עס איז ניט מיגלעך, כ'זאָל האָבנדיק אַזוינע צייכנס, מיין אָפּשטאַמונג ניט אויספאָרשטן.
יאָקאַסטע: אָ, ביי די געטער, אויב דאָס לעבן איז דיר ליב, דערגרינד דאָס ניט. עס קלעקט, וואָס איך אַליין לייד שוין!
אוידיפוס: האָב מוט! ווען ס'זאָל אפילו זיך אַרויסווייזן,
אַז כ'בין אַ קנעכט אַ דרייפאַכער פון דריטן דור,
בלייבסטו נאָך אַלץ די הויכגעבאָרענע.
יאָקאַסטע: דאָך פאָלג מיר, אוידיפוס, איך בעט דיך, טו דאָס ניט.

*) דאָס וואָרט „אוידיפוס" באַטייט—„געשוואָלענע פיס".

אוידיפוס: איך פאַלג דיך ניט, כל זמן איך ווייס דאָס ניט אויף קלאָר.

יאָקאַסטע: איך מיין עס גוט. איך ראָט דיר נאָר דאָס בעסטע.

אוידיפוס: יאָ, אָט דאָס בעסטע קוועלט מיך שוין פון לאַנג.

יאָקאַסטע: אָ! עלנטער, הלואי וואָלסטו זיך קיינמאָל ניט
דערוויסן, ווער דו ביסט!

אוידיפוס: (אין כעס) ווער מען אַמאָל דעם הירט אַהער מיר ברענגען?
און זי? — זאָל זי זיך גרייסן מיט איר יחוס.

יאָקאַסטע: וויי, וויי דיר, אומגליקלעכער, נאָר דאָס אַליין
קען איך דיר זאָגן איצט און מערער קיינמאָל ניט. (אָפּ)

(צוויי באַדינער פירן אַריין דעם פּאַסטוך).

אוידיפוס: (צום פּאַסטוך, אָנווייזנדיק אויפן אַנזאָגער)
דערקענסטו אָט דעם מאַן? האָסטו אים ווען באַגעגנט?

פּאַסטוך: באַגעגנט? ווען מיינסטו?

אוידיפוס: אָט דעם, וואָס שטייט פאַר דיר. האָסטו מיט אים געהאַט,
זאָג, ווען אַ מגע־משא?

פּאַסטוך: איך קען שוין דאָס ניט מער געדענקען.

אַנזאָגער: עס איז, אָ האַר, קיין חידוש ניט, דאָך וועל איך אים
דערמאָנען, וואָס ער האָט, ווי ס'שיינט, פאַרגעסן;
דען איך בין זיכער, ער געדענקט נאָך וואויל די צייט,
ווען ער מיט הערטן צוויי און איך מיט איין הערט נאָר
מיט אים בשכנות האָבן אויפן קיטהעראָן געלעבט
אין משך פון דריי האַלבע יאָר, פון פרילינג ביז
צום אַרקטוראָס. אויף ווינטער פלעג איך מיינע פיך
אין מיינע שטאַלן טרייבן; ער — אין לאַיאָס' הויף.
נון, זיי זיך מודה, איז אַזוי געווען צי ניט?

פּאַסטוך. ס'איז אמת, אָבער ס'איז שוין לאַנג געווען.

אַנזאָגער: און איצט דערמאָן דיך, ווי דו האָסט אַמאָל מיר אַ
קליין קינד געגעבן, כ'זאָל עס אויפציען פאַר מיינס.

פּאַסטוך: וואָס איז? צו וואָס, זאָג, טוסטו מיך דאָס פרעגן?

אַנזאָגער: (ווייזט אויף אוידיפוסן) אָט דאָס איז דער, וואָס איז געווען אַ קינד דאַן, פריינד.

פּאַסטוך: פאַרפלוכט זאָל זיין דיין צונג! דו שווייגסט, צי ניט?

אוידיפוס: אָ, זידל אים ניט, אַלטער, וואָרום דיינע רייד
פאַרדינען גיכער שטראָף ווי זיינע.

פּאַסטוך: אין וואָס, אָ בעסטער האַר, באַשטייט מיין זינד?

אוידיפוס: פאַרלייקנסט יענעס קינד, וואָס ער דערמאָנט.

פאסטוך: ער ווייסט אַליין ניט, וואָס ער רעדט. אומזיסט זיין מי.
אוידיפוס: אויב ניט מיט גוטן, וועסטו דאַן מיט בייזן זאָגן.
פאַסטוך: אָ, ביי די געטער, פייניק מיך, דעם זקן, נישט!
אוידיפוס: פאַרבינדט אים ווער די הענט אויף הינטן!
פאַסטוך: פאַרוואָס?... איך בין אומגליקלעך! וואָס באַגערסטו נאָך?
אוידיפוס: האָסטו געגעבן אים דאָס קינד, צי נישט?
פאַסטוך: געגעבן. בעסער וואָלט איך יענעם טאָג געשטאָרבן!
אוידיפוס: דאָס וועט געשען, אויב דו׳סט דעם אמת מיר ניט זאָגן.
פאַסטוך: פאַרקערט—מיין טויט איז זיכער, ווען איך וועל עס זאָגן.
אוידיפוס: דער מענטש, ווייזט אויס, וויל זיך אַרויסדרייען.
פאַסטוך: אָ, ניין! כ׳האָב דאָך געזאָגט, איך האָב דאָס קינד געגעבן.
אוידיפוס: איז דאָס געווען דיין אייגן קינד אָדער אַ פרעמדס?
פאַסטוך: ניט מיינס, איך האָב׳ס פון עמיצן באַקומען.
אוידיפוס: ביי וועלכן פון די בירגער און פון וועלכן הויז?
פאַסטוך: אָ, ביי די געטער, הער! ניט פרעג מיך מער!
אוידיפוס: דו ביסט פאַרלאָרן, אויב איך פרעג אַ צווייטן מאָל!
פאַסטוך: ער איז אין לאַיאָס׳ הויז געבאָרן.
אוידיפוס: אַלס קנעכט, צי איז ער פון דעם קיניג־שטאַם?
פאַסטוך: אָ, וויי! איך מוז דאָס שרעקלעכסטע איצט זאָגן.
אוידיפוס: און איך—דאָס הערן. אָבער הערן מוז מען.
פאַסטוך: ער האָט׳ס—זיין אייגן קינד גערופן... דאָך די פרוי
ביי דיר אין הויז זאָגט בעסער דיר, ווי ס׳איז געשען.
אוידיפוס: האָט זי עס אַלוזאָ דיר דאָס קינד געגעבן?
פאַסטוך: יאָ—זי, מיין פירשט!
אוידיפוס: וואָס איז געווען איר ציל?
פאַסטוך: איך זאָל עס אומברענגען.
אוידיפוס: די מוטער!... אומגליקלעכע!
פאַסטוך: די געטער־שפּראָכן האָבן זי געשראָקן.
אוידיפוס: מיט וואָס?
פאַסטוך: ער וועט די עלטערן דערמאָרדן.
אוידיפוס: פאַרוואָס זשע האָסטו אים דעם אַלטן אָפּגעגעבן?
פאַסטוך: רחמנות, הער, האָט מיך באַוועגט. איך האָב געמיינט,
ער פירט דאָס קינד צו זיך אין פרעמדן לאַנד אַוועק,
דאָך האָט ער אים געראַטעוועט צו זיין העכסטן אומגליק.
דען אויב דו ביסט באמת דער, וואָס ער ווייזט אָן,
זיי וויסן—דו ביסט אומגליקלעך געבאָרן.

אוידיפוס: אָ ווײ! עס ווערט אַלץ קלאָר. אָ ליכט, דו זאָלסט
צום לעצטן מאָל מיר שײנען... — מיר, וואָס איז געבוירן
פון ד'י, פון וועלכע איך האָב ניט געזאָלט!.. וואָס כ'האָב
געלעבט מיט די, מיט וועלכע איך האָב ניט געמעגט,
און האָב דערמאָרדעט די, וואָס איך האָב ניט געטאָרט!..

(אָפּ אין פּאַלאַץ).

דער כאָר באַקלאָגט דעם גורל פון דעם מענטשן, וועלכער טאָר זיך קײנמאָל ניט האַלטן פאַר גליקלעך ביזן סוף פון זײן לעבן. פון פּאַלאַץ קומט אַרויס אַ באַדינער און דערצײלט, אַז יאָקאַסטע האָט זיך אױפגעהאַנגען און אוידיפּוס האָט, אַראָפּנעמענדיק זי פון דער תּליה אַ טויטע, געכאַפּט אירע גאָלדענע שפּאַנגען און דערמיט זיך אויסגעשטאָכן די אויגן. מען פירט אַרויס דעם בלינדן אוידיפּוסן.

אוידיפּוס: אָ, פינסטערניש!
אָ, וואָלקן שוואַרצער, אומדורכדרינגלעכער,
וואָס הילט אין גרויל מיך אײן
אומבאַצווינגבאַר און אומהײלבאַר!
אָ, ווײ מיר, ווײ!
עס פּײניקן צוגלײך מיך די יסורים פון
מײן קערפּער און דער ווײ פון שמערצלעכע זכרונות!

כאָר: קײן חדוש ניט, וואָס אין אַזוינע אומגליקן
איז טאָפּלט שווער דײן פּײן און דײן געשרײ.

אוידיפּוס: אָ, פרײַנד!
דו ביסט מײן אײנציק טרײַער העלפער,
וואָס שטײט דעם בלינדן בײ אין נויט!
אָ, ווײ!
הגם איך װײל אין פינסטערניש, האָב איך גאַנץ קלאָר
דײן שטים דערהערט און דיך דערקענט.

כאָר: אָ, גרויזאַם איז דײן טאַט! ווי האָסטו זיך אַנטשלאָסן
דאָס ליכט פון דײנע אויגן אויסצולעשן!
זאָג, וועלכער גאָט האָט דיך דערצו באַוועגט?

אוידיפּוס: אַפּאָלאָ, פרײַנד, אַפּאָלאָ!
דאָס ט'ער אויף מיך געבראַכט די אַלע אומגליקן!
די אויגן אָבער האָב איך מיט די אײגענע הענט,
אָן פרעמדער גוואַלט, זיך אויסגעשטאָכן... דען צו וואָס
נאָך זען, ווען מיר איז שוין קײן גוטס צו זען באַשערט!

כאָר: אָ ווײ, אָ ווײ, ס'איז לײדער אמת, וואָס דו זאָגסט.

אוידיפּוס: אָ, וועלכע טרײסט איז מיר דען נאָך געבליבן?
אויף וואָס וואָלט דען מײן בליק נאָך קענען רוען?

וואס קען איך ווינטשן נאך ? און וועמעס גרוס
מיט לוסט נאך הערן ?
אָ, פירט וואס גיכער מיך אַוועק פון דאַן!
פירט, פריינד, אַוועק דעם שענדלעכסטן,
מיט פלוך באַלאַדענעם און ביי די געטער טיף
פאַרהאַסטן !

כאָר: גלייך פיינפול ז'דיין באַוווסטזיין, ווי דיין גורל.
הלואי וואָלט איך דיך קיינמאָל נישט געקענט !

אוידיפוס: אַ טויט זאָל טרעפן דעם, וואָס האָט דאָרט אויף דער ווידע
באַפרייט מיין פוס פון שווערן באַנד, געראַטעט מיך
פון מאָרד און אומגעקערט צום לעבן! אָ, מיין טויט
וואָלט דאַן פאַרשפאָרט אַזוי פיל פיין
אי מיר אי מיינע נאָנטע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כאָר: עס איז מיר שווער פאַרשטיין דיין טאַט, שוין בעסער ניט
צו לעבן, איידער לעבן בלינדערהייט.

אוידיפוס: אָ, זאָג מיר ניט, אַז כ'האָב ניט גוט געטאָן און גיב
קיין עצות מיר; דען זאָג—מיט וועלכע אויגן וואָלט
איך נידערשטייגנדיק אין האַדעס אָנבליקן
דעם פאָטער און די אומגליקלעכע מוטער, קעגן
וועלכער כ'האָב אַזוינס געטאָן, פאַרוואָס עס קומט
אַ שטראָף פיל שווערער ווי דער טויט!...
זיך קוויקן מיט דעם אָנבליק פון די קינדער,
וואָס שטאַמען פון אַזאַ פאַרבאַנד !... אָ ניין !
איך טאָר נישט זען קיין זאַך: די שטאָט, די טורעמס און
די טעמפלען מיט די הייליקע געשטאַלטן פון
די געטער ! דען דערצו האָב איך זיך דאָך אַליין
פאַרמשפט, ווען איך בין נאָך הערשער מעכטיקער
געווען אין טעביי. איך האָב דאַן אַליין באַפוילן,
מע זאָל מיך, גאָטלאָזן פאַרברעכער, וואָס האָט זיך
פאַרזינדיקט קעגן לאַיאָס' הויז און קעגן די
אומשטערבלעכע פאַרטרייבן פון דעם לאַנד.
אַנטדעקט אַזאַ מין פלעק אויף זיך,
ווי וואָלט איך מיט אַן אָפנעם בליק געקאָנט דעם פאָלק
אין ד'אויגן קוקן? ניין! ווען איך וואָלט אויך געקענט
פאַרניכטן מיין געהער, וואָלט איך אויך אָט דעם חוש
געטויט אין ליידנדיקן לייב, כדי צו זיין
אי טויב אי בלינד: דען ס'איז דאָך זיס ניט האָבן דאָס
באַוווסטזיין פון דעם גרויל. אָ, קיטעראָ! פאַרוואָס
האָסטו מיך אויפגענומען ? אָ, פאַרוואָס האָסטו

מיך גלייך ניט אומגעבראכט, די מענטשן זאָלן דאָס
בעהיימניש פון מיין אָפשטאַמונג זיך קיינמאָל ניט
דערוויסן!...

... אָ, ביי די געטער, איילט מיך ערגעץ צו פאַרבאָרגן,
צי טויט מיך דאָ, צי וואַרפט אַריין מיך אין דעם ים,
איר זאָלט מיך קיינמאָל מער נישט זען. אָ, נענטער קומט!
באַוויליקט צו באַרירן דעם פאַרשטויסנעם מאַן!
אָ, הערט מיך אויס! אָ, האָט קיין מורא ניט! עס וואָלט
קיין איינער פון די שטערבלעכע געקענט
פאַרטראָגן מיינע ליידן!

דער כאָר מעלדעט, אַז אַט קומט אָן קרעאָן, וועלכער איז איצט דער מושל פון דער שטאָט, און ראַט אוידיפוסן, בעטן ביי אים, וואָס ער באַגערט. אוידיפוס דריקט אויס די מורא, אַז קרעאָן וועט אים אָפּשטויסן נאָך די פריערדיקע באַליידיקונגען. אָבער קרעאָן מעלדעט, אַז ער טראָגט אויף אים קיין כעס ניט און זעט אָן אים קיין נקמה ניט. דאַן בעט אים אוידיפוס, ער זאָל מקבר זיין יאָקאַסטען און זאָל נעמען אונטער זיין שוץ זיינע טעכטער—אַנטיגאָנען און איסמענען. ער בעט אויך, מע זאָל צו אים ברענגען זיינע קינדער, ער זאָל קענען זיי באַרירן מיט די הענט און באַקלאָגן זייער אומגליק. קרעאָן דערלויבט דאָס. מע ברענגט די קינדער. עס קומט פאָר אַ טראַגישע סצענע צווישן פאָטער און די קינדער. אוידיפוס באַקלאָגט זייער גורל, דעם איצטיקן און דעם צוקונפטיקן, בעט נאָכאַמאָל קרעאָנען זיך אָננעמען פאַר זיי, ווי אַן אייגענער פאָטער, בענטשט זיי. די סצענע ווערט אָבער איבערגעריסן דורך קרעאָנען, וועלכער באַפעלט אָפּפירן די קינדער צוריק אין פּאַלאַץ אַריין. אוידיפוס בעט קרעאָנען, ער זאָל אים אַרויסשיקן פון דער שטאָט. קרעאָן ענטפערט, אַז וועגן דעם וועט ער אָנפרעגן דעם אָראַקול. ער פירט אַוועק אוידיפוסן אין איין זייט, די באַדינער פירן אָפּ די קינדער אין אַ צווייטער זייט.

דער כאָר פאַרענדיקט די טראַגעדיע מיט די ווערטער, אַז קיינער טאָר זיך ניט אָנרופן גליקלעך, איידער ער האָט דערגרייכט דעם סוף פון זיין לעבן.

ייִדיש: די ערשטע 150 שורות — מ. ווײַנרײַך;
די איבעריקע — מ. חיימסאָן און ש. באַסטאָמסקי

סאָפאָקלעס.

אַנטיגאָנע.

טראַגעדיע.

חוץ ביבליאָטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

פערזאָנען:

אַנטיגאָנע, אוידיפּוסעס טאָכטער.
איסמענע, איר שוועסטער.
קרעאָן, קיניג פון טעבּיי.
וועכטער.
העמאָן, קרעאָנס זון.
טיירעזיאַס, זעער (בּלינד).
אוירידיקע,—קרעאָנס פרוי.
שליח.
דינער.
כאָר פון טעבּאַנישע זקנים.

די האַנדלונג קומט פאָר אויפן פּלאַץ פאַר דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ אין טעבּיי.

דער הינטערגרונד פון דער טראַגעדיע.

נאָך דעם, ווי אוידיפוס איז פארטריבן געוואָרן פון טעבּי, האָבן מיט דער שטאָט רעגירט זיינע צוויי זין, עטעאָקלעס און פּאָלינייקעס, צוזאמען מיט קרעאָנען. די ברידער האָבן ניט געלעבט בשלום. לסוף האָט עטעאָקלעס ארויסגעטריבן פּאָלינייקעסן. פּאָלינייקעס איז אוועק קיין ארגאָס און האָט דאָרט צונויפגעזאמלט א גרויסן חייל קעגן עטעאָקלעסן. דער חייל האָט געהאט זיבן אָנפירער, וועלכע האָבן באַלאַגערט די זיבן טויערן פון טעבּי. דעריבער הייסט די מלחמה „די זיבן קעגן טעבּיי".

אין איינער פון די שלאַכטן ביי א טויער פון טעבּיי האָבן זיך די ברידער, עטעאָקלעס און פּאָלינייקעס, אין צווייקאַמף קעגנזייטיק דערמאָרדעט. דער שונא האָט דאַן אראָפּגענומען די באַלאַגערונג און די שטאָט איז פריי געוואָרן. קרעאָן איז פאַרבליבן דער איינציקער הערשער פון טעבּיי. נאָך דער באַפרייונג פון שונא האָט קרעאָן פאַראָרדנט מקבר צו זיין עטעאָקלעסן מיט דעם כבוד, וועלכער פּאַסט פאַר א מושל. פּאָלינייקעסן אָבער האָט ער פאַרווערט מקבר צו זיין, געלאָזט אים ליגן אין פעלד אַלס רויב פאַר חיות און פויגל. דורך זיין העראָלד האָט ער געלאָזט אויסרופן, אַז ווער עס וועט מקבר זיין פּאָלינייקעסן אָדער וועט אים אפילו הויך באַוויינען, יענער וועט פאַרשטיינערט ווערן.

דאָס איז געווען א שרעקלעכער חלול המת.

די גריכן האָבן געגלויבט, אַז די נשמה פון דעם מת, וואָס קומט ניט צו דער קבורה, וועט אייביק זיין נע ונד און וועט קיינמאָל ניט אריינקומען אין דער גליקלעכער מלוכה פון דער אונטערוועלט.

פּאָלינייקעסעס שוועסטער, אַנטיגאָנע, אין וועמעס הארצן עס האָט געבּרענט דאָס הייליקע געפיל פון שוועסטערלעכער ליבע, האָט באַשלאָסן איבערצוטרעטן קרעאָנס באַפעל און, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, מקבר זיין דעם ברודער לויט די אָנגענומענע דינים. אַנטיגאָנע וויל, אַז די שוועסטער אירע, איסמענע, זאָל איר העלפן אויספירן דעם באַשלוס.

די טראַגעדיע הייבט זיך אָן מיט דעם געשפּרעך צווישן די צוויי שוועסטער.

אַנטיגאָנע: איסמענע, ליבּע שוועסטער מיינע,
דו זעסט, נישטאָ קיין אומגליק אַזוי גרויס,
וואָס צעוס זאָל ניט אויסגיסן אויף אונדז
און אויף דעם אָרמען פאָטער אונדזערן
דעם גאַנצן כּוס פון צער, שאַנד און בייז
איז אונדז באַשערט צו טרינקען ביזן דעק.
האָסט, שוועסטער, שוין געהערט פון דעם באַפעל,
וואָס קרעאָן האָט פאַרעפנטלעכט ניט לאַנג?
און אפשר איז דיר ניט באַקאַנט, אַז אונדזערע פיינט
באַדראָען ווידער אַלץ, וואָס אונדז איז ליב?

איסמענע: עס איז מיר, שוועסטער, קיין זאַך ניט באַוווּסט.
זינט אונדזערע ברידער האָבן זיך אין פעלד
אין ברידערלעכן צווייקאַמף טויט-געשלאָגן,
האָב איך קיין באַריכט, גוט צי שלעכט, פאַרנומען.

ביינאַכט איז דאַן דער חייל פון ד'ארגייער
פון אונדז אוועק, און פון דאַן אָן האָב איך
פון אונדזרע ליבע קיין זאַך ניט געהערט,
וואָס קען אונדז פרייד פאַרשאַפן אָדער לייד.

אַנטיגאָנע: איך האָב פון דעם געוווסט. דערפאַר האָב איך
פון פּאַלאַץ דיך אַרויסרופן געלאָזט,
אום אויג אויף אויג מיט דיר זיך דורכצורײדן.

איסמענע: וואָס איז געשען? וואָס ציטערסטו אַזוי?

אַנטיגאָנע: דו ווייסט דען ניט, אַז קרעאָן האָט דערלויבט
באַערדיקן נאָר איינעם פון די ברידער?
עטעאָקלעס אַליין, באַערט מיט קבורה
לויט אונדזער הייליקן געזעץ און מנהג,
האָט אין דער אונטערוועלט אַראָפּגענידערט;
דעם קערפער אָבער פון פּאָלינייקעס
האָט קרעאָן ניט דערלויבט מקבר זיין,
און אומבאַוויינט, באַרויבט פון לעצטן כבוד,
זאָל ער פאַר פויגל גיריקע אַלס רויב
אין פעלד דאָרט הפקר ליגן בלייבן.
אַזוי באַפוילן האָט דער גוטער קיניג
דעם גאַנצן פאָלק און דיר און מיר, געוויס... אויך מיר,
און אויב דאָס איז נאָך ווער נישט באַוווסט,
קומט ער אַליין אַהער דאָס באַלד צו מעלדן.
און קיין שום גרינגשעצונג פון דעם באַפעל
וועט ער ניט צולאָזן. די האַרבסטע שטראָף
פון סקילה בפרהסיה וואַרט אויף דעם,
וואָס וועט דערוועגן זיך אים ניט צו פאָלגן.
אַזוי שטייט איצט די זאַך. און איצט באַוויז,
אויב די ביסט ווערט אַ קינד פון הויכן שטאַם
זיך רופן, אָדער דו פאַרשוועכסט דעם יחוס.

איסמענע: וואָס קען איך, אומגליקלעכע, העלפן דאָ?
דו זעסט, ס'איז שטאַרק דער באַנד; ניט פעסטבינדן,
ניט אויפלייזן בין איך בכח אים.

אַנטיגאָנע: ביסט גרייט צו טיילן מי און שטראָף מיט מיר?

איסמענע: פאַרוואָס דען שטראָף? וואָס רעכנסטו צו טאָן?

אַנטיגאָנע: דעם בר מנן באַערדיקן וויל איך.

איסמענע: ווילסט האַנדלען קעגן דעם פאַרבאָט פון קיניג?

אַנטיגאָנע: דעם ברודער מיינעם און אויך דיינעם וויל
איך טאָן זיין רעכט. און אויב דו שרעקסט זיך, דאַן
בלייב איך אַליין געטריי דער שטים פון בלוט.

איסמענע: ביסטו ביים זינען?... להכעיס קרעאָנען?...

אנטיגאָנע: עס קען דער קיניג ניט פאַרווערן מיר
צו ליבן, וועמען כ'ליב.

איסמענע: דערמאָן זיך, שוועסטער, אונדזער פאָטערס סוף:
אָן רום, אין שאַנד, פון אַלעמען פאַרהאַסט
איז ער אין טיפן עלנט אומגעקומען.
אַנטדעקנדיק דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן,
וואָס ער האָט אומגערן געטאָן, האָט ער
אַליין די אויגן אויסגעריסן זיך...
און אונדזער מוטער?...—וואָס געווען איז אים
אַ מוטער און אַ פרוי צוגלייך—
זי האָט גענומען זיך דאָס לעבן אויף דער תליה...
דערמאָן זיך ווייטער, ווי די ברידער אונדזערע
אין קעגנזייטיקן מאָרד דעמזעלבן טויט
געפונען האָבן אין איין טאָג.
געבליבן זיינען מיר אַליין. באַדענק,
ווי שענדלעך אונדזער טויט וועט זיין, ווען מיר,
ניט אַכטנדיק ס'געזעץ, דעם הערשערס מאַכט
און ווילן פרוון קעגנשטעלן זיך.
פאַרגעס אויך ניט: מיר זיינען שוואַכע פרויען בלויז,
און ניט פאַר אונדזערע קרעפטן איז דער קאַמף
מיט מענער. זיי געהערט די מאַכט. און מיר,
מיר מוזן אונטערטעניק זיין און מיט
הכנעה איבערטראָגן אויך דאָס ערגסטע.
דעריבער—בעטנדיק ביי אַלע די,
וואָס זיינען שוין אין שויס פון דר'ערד פאַרבאָרגן,
מיר די געצוווּנגענע זינד פאַרגעבן,
בלייב איך געהאָרכזאַם דעם באַפעל פון הערשער,
ווייל אומקלוג איז פאַרלאַנגען דאָס,
וואָס שטייגט אַריבער אונדזער קראַפט.

אנטיגאָנע: כ'פאַרלאַנג פון דיר שוין גאָרנישט מער. און ווען
דו וואָלסט דיין הילף מיר פאָרגעשלאָגן איצט,
וואָלט איך מיט ווייניק פרייד זי אָנגענומען.
דו קענסט זיך טאָן, ווי דו פאַרשטייסט. איך וועל
דעם ברודער אונדזערן מקבר זיין.
און דאַן צו שטאַרבן וועט פאַר מיר אַ פרייד נאָר זיין.
אַ קרבן פון דעם הייליקן פאַרברעכן,
וועל איך אין קבר רוען לעבן ברודער—
אַ ליבנדיקע לעבן דעם געליבטן.

ניט פאַר די לעבעדיקע דאָ וויל איך
מיין חוב דערפילן, נאָר פאַר די טויטע דאָרט,
מיט וועלכע איך וועל אייביק שוין פאַרבלייבן.
און דו—דו מעגסט ביי דיין באַשלוס זיך האַלטן,
פאַראַכטנדיק די הייליקע געזעצן פון די געטער.

איסמענע: כ׳פאַראַכט ניט די געבאָטן פון די געטער,
כ׳בין אָבער ניט אין שטאַנד דעם ווילן פון
די בירגער זיך אַנטקעגנשטעלן.

אַנטיגאָנע: זוך דיר אַן אויסרייד אויס.
איך גיי צום פילגעליבטן ברודער, אים
אַ קבר־בערגל אויפצושיטן.

איסמענע: אָ, אָרעמע,
עס ציטערט מיר דאָס האַרץ פאַר דיר.

אַנטיגאָנע: ניט זאָרג פאַר מיר,
פאַרזיכער בעסער זיך אַליין.

איסמענע: אַנטפּלעק ניט קיינעם דיין באַשלוס, האַלט אים
בסוד. און איך וועל אויך דאָסזעלבע טאָן.

אַנטיגאָנע: אָ, ניין, דו מעגסט דאָס אַלעמען דערציילן,
דען שווייגנדיק וועסטו מיר נאָך פאַרהאַסטער זיין.

איסמענע: ווי פלאַמענדיק עס איז דיין זעל
און ווי באַרעכנט דיינע מעשים.

אַנטיגאָנע: אַזוי מיינסטו,
נישט די, וואָס זייער אורטייל איז מיר טייער.

איסמענע: הלואי זאָל דיר געלינגען דאָס! נאָר דו
שטרעבסט צו דערגרייכן דאָס אוממעגלעכע.

אַנטיגאָנע: וועט מיר קיין כּוח קלעקן, דאַן וועל איך
זיך אָפּזאָגן דערפון.

איסמענע: ס׳איז איבעריק
אַפילו פּאַרצונעמען דאָס אוממעגלעכע.

אַנטיגאָנע. בעת דו רעדסט אַזוי, ווערסטו פאַרהאַסט
אויף אייביק מיר און דעם פאַרשטאָרבענעם.
אָ, לאָז צורו מיך מיט מיין טרוים און זאָל
דאָס שרעקלעכע מיט מיר געשען. נישטאָ
קיין אומגליק אַזוי שווער, נאָך וועלכן ס׳זאָל
מיר דאָך אַ רומפול־טויט נישט איבערבלייבן?

עס באַווייזט זיך קרעאָן. ער מעלדעט די זקנים, אַז איצט נאָך דעם טויט פון אוידיפּוסעס זין, איז דער טראָן אריבער צו אים, ווי צו דעם נאָענטסטן קרוב פון לאַיאָסעס הויז. ער האָפט, אַז די בירגער וועלן זיך באַציען צו אים מיט דער זעלבער

ליבע און טריישאפט, ווי צו די פריערדיקע מושלים. קרעאַן פאַרזי־כערט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט שטעלן זיין אייגענעם ווילשטאַד העכער פאַרן ווילשטאַנד פון די בירגער און וועט זיך קיינמאָל ניט באַפריינדן מיט דעם שונא פון זיין פאָטערלאַנד. — „דער ווילשטאַנד פון יעדער מלוכה — זאָגט ער — איז מיגלעך נאָר ביי דער פולקומער אחדות. פאַרזענלעכע פריינדשאַפט איז דערלאָזבאַר נאָר דאַן, ווען דאָס לעבן גייט רויק און שטיל“. לויט די אָנגעוויזענע כללים וועט ער רעגירן. צוליב דעם צוועק האָט ער דאָס אַרויסגעלאָזן זיין באַפעל וועגן אוידיפּוסעס זין, ביי וועלכן ער האַלט זיך פעסט, נעמלעך — עטעאָקלעס, וואָס איז געפאַלן פאַרטיידיקנדיק דאָס פאָטערלאַנד, זאָל געבראַכט ווערן צו דער קבורה און באַערט ווערן לויט אַלע געטלעכע דינים. פּאָלינייקעס אָבער, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיטן שווערד קעגן זיין פאָטערלאַנד, האָט עס פאַרטרונקען אין אַ ים פון בלוט און די פאַרבליבענע געוואָלט שענדלעך פאַרקנעכטן — ער זאָל פאַר קיין פאַל ניט קומען צו דער קבורה. זיין קערפּער זאָל פאַרבלייבן אין פרייען פעלד פאַר הינט און גיריקע פויגלען. און אַזוי וועט ער, קרעאָן, זיך שטענדיק באַגיין מיט די אַלע, וואָס וועלן בוגד זיין אין פאָטערלאַנד.

אויסהערנדיק קרעאָנס שטרענגן באַשלוס, דריקן די זקנים אויס זייער הסכמה מיט אים, הגם אין זיך זיינען זיי איבערצייגט, אַז דאָס ניט מקבר זיין אַ מת איז אַ שווערע זינד קעגן די געטלעכע געזעצן. זיי בעטן נאָר קרעאָנען, ער זאָל איבער־געבן די שמירה פון טויטן קערפּער צו די יינגערע בירגער. קרעאָן שטימט איין צו דערפילן זייער ווונטש און פאָדערט נאָר פון זיי — זיי זאָלן אים קיינמאָל קיין ווידער־שטאַנד ניט שטעלן. אויף דעם באַמערקן די זקנים, אַז עס וואָלט געווען אַ משוגעת צו גיין אויף אַ זיכערן טויט.

אינדעם קומט אָן איינער פון די וועכטער ביי פּאָלינייקעסעס קערפּער. אַ דער־שראָקענער דערציילט ער, אַז אויפשטייענדיק אינדערפרי האָבן זיי געפונען פּאָלינייקעסעס קערפּער באַשאָטן מיט ערד, אַזוי, אַז עס זאָלן צו אים ניט צוקו־מען ניט קיין הינט, ניט קיין רויב־פויגלען. אומזיסט האָבן זיי געזוכט אַ שפור פון דעם, וואָס האָט דאָס געטאָן... זיי האָבן באַשלאָסן צו מעלדן וועגן דעם פאַל דעם הערשער קרעאָנען.

די זקנים זאָגן אַרויס זייער השערה, אַז אין דעם שטעקט אַ האַנט פון די געטער. דאָס דערצאָרנט שטאַרק קרעאָנען. ער זאָגט, אַז ס'איז אוממיגלעך, די געטער זאָלן באַשיצן אַ פאַררעטער פון דעם פאָטערלאַנד. פון דער געשיכטע זעט ער נאָר אַרויס, אַז אין שטאָט זיינען פאַראַן אַ סך, וואָס ווילן ניט אויספירן זיינע באַפעלן. ער איז זיכער, אַז דאָס האָט עמיץ אונטערגעקויפט די וועכטער. ער זאָגט, אַז דער שולדיקער מוז געפונען ווערן, ווען ניט, וועט ער אַלע וועכטער הייסן אויפהענגען. דעמאָלט, פאַר דער תליה, וועלן זיי זיך שוין אין אַלץ מודה זיין. אין שרעק גייט דער וועכטער אַוועק צו זיינע חברים.

אין אַ קורצער צייט אַרום ברענגט דער זעלבער וועכטער צופירן אַנטיגאָנען, וועלכע ער האָט נעכאַפּט ביים טויטן קערפּער פון פּאָלינייקעסן.

דער כאָר איז פאַרוווּנדערט און אומרויק וועגן דעם גורל, וואָס דער־וואַרט דאָס העלדישע קינד. עס קומט אָן קרעאָן און דער וועכטער דערציילט אים:

וועכטער: עס איז אַזוי געווען: דערדריקט פון דיינע
מוראדיקע דראָונגען, זייַ' מיר
אַהין צוריקגעגאַנגען, אָפּגעקערט
דעם ט טויב, וואָס האָט דעם בר־מנן באַדעקט,
אַנטפּלעקנדיק דעם האַלב־צעפוילטן גוף.
דאַן האָבן מיר זיך אויפן נאָנטן בערגל

אַנטקעגן ווינט געזעצט, אום אויסצומיידן
פון פוילנדיקן מת דעם שווערן ריח.
כּדי ניט איינצושלאָפן, האָבן מיר
מיט זידלווערטער איינס דעם אַנדערן
געוועקט. אַזוי ז'די צייט פאַרגאַנגען,
ביז ס'האָט דער לויכטנדיקער זונענקרייז
דערגרייכט דעם מיטן פון דעם הימל־עטער,
און אומדערטרעגלעך איז די היץ געוואָרן.
נאָר פלוצלונג האָט אַ ווירבל־ווינט פון דר'ערד
צום הימל זיך מיט שטורעם אויפגעהויבן,
מיט רעש אָנגעפילט דעם גאַנצן פליין,
די ביימער פון דעם נאָנטן וואַלד אַנטבלעטערט
און איינגעהילט דעם עטער אין אַ חושך.
מיט צוגעמאַכטע אויגן האָבן מיר
געוואַרט, עס זאָל די געטערס צאָרן מיידן.
און ווען עס האָט דער שטורעם ענדלעך זיך געשטילט,
האָב' מיר דערזען: אַ יונגפרוי שטייט געבויגן
איבערן מת און יאָמערט ביטער, גלייך
דעם פויגל דעם פאַריתומטן, ווען ער
געפינט ניט מער אין נעסט די עופהלעך
די ליבע. אויך די יונגפרוי, ווען זי האָט
דערזען דעם אומבאַדעקטן מת, האָט זי
אין מוראדיקן יאָמער אויסגעבראָכן,
מיט קללות שרעקלעכע גענומען פלוכן די,
וואָס האָבן דאָס געטאָן. דאַן ברענגט זי שנעל
צום טויטן פולע הויפנס טרוקנעם שטויב,
און פון אַ שיין געשמידטן קרוג באַערט
דעם נפטר זי מיט דרייפאַך היילקן גוס.
מיר טוען זיך אַ וואָרף צו איר,
כּדי זי צו פאַרהאַלטן; זי שטייט אומדערשראָקן.
מיר וואַרפן אויף איר סיי די ערשטע, סיי
די צווייטע טאַט — זי לייקנט ניט די זינד.
דאָס שאַפט מיר פרייד און לייד צוגלייך, דען זיס
איז צו אַנטרינען פונם אומגליק, דאָך
פיל שמערצלעכער איז ברענגען אומגליק די,
וואָס זיינען ליבע ווערט... צו וואָס אָבער
זיך קווען? יעדן איז דאָס אייגנע לעבן ליבער.

קרעאָן: (צו אַנטיגאָנען) ביסטו דאָס? דו? וואָס האָסטו צו דער ערד
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן? ענטפער גלייך!
ביסטו זיך מודה אָדער לייקנסטו די טאַט?

אנטיגאָנע: איך בין זיך אָפן מודה: איך האָב דאָס געטאָן.

קרעאָן: דערקלער מיר קורץ: דו האָסט געוווסט פון מיין פארבאָט?

אנטיגאָנע: געוויס, איך האָב געוווסט. פארוואָס זאָל איך
ניט וויסן? ס'איז דאָך אַלעמען באַקאַנט געווען.

קרעאָן: און דו האָסט זיך
דערוועגט איבערטרעטן דאָס געזעץ?

אנטיגאָנע: נישט צעוס האָט דאָך דאָס געזעץ געשאַפן
און נישט די קיניגין-גערעכטיקייט,
וואָס טראָגט אין געטערהויז אין אונטערוועלט.
און דיין באַפעל — איך קען אַ שטערבלעכנס
געזעץ נישט האַלטן העכער פון די פעסטע
און אומגעשריבענע געזעצן פון
די געטער. דען ניט היינט, ניט נעכטן זיינען זיי
אַנטשטאַנען — אייביק גילטיק זיינען זיי,
און קיינער וויס ניט, פון ווען אָן זיי הערשן.
און די געזעצן איבערטרעטן האָב
איך מערער פורכט געהאַט, ווי דאָס געזעץ
פון מענטשנס מאַכט... אַז איך וועל שטאַרבן, האָב
איך סיי ווי סיי געוווסט, אפילו ווען
דו וואָלסט עס נישט געמאָלדן. גלויב: אויב ס'וועט
דער טויט מיך פריער טרעפן, וועט פאַר מיר
פיל בעסער זיין. דען ווער עס לעבט אַזוי
ווי איך — אַ לעבן פול מיט פיין, דער וועט
דעם טויט מיט פרייד באַגריסן. ניין, אַזאַ
מין גורל שרעקט מיך ניט. נאָר ווען איך וואָלט
מיין מוטערס זון צו קבורה ניט געבראַכט,
וואָלט שטענדיק מיך אַ שרעק פאַרפאָלגט! און אויב
דו זעסט אין מיינע מעשים קיין פאַרשטאַנד,
דאַן ביסטו אָן פאַרשטאַנד אליין!

כאָר: עס ווייזט זיך אין דער ווידערשפעניקער טאָכטער
דעם ווידערשפעניקן פאָטערס ווילדעס בלוט.
זי קען ניט אויסמיידן קיין בייז.

קרעאָן: (צום כאָר) דאָך ווייס. אָט די עקשנותדיקע גאווה
וועט גיך געבראָכן ווערן. — — —
זי האָט שוין איין פאַרברעכן אָפּגעטאָן,
נישט פאָלגנדיק ס'געזעץ, וואָס איז אין שטאָט
פאַרעפנטלעכט געווען. און טאָפּלט שווער
איז איר פאַרברעכן איצט, ווען זי באַרימט

זיך עזותדיק מיט דעם און ענטפערט נאָך
מיט שפּאָט אויף מיינע רייד. ניט איך וואָלט דאַן
געווען אַ מאַן, נאָר זי, ווען אומבאַשטראָפט
וואָלט איר די חוצפה לאָזן. ווען זי וואָלט
אפילו מיר געווען אַ שוועסטער און
אפילו נענטער נאָך פון די, וואָס ווערן
ביי מיר אין הויז דורך צעוּסן באַשיצט,
וואָלט זי אַליין, ווי אויך איסמענע,
ניט אויסמיידן פון מיר די האַרבסטע שטראָף.
דען איך באַשולדיק אויך איסמענען, אַז
זי האָט צוזאַמען מיט דער שוועסטער די
באַערדיקונג פאַרטראַכט (צו דער וואך): ברענגט
יענע גלייך;
אהער. איך האָב זי ערשט אין הויז געזען,
פאַרווירט פון אויפרעגונג. אַזוי פאַרראַט
זיך זעלבסט דער גייסט פון דעם, וואָס טראָגט אין זעל
באַטרוג פאַרבאָרגן. דאָך נאָך טיפער האַס
איך דעם, וואָס וויל מיט שיינע ווערטער זיין
פאַרברעך באַצירן.

אַנטיגאָנע: ווילסטו פאַר מיר אַ שטראָף אַ האַרבערע
נאָך ווי דער טויט?

קרעאָן: נישט מער. דערמיט אַליין האָב איך שוין אַלץ.

אַנטיגאָנע: צו וואָס זשע וואַרטסטו? ס'זיינען דיינע רייד
מיר קיינמאָל אָנגענעם געווען, און אויך
אין צוקונפט וועלן זיי ניט פרייען מיך.
אויך דיר זיינ' מיינע רייד און טאַט צווידער.
דאָך ווען וואָלט איך דערגרייכט אַ רום, אַ גרעסערן,
ווי איצט, ווען כ'האָב דעם ליבן ברודער מיינעם
באַערט מיט קבורה? ז'דאָס אַ זינד? איך וויים—
(ווייזנדיק אויף די זקנים) ווען זייער צונג וואָלט ניט געווען געליימט
פון פורכט, דאַן וואָלטן זיכער זיי געריממט
מיין טאַט. יאָ, גליקלעך איז דער גורל פון
טיראַנען. זיי אַליין נאָר איז ערלויבט
צו טאָן און ריידן, וואָס ס'איז זיי באַליבט.

קרעאָן: ניין, צווישן די קאַדמעער ביסטו איינע,
וואָס דענקסט אַזוי.

אַנטיגאָנע: עס דענקען אַזוי אַלע.
זיי וואַגן אָבער ניט צו ריידן.

קרעאָן: און שעמסט זיך גאָר ניט,וואָס נאָר דו אַליין
דענקסט אַנדערש?

אַנטיגאָנע: עס איז קיין שאַנד פאַרשטאָרבענע צו ערן.

קרעאָן: איז דען פּאָלינייקס קעגנער ניט
געווען דיין ברודער?

אַנטיגאָנע: אַ ברודער פון איין פאָטער און איין מוטער.

קרעאָן: פאַרוואָס באַערסטו דאַן דעם שונא פון
דיין ברודער?

אַנטיגאָנע: זיין שאָטן—ווייס איך—וועט דערפאַר מיך ניט
פאַרמשפטן.

קרעאָן: פאַר אָפּגעבן דעם גלייכן כבוד אים
און דעם פאַרברעכער?

אַנטיגאָנע: ניט ווי אַ שקלאַף, נאָר ווי אַ ברודער איז
פּאָלינייקעס געפאַלן.

קרעאָן: דער ערשטער איז געווען אַ רעטער
פון דעם לאַנד, דער צווייטער—אַ פאַרוויסטער.

אַנטיגאָנע: דער האַדעס אָבער פאָדערט גלייכע רעכט
פאַר אַלעמען.

קרעאָן: מע קען ניט גלייכן דעם גערעכטן מיט
דעם אומגערעכטן.

אַנטיגאָנע: ווער ווייס, אויב אויך אין האַדעס הערשט
דאָסזעלבע רעכט?

קרעאָן: אפילו נאָך דעם טויט קען אונדזער פיינד
קיין פריינד ניט ווערן.

אַנטיגאָנע: איך בין באַשאַפן ניט צו האסן, נאָר
צו ליבן.

קרעאָן: דאָרט, אונטן איגם האַדעס, ווערסטו קענען
זייביידן ליבן, ווען דו מוזט. נאָר דאָ,
ביי אונדז, וועל איך, כּל זמן איך לעב, קיין פרוי
ניט לאָזן הערשן!

דאָ באַווייזט זיך איסמענע, אַ טרויעריקע, אַן אויפגערעגטע. פון אירע אויגן פליסן שטראָמען טרערן. קרעאָן פרעגט זי, צי זי אָנערקענט זיך אויך פאַר שולדיק. צו אַנטיגאָנעס גרויסער פאַרוואונדערונג ענטפערט זי, אַז, ניט געקוקט אויף דער שוועסטערס ווידערשטאַנד, האָט זי איר מיטגעהאָלפן אין דער זאַך און דערפאַר אָנערקענט זי זיך אויך פאַר שולדיק. אָבער אַנטיגאָנע זאָגט איר, אַז זי,

איסמענע, האָט ניט קיין רעכט צו טיילן מיט איר די שולד, ווייל זי האָט אין דער אויספירונג פון דער זאַך קיין אָנטייל נישט גענומען. איסמענע בעט אנטיגאָנען, זי זאָל שווייגן, זי זאָל איר דערלויבן שטאַרבן צוזאַמען מיט איר. אָן אנטיגאָנען וועט איר דאָס לעבן ניט ליב זיין.

מיט איר טויט וויל איסמענע פאַרגיטיקן דעם ברודערס שאָטן.

אנטיגאָנע שטויסט אָבער אָפּ איסמענען. זי קען ניט אכטן די, וואָס האָט אויסגעדריקט ליבע נאָר מיט ווערטער. און ווען עס האָבן זיך געפּאָדערט מעשים, האָט זיך איסמענע דערשראָקן פאַרן טויט און מיט אַלע כחות זיך געקלאַמערט אָן לעבן.

הערנדיק דאָס געשפּרעך פון די צוויי שוועסטער, באַמערקט קרעאָן, אַז איינע איז אָן פאַרשטאַנד געבאָרן, די צווייטע האָט דעם פאַרשטאַנד ניט לאַנג פאַרלאָרן. ער שטרייכט נאָכאַמאָל אונטער, אַז אנטיגאָנע געהערט שוין ניט צו די לעבעדיקע. דאַן פרעגט איסמענע קרעאָנען, ווי אַזוי וועט ער זיך אַנטשליסן צו טויטן זיין זון העמאָנס כלה. קרעאָן ענטפערט, אַז ער וויל ניט פאַר זיין זון קיין שלעכטע ווייב. ביי אנטיגאָנען רייסן זיך דאַן אַרויס די ווערטער: „אָ ליבער העמאָן, ווי אומווירדיק דיין פאָטער באַציט זיך צו דיר!”... אויך די זקנים פרעגן: „שוים זשע ווילסטו זי אָפּנעמען ביי דיין אייגענעם זון?” קרעאָן ענטפערט, אַז דער האָדעס האָט שוין לאַנג צעשטערט זייער פאַרבאַנד. און ער באַפעלט אוועקצופירן ביידע שוועסטער און האַלטן זיי אונטער אַ שטרענגער וואַך.

דער כאָר באַקלאָגט דעם דור פון די מענטשן, אויף וועמען ס'איז אויסגעשטרעקט די שטראָפנדיקע האַנט פון די געטער.

עס קומט אָן העמאָן. מיט ווערטער פול הכנעה און ליבע נעמט ער לויבן דעם פאָטערס חכמה און גרויסקייט און בעט דעם פאָטער ניט דערלאָזן צום טויט פון אנטיגאָנען. העמאָן דערציילט אויך דעם פאָטער, אַז אַלע איינוווינער פון דער שטאָט האַלטן, אַז אנטיגאָנע האָט ניט פאַרדינט אַזאַ הארבע שטראָף פאַר איר שיינער טאַט. העמאָנס רייד רופן אַרויס מיטגעפיל ביי די זקנים. זיי בעטן אויך דעם פירשט ניט אָפּצוּוואַרפן די ביטע פון זיין זון. קרעאָן בלייבט אָבער עקשנותדיק ביי זיין באַשלוס און זאָגט, אַז דאָס פאָלק האָט קיין רעכט ניט אָנצוּווייזן אים, וואָס איז גוט און וואָס שלעכט. העמאָן ענטפערט אים דאַן, אַז אנטיגאָנעס טויט וועט אַרויסרופן נאָך אַ טויט. קרעאָן לאַכט דערפון און באַפעלט צו ברענגען די פאַרברעכערין, כדי צו טויטן זי פאַר איר חתן אין די אויגן.

העמאָן זאָגט דאַן:

— דאָס וועט ניט געשען. דו זעסט מיך צום לעצטן מאָל!—און ער גייט אוועק.

די זקנים זיינען אומרויק פון זיינע לעצטע ווערטער און ווייזן אָן קרעאָנען, וואָס פאַר אַ געפאַר דאָ שטעקט פאַר זיין זון. אָבער קרעאָן ענטפערט שטאָלץ:

—„וואָס ער זאָל מיט זיך ניט טאָן, וועט ער די שוועסטער ניט ראַטעווען”.

די זקנים פרעגן, צי האָט ער בדעה ביידע שוועסטער צו טויטן. קרעאָן פאַרכאַפּט זיך און זאָגט, אַז ער וועט טויטן נאָר אנטיגאָנען. אויף דער פראַגע, וועלכע שטראָף ער האָט פאַר איר באַשטימט, גיט ער אַזאַ ענטפער: ער וועט זי הייסן אוועקפירן אין אַ ווייטן אָרט און דאָרט באַגראָבן זי לעבעדיקערהייט אין אַ הייל פון אַ פעלז. אין דעם הייל וועט ער הייסן אַריינלייגן אַזוי פיל שפּייז, וויפיל עס איז נויטיק פאַר אַ קרבן תשובה, כדי די שולד זאָל ניט פאַלן אויף דער שטאָט. און ער לאָזט אויס זיינע רייד מיט די ווערטער: זאָל זי בעטן ביי פּלוטאָנען—דעם איינציקן גאָט, וואָס זי אָנערקענט—הילף און רעטונג.

מע ברענגט אנטיגאָנען. זי באַקלאָגט איר גורל.

אַנטיגאָנע: אָ, זעט מיך בירגער פון מיין פאָטערלאַנד—
דעם לעצטן וועג גיי איך אַצינדערט דורך

און זע צום לעצטן מאָל דאָס שטראַלנדיקע ליכט,
וואָס וועט שוין קיינמאָל מיר נישט לייכטן מער.
דען האַדעס פירט מיך לעבעדיקערהייט
צום טרויערדיקן ברעג פון אַכעראָן*).
איך האָב קיין ליבע נישט געקענט,
ס׳האָט קיינער מיר קיין חופּה־ליד געזונגען,
נאָר אַכעראָן וועט זיין מיין מאַן.

כאָר: אין רום און כבוד אָבער גייסטו אין
דאָס הויז פון די פאַרשטאָרבענע. עס האָט
קיין קראַנקייט דיך פאַרצערט, קיין שאַרפע שווערד
דערשלאָגן. ניין! אין בליענדיקער קראַפט,
אַ פרייע, נידערסטו, ווי קיינער פון
די שטערבלעכע, אַראָפּ אין האַדעס.

אַנטיגאָנע: איך האָב אַמאָל געהערט, ווי שרעקלעך ס׳איז
געווען דער טויט פון דער פריגיערין
ניאָבע, טאַנטאַלס טאָכטער, אויף די הויכן
סיפּילאָנס: פעלזנצווייגן האָבן זי,
גלייך ווילדער וויין, אַרומגעקלאַמערט פעסט.
אַצינד, דערציילט מען, ווערט זי דאָרט כּסדר
מיט רעגנס און מיט שנייען אומגעשטורעמט,
און שווערע טרערן פאַלן כּסדר
פון די אויגן אויף איר ברוסט אַראָפּ.. אויך מיר
איז פון די געטער אַזאַ טויט באַשערט.

כאָר: פאַרגעס ניט, אַז זי איז אַ געטין און
אַ קינד פון געטערשטאַם, און מיר זיינ׳ מענטשן
און שטאַמען פון די שטערבלעכע. דאָן גרויס
ז׳דער רום פון די, וואָס טיילן אינם טויט
דעם גורל פון די געטער.

אַנטיגאָנע: אָ, מוטערשטאָט!
אָ, שטאָט פון רייכע מענער!
און איר—
אָ, קוואַלנשטראָמען דירקעס,
דו וואַלד
פון טעביי דער וואָגנבאַרימטער!—
איך רוף צו אייך—אָ, זייט מיר עדות,
ווי איך מוז, אומבאַוויינט פון פריינד, אָן שולד
באַלד נידערן אין שרעקלעכן געוועלב
פון פרישן ענגן קבר־צעלט.
אָ, אומגליקלעכע,
פון לעבעדיקע אָפּגעשיידט,
מיט טויטע נישט פאַריינט!

*) אַכעראָן—אַ טייך אין אונטערוועלט.

כאָר: אריבערשטייגנדיק דעם העכסטן פונקט
פון מענטשלעכער מוטוויליקייט, האָסטו
זיך אָנגעשטויסן, קינד, אָן ד י ק ע ס*) הויכן טראָן
און ביסט באַזיגט. דו פאַלסט, ווייזט אויס, אַ קרבן פאַר
דיין פאָטערס זינד.

אַנטיגאָנע: איר האָט דאָס שמערצלעכסטע ביי מיר אין הארצן אָנגערירט:
דעם פאָטערס טרויעריק-באַוווסטן גורל
און דעם שווערן שיקזאַל,
וואָס דריקט דעם גאַנצן שטאַם
פון די באַרימטע לאַבדאַקידן.
אויך איך מוז איצט, פון פלוך געיאָגט,
אַ בתולה נאָך,
צו זיי אין האַדעס נידערן.
אָ, וויי, וויי, ברודער מיינער!
דיין טרויעריקע חתונה האָט דיר
בלויז פיין און טויט געבראַכט.
און שטאַרבנדיק האָסטו אויך מיך,
די ליבנדע, מיט דיר אין האַדעס מיטגעצויגן!
נאָר קומט, כ'בין גרייט. אָ געטער פון מיין שטאַם!
אָ טהעביי, דו מיין היימאַט-שטאָט, מע פירט
מיך אומגעזאַמט אַוועק! אָ זקנים, זעט!
אָט גייט דאָס קיניגסקינד, דער לעצטערשפּראָץ
פון אַלטן הערשער-שטאַם. אָ זעט, מיט וואָס
פאַר פיין איך בין באַשטראָפט
דערפאַר, וואָס כ'האָב דאָס הייליקע
געהאַלטן הייליק!...

די זקנים באַקלאָגן אַנטיגאָנעס גורל און פאַרגלייכן אים מיטן גורל פון די האַלב-געטער און געטינס, וועלכע זיינען באַשטראָפט געוואָרן אויף אַן ענלעכן אופן. זיי האַלטן, אַז אַנטיגאָנעס ליידן זיינען אַ סך שווערער פאַר די ליידן פון יענע קרבנות.

קרעאָן קען זיך קיין רו ניט געפינען אין פּאַלאַץ. ער קומט אַרויס אויפן פּלאַץ און טרעפט דאָ דעם בלינדן זעער ט י י ר ע ז י אַ ס ן. דער זעער זאָגט אים, אַז אויף זיין, קרעאָנס, לעבן איז געווענדעט דער שאַרפסטער שאַרף פון אַ מ ע ס ע ר. קרעאָן בעט אים ריידן דייטלעכער און דער זעער דערציילט: זייענדיק אין מקום קדוש און פאַרנעמענדיק זיך מיט די געוויינלעכע באַאָבאַכטונגען, האָט ער מיט-אַמאָל דערהערט אין דער לופט אומבאַקאַנטע משוגענע ווילדע קולות פון פויגל. אַ הייליקער ציטער האָט אים דורכגענומען און ער האָט געוואָלט ברענגען אַ קרבן. די געטער האָבן אָבער דעם קרבן ניט אָנגענומען. דערפון פאַרשטייט ער, אַז דאָס לאַנד ליידט צוליב דער פאַרטונקלונג פון קרעאָנס פאַרשטאַנד. די הינט און

*) דיקע—די געטין פון גערעכטיקייט.

די רויב-פויגל, וואָס זיינען איבערגעזעטיקט מיט דעם טמאין פלייש פון פּאָלינייקעסן, האָבן אָנגעשטעקט די הייליקע סטאַדעס. די געטער נעמען ניט אָן קיין קרבנות. זיי זיינען טויב צו די תּפילות און שיקן שלעכטע סימנים דורך די פויגל. דעריבער ראָט ער קרעאָנען צו אָנערקענען זיין פעלער—אויפהערן צו פאַרפאָלגן דעם בר-מנן.

דערהערנדיק די ווערטער, ווערט קרעאָן שטאַרק אויפגעבראַכט און שווערט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט קען ניט ענדערן זיין באַשלוס. ער דריקט אויס פאַראַכטונג צו די הייליקע רעכט פון האַדעס און זאָגט: — ווען אַפילו צעוסעס אָדלערס וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער נבלה פון אוידיפּוסעס זון און וואָלטן געבראַכט שטיקער פון דעם רויב צום טראָן פון אַלמעכטיקן גאָט—אויך דאַן וואָלט ער, קרעאָן, זיין באַשלוס ניט געענדערט.

די ווערטער ברענגען אַרויס טיירעזיאַסן פון געדולד און ער רופט אויס מיט אַן אימהדיק-שטילן קול:

— „הער זשע אויס קרעאָן, דו זון פון מענעקאַאָס, די זון וועט קוים נאָר באַווייזן עטלעכע מאָל זיך אומצודרייען, און אַ טויטער קערפּער פון דיינע באַנטע וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון יענע טויטע. די געטינס פון נקמה, די ע ר י נ י ע ן, וועלן דיר ניט מוחל זיין, וואָס דו האָסט אַראָפּגעשיקט אין האַדעס אַ לעבעדיקן מענטשן און האָסט מחלל געווען אַ בר-מנן—אַ זאַך, וואָס איז ניט דערלויבט אַפילו די אייבערשטע געטער. זיי נעמען זיך שוין אָן פאַר דעם כּבוד פון פּלוטאָנס מלוכה און אינגיכן, גאָר אינגיכן וועלן שרעקלעכע געשרייען און יאָמערן אָנפילן דיין הויז און די גאַנצע מלוכה וועט אויפשטיין קעגן דיך“!...

טיירעזיאַס ווערט אַנטשוויגן און הייסט זיין באַגלייט-יינגל פירן אים אַהיים. קרעאָן בלייבט, ווי פאַרשטיינערט. די זקנים בעטן אים ניט באַליידיקן דעם בלינדן זקן. קרעאָן ווערט שוין מער ניט אין כּעס. פאַרקערט, ער פרעגט ביי די זקנים אַן עצה, וואָס צו טאָן. ער שווערט צו דערפילן די עצה, וואָס עס זאָל ניט זיין.

די זקנים בעטן אים גלייך אַרויסצופירן אַנטיגאָנען פון דעם הייל און מקבר צו זיין פּאָלינייקעסעס קערפּער לויט די געהעריקע דינים. מיט אַ פיבערהאַפטער גיכקייט שיקט קרעאָן גלייך זיינע דינער אויסצופירן דעם ראָט פון די זקנים. ער פאָלגט אַליין נאָך זיי, כּדי זיי צו העלפן. די זקנים זיינען באַרויקט און זינגען אַ הימן דעם אָרטיקן גאָט פון וויין, אין וועלכן זיי בעטן אים, ער זאָל אַראָפּנידערן און אָפּרייניקן די שטאָט פון זינד און איינשטעלן דאָרט רו און פרייד. אָבער אינדעם קומט פּלוצלונג אָן איינער פון קרעאָנס דינער מיט דער שרעקלעכער ידיעה, אַז דעם מלכּס זון ה ע מ אָ ן האָט זיך גענומען דאָס לעבן, ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז ער קען זיין כּלה ניט ראַטעווען.

דערהערנדיק די ידיעה, הייבן די זקנים אויף אַ געוואַלדיקן יאָמער. אויפן יאָמער קומט צו לויפן קרעאָנס פרוי, די קיניגין אוירידיקע. דער שליח דערציילט איר דאַן, ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען:

— „צוזאַמען מיט אייניקע באַדינער איז דער קיניג אַוועק אויפן שלאַכטפעלד, ווו עס איז נאָך אַלץ געלעגן פּאָלינייקעסעס טויטער קערפּער, אַ שרעקלעך צעשעדיקטער סיי פון דער צייט, סיי פון די הינט.

אַלע האָבן זיי תּפילה געטאָן צו פּלוטאָנען, דאַן אַרומגעוואַשן דעם קערפּער, פאַרברענט אים אויף אַ פייער פון פרישע צווייגן און דעם אַש באַגראָבן אין דער ערד.

נאָכדעם זיינען זיי אַוועק צום פעלז, ווו ס'איז געווען איינגעמויערט די אומגליקלעכע אַנטיגאָנע. שוין פון וויטן זיינען צו זיי דערגאַנגען די שרעקלעכע געשרייען. זיי האָבן וועגן דעם געמעלדעט דעם קיניג. ווען קרעאָן האָט דערהערט דעם יאָמער, האָט זיך פון זיין האַרץ אַרויסגעריסן אַ מוראדיקער געשריי—ער האָט דערקענט דעם קול פון זיין זון... ער האָט גענומען איילן די דינער, ווייל ער האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער איבערצייגן, צי זיין זון געפינט זיך באמת אין יענעם פעלזנשפּאַלט. די דינער האָבן גענומען לויפן און, קומענדיק צו יענעם

ערט, האָבן זיי, אַ וויי, דערזען אַן אימהדיק בילד—אויפן ברעג פון פעלז איז געהאַנגען אַנטיגאָנע, וועלכע האָט ניט געוואָלט שטאַרבן מיט קיין לאַנגזאַמען טויט און האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף איר גורט.

העמאָן האָט געהאַלטן ארומגענומען דעם טויטן קערפּער פון זיין כּלה און ביטער באַקלאָגט איר פריצייטיקן טויט, זייער יאָמערלעכע חתונה און דעם גרויזאַמען פּסק-דין פון זיין פאָטער...

אינדעם איז צוריקגעקומען קרעאָן. דערזעענדיק דעם זון, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום פעלזנשפּאַלט און מיט טרערן גענומען בעטן דעם זון פאַרלאָזן די הייל. העמאָן האָט באַגעגנט דעם פאָטער מיט אַ ווילדן שטאַרן בליק, האָט שווייגנדיק ארויסגעצויגן דעם שווערד פון שייד און פאַרמאָסטן זיך אויפן פאָטער. קרעאָן איז פלינק ארויסגעשפּרונגען פון הייל און אַזוי ארום אויסגעמיטן דעם קלאַפּ. דער אומגליקלעכער ייִנגלינג האָט דאַן פאַר צער דורכגעשטאָכן מיטן שווערד זיין אייגענע ברוסט און ארומנעמענדיק די טויטע כּלה אויסגעהויכט זיין נשמה."

אויסגעהערט די ווערטער פון דעם קנעכט, האָט די קעניגין אוירידיקע קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידן און איז ווי אַן זיך אַוועק צוריק אין פּאַלאַץ אריין.

אוירידיקעס רויקייט דערוועקט ביי די זקנים באַאומרויקונג, זיי שיקן דעם באַדינער אין פּאַלאַץ אריין, זען וואָס ס'איז דאָרט מיט איר.

דערווייל קומט אָן קרעאָן מיט דעם קערפּער פון זיין טויטן זון אויף די הענט. ער קלאָגט הויך און פלוכט זיין פאַרבלענדעניש, וואָס האָט געבראַכט דעם טויט פון זיין געליבטן קינד.

דער כּוס פון קרעאָנס ליידן איז נאָך אָבער דערמיט אויך ניט פול געווען. פון פּאַלאַץ קומט ארויס דער דינער און מעלדעט מיט אַ יאָמערלעך קול, אַז אוירידיקע האָט זיך פאַר צער גענומען דאָס לעבן. שטראָמען טרערן הייבן אָן צו פליסן פון קרעאָנס אויגן, פון זיין ברוסט רייסט זיך ארויס אַ געשריי פול מיט יאוש און פּיין.

דעם קיניגס ליידן זיינען נאָך אָבער אַלץ ניט פאַרפול. דער דינער מעלדעט אים, אַז פאַרן טויט האָט אוירידיקע צוערשט באַוויינט איר זון מעגאַרעוסן, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט פון „זיבן קעגן טהעביי”, דאַן—העמאָנען און צולעצט האָט זי געשיקט אַ קללה קרעאָנען, וועמען זי האָט אָנגערופן „קינדערמערדער”.

קרעאָן איז אויף דעם מודה און זאָגט: „— אַ וויי, זי איז געווען גערעכט, איך בין ווירקלעך דער מערדער פון מיינע קינדער!” און ער רופט אויף זיך דעם טויט, ער זאָל גיכער קומען און מאַכן אַן ענדע צו זיינע ליידן.

יידיש—מ. חיימסאָן און ש. באָסטאָמסקי.



אוירִיפִּידעס.

דער ייִנגסטער פֿון דעם גענִיאַלן טריומווִיראַט פֿון די גריכישע טראַגיקער—א ו י ר י פּ י ד עס איז געבאָרן אין יאָר 480 פֿאַ ר דער קריסט־לעכער צייטרעכענונג אויפֿן אינזל סאַלאַמיס אינם טאָג פֿון דער באַרימטער שלאַכט בײַ סאַלאַמיס

הגם זײַן פֿאָטער איז געווען ניט רײַך, האָט ער דאָך געגעבן דעם זון אַ גוטע דערציונג: אים געלערנט אַטלעטיק, גימנאַסטיק, אויך מאַלעריי. אין רײַפֿערן עלטער האָט זיך אוירִיפּידעס פֿאַרנומען מיט פֿילאָזאָפֿיע און ריטאָריק. דער באַרימטער גריכישער פֿילאָזאָף אַנאַקסאַגאָראַס איז געווען זײַן לערער.

אוירִיפּידעס איז געווען באַפֿרײַנדעט מיט די גרעסטע מענער פֿון זײַן צײַט: מיט פּעריקלעסן, מיטן היסטאָריקער טוקידידעסן, אויך מיט סאָפֿאָקלעסן.

אוריפידעסעס ערשטע טראַגעדיע איז געשטעלט געוואָרן אין יאָר 455 פאַר קר. וועלכע דאָס איז געווען, איז ניט דערגאַנגען געוואָרן. דעם ערשטן פריז פאַר זיינער אַ טראַגעדיע האָט ער באַקומען ערשט אין יאָר 444 פאַר קר. בכלל האָט ער אין פּאָעטישן וועט-קאַמף מנצח געווען אינגאַנצן פינף מאָל. דאָס האָט אָבער אויף אים קנאַפּ-וואָס געווירקט. ער האָט געוווסט, אַז זיינע ווערק האָבן אַן אייביקן ווערט.

איינמאָל האָט ער זיך באַקלאָגט פאַרן טראַגיקער אַקוועסטאָ-ראָס, אַז אין משך פון 3 טעג האָט זיך אים איינגעגעבן ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג צו שאַפן נאָר דריי פערזן. אַקוועסטאָראָס האָט אים געענטפערט, אַז פאַר 3 טעג וואָלט ער אָן שום מי גע-קענט אָנשרייבן הונדערט פערזן. אויף דעם האָט אים אוריפידעס באַמערקט: „ס׳איז אָבער אַ גרויסער חלוק צווישן אונדזביידן: דיינע פערזן ווערן געשריבן נאָר אויף דריי טעג, מיינע—אויף אייביק.

אוריפידעס איז געווען אַן ערנסטע, פאַרשלאָסענע נאַטור. ער האָט זיך דערווייטע״ט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און ניט פאַרנומען קיין מלוכה-שטעלע. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס ער איז גע-ווען ווייניק פּאָפּולער ביים פאָלק. אוריפידעס האָט אָנגעשריבן ביז 90 קונסטווערק. פון זיי זיינען אויפגעהיט געוואָרן נאָר 17. די באַרימטסטע פון זיינע טראַגעדיעס זיינען: א י פ י ג ע נ י ע אין אַ ו ל י ס, א י פ י ג ע נ י ע אין ט אַ ו ר י ס, מ ע ד ע אַ, אַ ל ק ע ס ט ע, ה י פּ אָ-ל י ט אָ ס א. א.

געשטאָרבן איז ער אין דער פרעמד, אין הויף פון דעם מאַ-קעדאָנישן קיניג אַרכעלאַוס אין יאָר 406, אין זעלבן יאָר וואָס סאָפאָקלעס.

אוריפידעסעס טויט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די אַטהענער. מע דערציילט, אַז ווען סאָפאָקלעס האָט באַקומען די ידיעה וועגן זיין טויט, האָט ער אָנגעטאָן טרויער-קליידער און דעם טאָג אַרויסגעלאָזט די אַקטיאָרן אויף דער סצענע אָן קרענץ אויף די קעפּ, אַלס סימן פון טרויער. דאָס פאָלק האָט געוויינט.

די אַטהענער האָבן פאַרלאַנגט, אַז אַרכעלאַוס זאָל זיי אַרויסגעבן אוריפידעסעס קערפּער, כדי מקבר צו זיין אים אין זיין היימאַט-שטאָט. אָבער אַרכעלאַוס האָט זייער פאַרלאַנג ניט דערפילט. דאַן האָבן די אַטהענער אוועקגעשטעלט אוריפידעסן אַ שיינעם דענקמאָל אין גריכנלאַנד. מע דערציילט, אַז אויפן דענקמאָל איז געווען פאָלגנדי-קע אויפשריפט: „אוריפידעסעס קבר איז גאַנץ גריכנלאַנד, הגם זיין קערפּער געפינט זיך אין מאַקעדאָניע, ווו ס׳איז אים באַשערט געווען צו ענדיקן דאָס לעבן. זיין פאָטערלאַנד איז אַטהען און גאַנץ העלאַס. ער איז געווען באַליבט ביי די מוזן און האָט זיך דערמיט דערוואָרבן אַלעמענס ליבע״.

אוירי‌פידעס.

איפיגעניע אין אַוליס.

טראַגעדיע.

פערזאָנען:

אַגאַמעמנאָן, מלך פון ארגאָס און מיצענע, הויפט-אָנפירער פון די גריכן אין דער מלחמה פון טראָיע.

מענעלאַוס, אַגאַמעמנאָנס ברודער, דער מאַן פון דער גערויבטער העלענע.

אַכילעס, דער זון פון פעלעוס און טעטיס.

קליטעמנעסטראַ, אַגאַמעמנאָנס פרוי, טינדארעוסעס טאָכטער, העלענעס שוועסטער.

איפיגעניע, אַגאַמעמנאָנס און קליטעמנעסטראַס טאָכטער.

זקן, שקלאַף אין אַגאַמעמנאָנס הויז.

אָנזאָגער.

כאָר, פרעמדע פרויען פון כאַלציס (אויף דעם אינזל אויבעיע), וואָס זיינען געקומען קיין אוליס אָנקוקן דעם גריכישן חייל און פלאָט.

די אַקציע קומט פאָר אין גריכישן לאַגער און אוליס פאַר אַגאַמעמנאָנס געצעלט.

דער הינטערגרונד פון דער טראַגעדיע.

די שיינע העלענע, די שענסטע פון אלע גריכישע פרויען, איז געווען די טאָכטער פון דעם קיניג טינדארעוס. אסך יונגע פירשטן זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן צו טינדארעוסן אין הויז, האָפנדיק צו באַקומען דעם קיניגס טאָכטער פאר א פרוי. די חתנים האָבן געדראָט מיט א בלוטיקן קריג דעם גליקלעכן, וואָס העלענע וועט אויסקלייבן פאר א מאַן. צוליב די דראָונגען האָט דער קיניג א לאַנגע צייט מורא געהאט אויסצוקלייבן א מאַן פאר דער טאָכטער. נאָך א לאַנגן ישוב האָט ער אויסגעפונען אַזא מיטל: ער האָט גענומען ביי אלע חתנים א שטרענגע שבועה צו שיצן דאָס רעכט פון דעם אויסגעוויילטן, ווער ער זאָל ניט זיין, און ברענגען קריג און פאַרוויסטונג אין דער שטאָט פון דעם, וואָס וועט זיך דערוועגן אָוועקצורויבן די יונגע פרוי פון דעם מאַנס הויז.

העלענע האָט דאַן מיט דער דערלויבעניש פונם פאָטער אויסגעוויילט פאַר א מאַן דעם בלאָנדן מענעלאוס, אטרעוסעס זון, וועלכער האָט געוווינט אין לאַצעדעמאָן.

אין א קורצער צייט ארום איז קיין לאצעדעמאָן אָנגעקומען א יונגער פריגיער מיטן נאָמען פאריס, דער שענסטער צווישן די מענער, אויסגעצירט אין גאָלד און אין טייערע שטיינער.

פאַריס פאַרליבט זיך אין העלענען. זי ענטפערט אים מיט ליבע. ער רויבט זי דאַן אָוועק פון מענעלאוסן און אַנטלויפט מיט איר אין זיין פאָטערשטאָט טראָיא. דער טיף באַליידיקטער מענעלאוס רופט אין צאָרן צונויף אלע פירשטן, דערמאָנט זיי זייער אלטע שבועה און פאַרלאַנגט פון זיי הילף קעגן דעם פרויען-רויבער פאַריס.

אויף מענעלאוסעס רוף פאַרזאַמלען זיך אלע גריכישע פירשטן אין דעם האַפן אוליס. דער ווייטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן ווערט קלאָר פון דעם געשפרעך צווישן מענעלאוסעס ברודער אגאמעמנאָן און זיין שקלאַף אין אָנהייב פון דער טראַגעדיע.

אגאמעמנאָן: ... עס גייט גאַנץ גריכנלאַנד אַרויס אין קריג.
א מוראדיקער חייל זאַמלט זיך צונויף
אין אַוליס' ענגן האַפן, יעדער מיט זיין וואָפן—
אויף שיפן, קריגסוועגן און פערד. און איך,
דער ברודער פון באַליידיקטן, ווער אויסגעוויילט
אַלס פירער אין דעם קריג.—הלואי וואָלט דאָך
דעם הויכן אַמט
אַן אַנדערער באַקומען!...—איצט, ווען אַלץ איז גרייט
שוין צו דער שלאַכט, איצט מוזן מיר אומעטיק זיצן אין
דעם האַפן, ווייל די לופט בלייבט אומבאַוועגלעך שטיל.
אין אונדזער יאוש ברענגט דער זעער קאַלכאַס אונדז
דעם געטער-שפּרוך, אַז גינסט'קע ווינטן וועלן דאַן
נאָר בלאָזן, ווען מיין קינד, מיין איפיגעניע,
וועט פאַר אַרטעמיס, דער באַשיצערין פון אַוליס,

אַלס קרבן בלוטן... זאָל דאָס אָבער ניט געשען,
דאַן וועלן מיר קיין ווינט נישט האָבן און קיין זיג
דערלעבן. דאָס דערהערט, האָב איך טאַלטיביוסן
באַפוילן דורך העראָלדן־שטימען גלייך צו מעלדן,
אז פרייגעלאָזן ווערט דער גאַנצער חיל פון
די גריכן, ווייל כ׳וועל קיינמאָל איינשטימען מיין קינד
אַלס קרבן שלאַכטן. נאָר מיין ברודער צווינגט מיך דורך
דער קראַפט פון זיינע ראיות, וועלכע וואָלטן ערד
און הימל אויפטרייסלען געקענט, דעם שרעקלעכן
באַשלוס דאָך אָנצונעמען. און איך שרייב דאַן צו
דער קיניגין, באַפעל, זי זאָל מיר אומגעזאַמט
די טאָכטער אונדזערע קיין אַוליס שיקן, אום
צו ווערן דאָ די פרוי פון אַכילעסן.
איך טו דערביי דעם חתנס מעלות און פאַרדינסטן
הויך רימען. און כּדי זי נאָך מער צו־צו־איילן,
גיב איך נאָך צו: אַכילעס זאָגט זיך אָפּ מיט אונדז
קיין איליאָן צו ציען, איידער ער האָט זי
אַלס פרוי צו זיך קיין פּיטהיאַ אַהיימגעשיקט.
מיט אָט דער אויסגעטראַכטער חתונה האָב איך
געהאָפט דעם קינדס עקדה פון דער מוטער צו
פאַרבאָרגן. פון די גריכן ווייס דעם סוד חוץ מיר
און מענעלאַוסן און קאַלכאַסן נאָר איין
אוליס.—נאָר דאָס, וואָס איך האָב פריער שלעכט געמאַכט,
וויל איך פאַרריכטן מיט דעם בריוו, וואָס איך האָב בסוד
אין טונקל פון דער נאַכט געשריבן און, ווי דו,
מיין זקן, האָסט געזען, געעפנט און צוריק
פאַרחתמעט. נעם דעם בריוו און איל מיט אים קיין אַרגאָס.
נאָר וואַרט — דו ביסט פון תּמיד אָן דער קיניגין
און אונדזער גאַנצן הויז, ווי כ׳ווייס, אַ טרייער קנעכט
געווען. נון וויל איך מונדלעך דיר דערציילן, וואָס
עס שטייט אין בריוו פאַרבאָרגן. (לייענט)
„אָ, לעדאַס שפּראָץ, איך איל מיך נאָך דעם ערשטן בריוו
אַ צווייטן דיר צו שיקן״...

דער זקן: אָ, לייען ווייטער, האַר, און זאָל קיין זאַך פון מיר
פאַרבאָרגן בלייבן, כּדי מיין מונדלעכער באַריכט
זאָל שטימען מיט דיין בריוו.

אַגאַמעמנאָן: (לייענט ווייטער) „אָ, שיק
דיין טאָכטער ניט צו אַוליס שטילן האַפן אין
אויבעראָס וואַסער־בוזעם. סימוז די חתונה
פון אונדזער טאָכטער ווערן אָפּגעלייגט אויף
אַ גינסטיקערע צייט״...

דער זקן: און גלויבסטו דען, אַז ס׳וועט דער העפטיקער אכיל
ניט אויפברויזן אין צאָרן קעגן דיך און
דער קיניגין דערפאַר, וואָס דו וועסט אים דאָס ווייב
נישט געבן? האַר, דאָ שטעקט אַ גרויס געפאַר. אָ, זאָג,
וואָס קלערסטו וועגן דעם?

אגאַמעמנאָן: אַכילעס ווייס פון קיין זאַך ניט; פאַרהוילן איז
פון אים דער געטער־שפרוך, פאַרבאָרגן אויך
די כלומרשטיקע חתונה. עס איז אַלזאָ
פון דער זייט קיין סכנה ניט פאַראַן.

דער זקן: אָ שרעקלעך איז, וואָס דו האָסט פאַרגענומען, האַר!
דו רופסט די טאָכטער אין דיין לאַגער און דו זאָגסט
איר צו — די פרוי פון אַכילעס צו ווערן.
אין אמתן איז גאָר געווען דיין דעה זי
אַלס קרבן פאַר די דאַנאַער אָראָפּצוברענגען.

אגאַמעמנאָן: אָ ווי, איך האָב דעם זין פאַרלאָרן!... געטער!
אומענדלעך איז מיין פּיין!.. דאָך אייל דיך, לויף, פאַרגעס
אויף היינט דיין עלטער!...

דער זקן: איך פלי, מיין האַר!

אגאַמעמנאָן: ניט מידיקייט, ניט שלאָף ביים ברעג פון קילן שטראָם,
ניט שאָטן פון די ביימער זאָל דיך אָפּהאַלטן אין וועג.

דער זקן: אָ קיניג!
דו זאָלסט פון מיר דאָך בעסער דענקען!

אגאַמעמנאָן: באַזונדערס אַכט גיב אויף די שיידוועגן: צי איילט
ניט דאָרט דער וואָגן שוין, וואָס זאָל מיין טאָכטער צו
דעם גריכנלאַגער פירן. ווייסט דאָך, ווי
די רעדער לויפן שנעל.

דער זקן: אָ, האַר, זיי זיכער אין מיין וואַכזאַמקייט.

אגאַמעמנאָן: איך וויל דיך מער ניט אָפּהאַלטן, פאַרלאָז
וואָס גיכער אונדזער גרעניץ און — הערסטו — טרעפסטו
צומאָל דעם וואָגן אויפן וועג, דאַן זאָלסטו, דו
אַליין, די פערד צוריק גלייך קיין מיצענע טרייבן.

דער זקן: דאָך זאָג מיר, ווי אַזוי געפין איך צוטרוי ביי
דער יונגפרוי און דער קיניגין?

אגאַמעמנאָן: דו זאָלסט נאָר אָפּהיטן דעם זיגל אויף מיין בריוו.
גוו גיי, ס׳קומט אָן דאָס העלע ליכט, די מאָרגנרויט
וואַרפט אירע שטראַלנדיקע פיילן און עס שטייגט

אין פלאַמען אויפן הימל אויף דער פּאַעטאָן
פון העליאָס. יאָ, גיי און נעם פון הארצן מיר
אַראָפּ די לאַסט... (זקן אָפּ) אָ, קיינער פון די שטערבלעכע
זאָל זיך פאַר גליקלעך האַלטן ביז צום סוף פון לעבן!
ס'איז קיינער לײדנפרײ נאָך ניט געבאָרן.

אויף דער סצענע באווייזן זיך מ ע נ ע ל א ו ס און דער זקן, אגאמעמנאנס שליח. מענעלאוס האט ביי אים צוגענומען אגאמעמנאנס בריוו. דער זקן וויל דעם בריוו צוריק באקומען. מענעלאוס טרייבט אים פון זיך. אויף דעם זקנס קולות קומט ארויס אגאמעמנאן. מענעלאוס ווארפט אויף דעם ברודער שוואכקייט און פאלשקייט: נאכדעם ווי ער, אגאמעמנאן, האט באקומען די מאכט, האט ער געביטן זיין ווארט און בוגד געווען אין פאטערלאנד, וועלכע מע קען ראטעווען נאר ברענגענדיק איפיגעניען פאר א קרבן. אגאמעמנאן דערווייזט דעם ברודער, אז עס האנדלט זיך גארניט וועגן פאטערלאנד, נאר וועגן מענעלאוסעס א פערזענלעכן ענין. עס איז אומזיניק צוליב א נארישער שבועה צו פירן אין קריג גאנץ העלאס. דער באליידיקטער מענעלאוס גרייט זיך אוועקצוגיין, דראענדיק אגאמעמנאנען. פלוצלונג קומט אן א שליח מיט דער בשורה, אז ק ל י ט ע מ נ ע ס ט ר א מיט דער טאכטער זיינען שוין אנגעקומען אין לאגער. דאס גאנצע פאלק איז געלאפן זיי אנטקעגן. דער שליח גיט אויך איבער, אז צווישן פאלק האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז איפיגעניע איז אראפגעקומען אהער, ווייל דא דארף פארקומען איר חתונה. אגאמעמנאן איז פארצווייפלט. איצט איז שוין אוממיגלעך די טאכטער צו ראטעווען. ווי אזוי וועט ער איצט באגעגענען די טאכטער מיט דער מוטער? ווי אזוי וועט ער זיי אנקוקן?

מענעלאוס איז גערירט פון אגאמעמנאנס שווערער לאגע. אים פארדריסט שוין אויך, וואס איפיגעניע דארף אומקומען צוליב העלענען און ער קריגט גרויס רחמנות אויף זיין ברודערס טאכטער. עס קען שוין אבער קיין זאך ניט העלפן. אויב זיי וועלן זיך קעגנשטעלן, וועט זיי דער חייל טויטן,ביידע אפּ.

דער כאר, דערמאנענדיק פאריסעס שלעכטע טאט, לויבט מעסיקייט אין ליבע, עניוות און אויסגערעכנטקייט.

אויף דער סצענע פארט ארויף א וואגן, אין וועלכן עס זיצן קליטעמנעסטרא און איפיגעניע.

אגאמעמנאן גייט זיי ארויס מקבל פנים זיין. איפיגעניע ווארפט זיך דעם פאטער אויפן האלדז. עס קומט פאר א ריירנדיקע סצענע צווישן פאטער און קינד. אין דער סצענע קומט צום אויסדרוק די נאאיווע קינדערשע ליבע צום פאטער און די פארלעגנהייט פון פאטער, וועלכער איז געצוווּנגען צו ריידן צווייטייטיק.

פארבלייבנדיק נאכדעם אליין מיט קליטעמנעסטראן, פרווט אגאמעמנאן זי בעטן, זי זאל פארן אהיים. זי וויל זיך אבער בשום אופן ניט אפּזאגן פון דעם רעכט איינצוארדנען איר טאכטערס חתונה.

אגאמעמנאן גייט דאן אוועק צו קאלכאסן נאך אן עצה.

דער כאר זינגט וועגן דעם קינפטיקן חורבן פון טראיא.

אין דער ווייטערדיקער סצענע קומט אכילעס צו אגאמעמנאנען, כדי צו דערגיין ביי אים, ווי לאנג האבן זיי נאך צו ווארטן. דער חייל איז זייער אומגעדולדיק.

דערהערנדיק אכילעס' קול, גייט קליטעמנעסטרא ארויס צו אים פון איר געצעלט, שטרעקט אויס צו אים איר האנט, ווי צו א קינפטיקן איידעם. אכילעס, וועלכער ווייס פון קיין זאך ניט, בלייבט שטיין פארשעמט, באמערקנדיק, אז עס איז ניט אנשטענדיק צו פירן צארטע געשפרעכן מיט א פרעמדער פרוי. קליטעמנעסטרא איז פארוווּנדערט. זי דערציילט אים וועגן דער חתונה. אכילעס ווייס אבער ניט פון וואס צו זאגן. ביידע בלייבן אין גרויס פארלעגנהייט. אינדעם קומט

אן דער זקן, אגאמעמנאנס שליח. וועלנדיק ארויסווייזן צו קליטעמנעסטראן זיין גרויס איבערגעבנקייט, אנטפלעקט ער פאר איר דעם גאנצן סוד. די אומגליקלעכע מוטער ווענדט זיך נאך הילף צו אכילעסן.

— דיין נאמען האט מיך אומגליקלעך געמאכט — זאגט זי — דו מוזט מיך ראטעווען.

אכילעס פילט זיך שטארק באליידיקט, וואס אגאמעמנאן האט פאלש אויסגענוצט זיין נאמען. ער איז גרייט צו פארטיידיקן איפיגעניען. נאר ער ראט דער מוטער פרווון איבעררײדן מיט אגאמעמנאנען, אפשר וועט זיך איינגעבן דערליידיקן די זאך בשלום. ביידע אפ.

דער כאר זינגט וועגן דער פריילעכער חתונה פון דער געטין טעטיס, אכילעס׳ מוטער, פארגלייכט מיט יענעם מאלצייט, אויף וועלכן עס זיינען בייגעווען געטער, דעם טרויעריקן מאלצייט ביי דער עקדה, ווען איפיגעניע וועט אנשטאט דעם כלה־שלייער באגעגענען דעם טויט. אין א ווײלע ארום קומט ווידער אן קליטעמנעסטרא. זי האט שוין באוויזן צו דערציילן דער טאכטער וועגן דעם טרויעריקן גורל, וואס ווארט אויף איר.

באלד קומט אן אגאמעמנאן. קאלכאס האט אים באפוילן זיך צוזאיילן מיטן קרבן. דעריבער פאדערט ער פון קליטעמנעסטראן, זי זאל אפלאזן די טאכטער. די מוטער פירט ארויס פון צעלט די וויינענדיקע טאכטער און ווארפט אויף אגאמעמנאנען זיין פאלשע האנדלונג. זעענדיק, אז די מוטערס ווערטער ווירקן ניט, ווענדט זיך דאן איפיגעניע צום פאטער מיט א הייסער בקשה.

איפיגעניע: מיין פאטער, ווען איך וואלט באזעסן ארפויס שטים,
ווען דורך דעם צויבער פון מיין קול וואלט איך געקאנט
באפוילן פעלזן זיך באוועגן, ווען מיין ווארט
וואלט מאכן שמעלצן מענטשלעכע געמיטער, דאן
וואלט איך מיין גאנצע קונסט איצט אנגעווענדעט.
כ׳פארמאג נאר ליידער טרערן בלויז, און זיי וויל איך
צו הילף מיר נעמען; זע — אנשטאט אן איילבערט־צווייג*)
לייג איך זיך זעלבסט צו דיינע פיס. א טויט מיך ניט
אין אנהייב פון מיין בליונגס־צייט. דאס זונענליכט
צו זען איז אזוי ליב! א צווינג מיך ניט צו זעען פאר
דער צייט די פינסטערניש פון אונטערוועלט! איך בין
דאך די געווען, פון וועמען דו׳סט צוערשט געהערט
דעם נאמען „פאטער"; די, צו וועמען דו׳סט צוערשט
„מיין קינד" געזאגט; איך בין די ערשטע, וואס׳ט זיך אויף
דיין פאטערלעכן שויס געשפּילט, צערטלעך דיך
געקושט און קושן צערטלעכע פון דיר באקומען.
דו האסט דאך אפט צו מיר געזאגט: „א, טאכטער מיינע,
וועל איך דערלעבן דיך צו זען א גליקלעכע
אין הויז פון א בכבודיקן מאן, ווי ס׳פאסט
פאר אונדזער יחוס?" איך פלעג דאן זיך צודריקן
צו דיין געזיכט, וואס איך באריר איצט קוים
מיט בעטנדיקער האנט און אויסרופן: „צי וועל

*) סימן פון בקשה.

איך אויך אַמאָל דעם אַלטן פאָטער אויפנעמען
ביי זיך אין הויז און אים מיט כּבוד און מיט דאַנק
באַלוינען פאַר די מי און זאָרג פון מיין דערציִונג?"...
נאָך היינט געדענק איך יענע ווערטער... דו?—דו האָסט
זיי שוין פאַרגעסן און דו ווילסטו מיך טויטן!...
אָ ניין! ביי פּעלאָפּס, ביי דיין פאָטער אַטרעוס,
ביי דער, וואָס'ט אין יסורים מיך געבוירן דיר
און מוז איצט אויפדאָסניי דיזעלבע שמערצן ליידן!...
וואָס גייט מיך פּאַריס' און העלענאַס האָכצייט אָן!
איז ער אַהער געקומען אומצוברענגען מיך?
אָ טו אַ בליק אויף מיר! אָ, שענק מיר נאָר איין קוש...
און בלייבסטו טויב צו מיין געבעט, טאָ זאָל איך כאָטש
ד ע ם אָנדענק פון דיין ליבע מיטנעמען אין קבר!
(ווענדט זיך צו ארעסטן) אָ, ברודער, קום אַהער!.. און ביסטו
נאָך צו קליין
צו שיצן דיינע ליבע, וויינען קענסטו דאָך.
אָ קני פאַר אונדזער פאָטער, וויין און בעט, ער זאָל
ניט אומברענגען דיין אומגליקלעכע שוועסטער! יאָ,
געוויס, אויך קינדער פילן יענעמס ליידן מיט!
אָ פאָטער, זע—ער ווענדט צו דיר אַ שטום געבעט.
מאַך וויך דיין האַרץ! אָ לאָז מיך לעבן! זעסט—באַנאַנד
באַרירן דיין געזיכט צוויי ליבע קינדער דיינע:
ער—נאָך אַן עופהלע און איך—ערשט קוים דערוואַקסן!...
—ווי זאָל איך דאָס צוזאַמענפאַסן אין אַ קורץ
און רירנדיק געבעט?—ניטאָ קיין זיסערעס,
ווי זען דאָס זונענליכט! עס ציט ניט קיינעם צו
דער אונטערוועלט. אָן זין איז דער, וואָס רופט
דעם טויט.
דאָס שווערסטע לעבן איז פיל ליבער פאַר
דעם שענסטן טויט!...

כאָר: דיין שולד איז דאָס, אָ, אומגליק־ברענגענדע העלענע!
צוליב דיין ליבע זיינען די אַטרידן
געצוווּנגען קעמפן קעגן זיי'רע קינדער!

אגאַמעמנאָן: איך ווייס, ווען ס'איז מיטלייד נויטיק און ווען ניט.
וואָלט איך מיין אייגן בלוט ניט ליב געהאַט, וואָלט איך
געווען משוגע. שרעקלעך שווער איז מיר אַזוינס,
גלויב, צו באַשליסן. שרעקלעכער נאָך—דעם באַשלוס
ניט אויסצופירן. ס'מוז געשען! אָ זעט, ווי מעכטיק
עס שפּרייטן זיך פאַר אונדז די שיפן גריכנלאַנדס!...
זעט, וויפיל פירשטן אַרין באַוואָפנטע!... פון זיי

וועט קיינער טראָיאַ קיינמאָל זען און קיינער וועט
איליאָנס בורג באַזיגן, אויב איך ברענג דיך ניט,
ווי קאַלכאַס פאָדערט, פאַר אַ קרבן! די העלענען
זייַנ׳ פון אַ ברענענדיקן ווונטש באַהערשט, וואָס גיכער
קיין פריגיען די זעגלען אָנצושפאַנען און
אַ סוף צו מאַכן צו דער רויבעריי פון פרויען.
זיי וואָלטן מיך און דיך און אונדזער גאַנצעס הויז
אין אַרגאָס טויט געשלאָגן, ווען איך וואָלט געוואַגט
דעם געטער-שפרוך ניט צו דערפילן... ניין, מיין קינד
ניט מענעלאַוס׳ שקלאַף בין איך און כ׳האַנדל ניט
לויט זיינע עצות. אונדזער פאָטערלאַנד פאַרלאַנגט
דיין טויט. איך מוז דיך — גערן אָדער אומגערן —
אַלס קרבן ברענגען. דאָ העלפט קיין ווידערשטאַנד.
די גריכן פריי צו מאַכן, העלאַס פרויען פון
באַרבאַרן רויבערישע צו באַשיצן — דאָס,
מיין קינד, איז אונדזער ביידנס פליכט,
ווי מיינע, אַזוי דיינע! (אָפּ)

(אכילעס מיט אייניקע באוואָפנטע דערשיינען פון דערווייטן).

איפיגעניע: אָ, מוטער, זע: אַ מחנה מענער גייט אַהער.

קליטעמנעסטראַ: און צווישן זיי, מיין קינד, איז אויך דער געטין-זון,
פאַר וועלכן איך האָב דיך אַהער געבראַכט.

אכילעס (קומט נענטער) אָ, לעדאַס אומגליקלעכע טאָכטער!

קליטעמנעסטראַ: ס׳איז ליידער אמת, וואָס דו זאָגסט.

אכילעס: מע הערט אין לאַגער דאָרט אַ שרעקלעכן געשריי.

קליטעמנעסטראַ: וואָס איז די סיבה פון געשריי?

אכילעס: דיין טאָכטער.

קליטעמנעסטראַ: אָ וויי, דאָס איז אַ שלעכטער סימן!

אכילעס: דער גאַנצער חיל פאָדערט זי אַלס קרבן.

קליטעמנעסטראַ: דער גאַנצער חיל?
און קיינער שטעלט זיך ניט אַנטקעגן?

אכילעס: אויך איך בין אין געפאַר געוועזן.

קליטעמנעסטראַ: אין וואָס פאַר אַ געפאַר, אָ פריינד?

אכילעס: פאַרשטיינערט צו ווערן.

קליטעמנעסטראַ: ווייל דו'סט געשטרעבט צו ראַטעווען מיין טאָכטער?

אַכילעס: יאָ, דערפאַר!

קליטעמנעסטראַ: וואָס? ווער האָט דאָס געוואָגט אויף דיך
די האַנט צו הייבן?

אַכילעס: אַלע גריכן.

קליטעמנעסטראַ: ווי? און דיינע מירמידאָנען?
ווו זיינען זיי געווען?

אַכילעס: זיי האָבן די ערשטע אויפגעהויבן די מרידה.

קליטעמנעסטראַ: אָ, וויי! מיר זיינען, קינד, פאַרלאָרן!

אַכילעס: די חתונה האָט מיר דעם קאָפּ צעדולט—האָב' זיי געשריען.

קליטעמנעסטראַ: און וואָס האָסטו אויף דעם געזאָגט?

אַכילעס: מע זאָל ניט וואַגן די צו טויטן,
וואָס איז מיר פאַר אַ ווייב באַשטימט.

קליטעמנעסטראַ: דו ביסט גערעכט.

אַכילעס: די, וואָס דער פאָטער האָט פאַר מיר באַשטימט.

קליטעמנעסטראַ: און האָט פון אַרגאָס זי אַהער געבראַכט.

אַכילעס: דאָך אַלץ אומזיסט. זיי האָבן מיך פאַרשריען.

קליטעמנעסטראַ: אָ, דער באַרבאַרישער המון!

אַכילעס: דאָך וועל איך דיך באַשיצן.

קליטעמנעסטראַ: דו איינער קעגן אַזאַ מחנה?

אַכילעס: (ווייזט אָן אויף זיינע באַגלייטער) אויך זיי זיינען באַוואָפנט.

קלימענעסטראַ: הלואי זאָל דיין כוונה דיר געלינגען.

אַכילעס: עס וועט געלינגען.

קליטעמנעסטראַ: וועט שוין מיין טאָכטער ניט געאָפּפערט ווערן?

אַכילעס: כל זמן מיר דינט מיין אָרעם—ניין!

קליטעמנעסטראַ: מע קומט דען מיט געוואַלד אַוועקרייסן פון מיר
מיין קינד?

אַכילעס: אַ גאַנצער חייל. אוליסעס שטייט בראש פון זיי.

קליטעמנעסטראַ: סיזיפוס זון?

אַכילעס: יאָ, ער!

קליטעמנעסטראַ: קומט ער מיט אייגנעם ווילן אָדער לויט באַפעל?

אַכילעס: לויט אויסוואַל פון דעם חייל.
ס'איז אָבער אויך זיין אייגנער ווונטש.

קליטעמנעסטראַ: אַ טרויעריקער אַמט, מיט בלוט זיך צו באַפלעקן.

אַכילעס: כ'וועל טרעפן, ווי אים צו באַזייטיקן.

קליטעמנעסטראַ: וואָס האָב איך דאַן צו טאָן?

אַכילעס: האַלט פעסט דיין טאָכטער.

קליטעמנעסטראַ: וועט דאָס די שונאים אָפּהאַלטן צו טויטן זי?

אַכילעס: אויב ניט, וועט דאַן מיין שווערד דאָס טאָן.

איפיגעניע: הער
מיך אויס, געליבטע מוטער, הערט מיךביידע:
וואָס ברענט אַזוי דיין צאָרן קעגן מאַן? קיין מענטש
איז ניט אין שטאַנד באַצווינגען דאָס אוממעגלעכע.
(ווייזנדיק אויף אכילעסן) דעם גרעסטן רום פאַרדינט די שיינע איידעלע
כוונה פון דעם פרעמדן פריינד. נאָר דו, מיין מוטער,
דו וועק ניט אויף אומזיסט דעם צאָרן פון דעם חייל
און ברענג קיין אומגליק אויף דעם גרויסמוטיקן מאַן.
הער אויס, צו וואָס אַ רויִק איבערלייגן האָט
מיין גייסט געבראַכט: כ'בין גרייט צו שטאַרבן מיט
מיין אייגנעם ווילן און מיין טויט זאָל רומפול זיין.
הער אויס, וואָס ס'האָט דערצו באַוויגן מיך, און זאָג,
צי איז עס רעכט. דאָס גאַנצע גרויסע גריכנלאַנד
האַלט איצט געווענדט די אויגן נאָר אויף מיך אליין.
דער אָפּפאָר פון די שיפן, די מפלה פון
די פריגיער איז אָן מיר געווענדט. און אויב עס וועט
שוין מער קיין גריכיש ווייב ניט דאַרפן ציטערן
פון העלאַס זעליקן לאַנד מיט גוואַלד דורך די באַרבאַרן
אוועקגערויבט צו ווערן, ווייל העלענאַס רויב
וועט ווערן שווער באַשטראָפט—דאַן וועט דער גאַנצער רום
דערפון זיין מיינער. שטאַרבנדיק וועל איך זיי שיצן.
אָט דאָס וועל איך דערגרייכן מיט מיין טויט. געבענטשט
וועל איך דאַן ווערן, ווי די רעטערין פון העלאַס.
צו וואָס אַזוי זיך קלאַמערן אָן לעבן? דו
האָסט מיך געבוירן ניט פאַר זיך, נאָר העלאַס הילף
צו זיין. עס גייען טויזנטער באַוואָפנטע
מיט שילדן, טויזנטער מיט רודערס אין די הענט;
זיי ברענען אַלע מיט דעם הייל'קן ווילן פאַר
דער שאַנד פון פאָטערלאַנד זיך נוקם זיין און פאַר

דאָס פאַטערלאַנד צו שטאַרבן. און דאָס אַלץ זאָל איך
צעשטערן? איך?—אַן איינציק לעבן? איז דאָס רעכט?...
וואָס קענסטו אויף דעם זאָגן, מוטער?... און אַחוץ דעם—
(אָנווייזנדיק אויף אכילעסן) זאָל אָט דער מאַן מיט אַלע גריכן אויפנעמען
אַ קאַמף צוליב אַ ווייב און אומקומען?
אָ, ניין! דאָס טאָר ניט זיין! איין איינצ׳קער מאַן פאַרדינט
דאָס לעבן מער, ווי הונדערט טויזנט פרויען.
און אויב אַרטעמיס פאָדערט מיך אַלס קרבן, צי
קען איך, די שטערבלעכע, דער געטינס ווילן זיך
אַנטקעגן־שטעלן? ניין! אוממיגלעך! כ׳גיב מיין בלוט
פאַר העלאַס אָפּ! אָ טויט מיך! מאַכט אַ תל פון טראָיע!...
אָט דאָס וועט זיין מיין אייביק דענקמאָל. דאָס וועט זיין
מיין האָכצייט, קינד און רום! אַזוי ז׳דער סדר עולם—
דער גריך זאָל הערשן און דער באַרבאַר דינען,
ווייל דער איז קנעכט, דער גריך—איז פריי געבאָרן!

כאָר דו צייגסט דיין גרויסן גייסט, אָ קיניגסטאָכטער דו!
דאָך גרויזאַם איז דיין שיקזאַל און אַרטעמיס משפט!

אכילעס: אָ טאָכטער אַגאַמעמנאָנס!
ווי גרויס וואָלט זיין מיין גליק, ווען ס׳וואָלטן דיך באַשערט
די געטער מיר אַלס פרוי! אָ גליקלעך פאַטערלאַנד,
וואָס ווערט געדעטעט אַזוי שיין! אָ גליקלעך קינד,
וואָס ווערט באַערט דורך אַזאַ גרויסן קרבן!... אַך,
ווי איידל און ווי ווירדיק פאַרן פאַטערלאַנד
עס האָבן דיינע רייד געקלונגען! ווילסט דער מאַכט
פון שיקזאַל זיך ניט ווידערשטעלן און אַזוי
דאָס אומפאַרמיידלעכע צום גליק פון פאַטערלאַנד
געשעען לאָזן. אַך, וואָס מער דיין שיינע זעל
אַנטפּלעקט זיך מיר, אַלץ פייערדיקער ברענט אין מיר
די לוסט אַלס פרוי דיך אין מיין הויז צו פירן!
באַזין דיך, קינד! ווי גערן וואָלט איך דיך באַגליקט,
אַלס כלה אין מיין הויז געפירט! — ניט רעטן דיך!
אָן קאַמף דיך אָפּגעבן צו די אַרגעער—אַך—
ביי טהעטיס לעבן—ס׳וועט מיר אומדערטרעגלעך זיין!
באַטראַכט געגוי: צו שטאַרבן איז דאָך אַזוי שרעקלעך!...

איפיגעניע: עס וועט מיך קיין שום גרונד ניט צווינגען מיין באַשלוס
צו ענדערן. און מעג זיך טינדאַרס טאָכטער*) דורך
איר שיינקייט מענער קעגן מענער אויפרייצן

*) העלענע.

צום קאַמף, נאָר איך, אַ פרעמדלינג, קען ניט צולאָזן,
אַז דו זאָלסט שטאַרבן צוליב מיר, און אויך — דו זאָלסט
אַ צווייטן טויטן... לאָז מיך העלאַס ראַטעווען,
וויבאַלד איך קען!

אַכילעס: אַ גרויסער גייסט!
אויב דיין באַשלוס איז אַזוי פעסט, דאַן וואַג איך ניט
זיך ווידערשטעלן אים. פאַרוואָס ניט מודה זיין,
וואָס אמת איז? דו האָסט דאָס איידלסטע געוויילט.
דאָך קען אַמאָל געשען, דו זאָלסט אויף דיין באַשלוס
חרטה קריגן. דרום וויל איך מיין וואָרט נאָך האַלטן
און ביים אַלטאַר מיט מיינע וואָפנבריידער שטיין.
ניט אַלס פאַסיווער עדות פון דיין טויט, נאָר ווי
דיין העלפער און דיין שוץ. ווער ווייס, ווען ס'וועט דער מעסער
שוין ביי דעם האַלדז דיר בלאַנקען, אפשר וועסטו זיך
דערמאָנען, אַז דיין פריינד איז נאָנט... דען קיינמאָל וועל
איך ניט דערלאָזן, אַ באַשלוס, וואָס איז צו גיך
געפאַסט, זאָל דיר דיין לעבן קירצן. כ'גיי אַלזאָ
מיט זיי (אָנווייזנדיק אויף די באַוואָפנטע) צום טעמפּל פון אַרטעמיס
און וועל דאָרט וואַרטן, ביז דו קומסט (אָפּ).

איפיגעניע: אָ מוטער, ס'טריפן שטילע טרערן דיינע אויגן.

קליטעמנעסטראַ: איך האָב דען ניט קיין גרונד צו וויינען,
אָ, איך אומגליקלעכע?

איפיגעניע: אָ, מאַך מיר איצט מיין האַרץ ניט ווייך... איך האָב צו דיר
נאָר איין בקשה.

קליטעמנעסטראַ: זאָג וואָס, מיין קינד. כ'וועל אַלעס טאָן, וואָס דו פאַרלאַנגסט.

איפיגעניע: דו זאָלסט זיך דיינע האָר ניט אָפּשניידן און
קיין שוואַרצע טרויער־קלייד נאָך מיר ניט אָנטאָן.

קליטעמנעסטראַ: נאָכדעם, ווי איך וועל דיך פאַרלירן, קינד!
וואָס פאָדערסטו?

איפיגעניע: דו וועסט מיך ניט פאַרלירן. איך וועל לעבן און
באַשטראַלן דיך מיט רום.

קליטעמנעסטראַ: איך זאָל ביים קבר פון מיין קינד ניט טרויערן?

איפיגעניע: ניין, מוטער!
מע וועט פאַר מיר קיין קבר גראָבן.

קליטעמנעסטראַ: וואָס הייסט? צי קומט ניט נאָכן טויט דער קבר?

איפיגעניע: דער הייליקער אַלטאַר פון צעוס׳ טאָכטער וועט מיין קבר זיין.

קליטעמנעסטראַ: דו האָסט מיך איבערצייגט, מיין טאָכטער, כ׳וועל דיר פאָלגן.

איפיגעניע: איך שטאַרב אַ גליקלעכע פאַר דעם גליק פון פאָטערלאַנד!

קליטעמנעסטראַ: וואָס זאָל איך דיינע שוועסטער וועגן דיר דערציילן?

איפיגעניע: זיי זאָלן אויך קיין טרויער־קליידער טראָגן.

קליטעמנעסטראַ: ווילסטו קיין צערטלעך וואָרט צו דיינע שוועסטער שיקן?

איפיגעניע: איך ווינטש זיי אַלדאָס בעסט, און (אַנהייזנדיק אויף אָרעסטן) אים זאָלסטו דערציען פאַר אַ מאַן.

קליטעמנעסטראַ: אָ, גיב אים נאָך אַ קוש... צום לעצטן מאָל..

איפיגעניע: (ארומנעמענדיק אָרעסטן) אָ, טייערסט האַרץ! וואָס נאָר דו ביסט געווען בכח, האָסטו היינט פאַר מיר געטאָן!

קליטעמנעסטראַ: וואָס נאָך וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל פאַר דיר אין אַרגאָס טאָן?

איפיגעניע: ניט טראָג קיין שנאה אויף מיין פאָטער און דיין מאַן.

קליטעמנעסטראַ: אָ, ניין!
איך וועל אים האַרב דערמאָנען אָן דיין טויט!

איפיגעניע עֶר לאָזט מיך קעגן אייגנעם ווילן מקריב זיין פאַר גריכנלאַנד.

קליטעמנעסטראַ: זאָג בעסער: לויט דעם נידריקסטן באַטרוג, ניט ווי עס פאַסט פאַר אַטרעוס׳ זון.

איפיגעניע: נון ווער זשע וועט מיך פירן צום מזבח? ווייל כ׳וואָלט ניט געוואָלט, מע זאָל מיך שלעפּן פאַר די לאָקן.

קליטעמנעסטראַ: איך פיר דיך!

איפיגעניע: ניין! דו—בשום אופן ניט!

קליטעמנעסטראַ: איך וועל זיך אָן דיין מאַנטל האַלטן.

איפיגעניע: אָ, טו מיין ווילן, מוטער, בלייב! אַזוי וועט גרינגער זיין אי מיר, אי דיר. זאָל איינער פון מיין פאָטערס דינער מיך גלייך צום מזבח פון אַרטעמיס פירן, וווּ איך וועל אַלס קרבן פאַלן.

קליטעמנעסטראַ: דו גייסט, מיין קינד?

איפיגעניע: איך גיי און קום שוין קיינמאָל ניט צוריק.

קליטעמנעסטראַ: פאַרלאָז מיך ניט! אָ, בלייב!...

איפיגעניע: מע דאַרף קיין טרערן מער!... (ווענדט זיך צום כאָר)
און איר, אָ יונגפרויען, איר זינגט
מיט מיר אַ ליבּ-ליד צו אַרטעמיס, צעוס' טאָכטער,
אַ הימן פאַר מיין טויט און ליידן. זאָל דאָס ווי
אַ גוטע בשורה קלינגען פאַר די דאַנאַער!...
נון ברענגט די קערב אַהער. וואַרפט ווייצנקערנער אין
די פלאַמען פיל, זיי זאָלן פלאַקערן! וואָס העלער!...
מיט רעכטער האַנט זאָל איצט דער פאָטער זיך אָן דעם
מזבח אָנהאַלטן... איך שטאַרב, כדי גליק און זיג
צו ברענגען די אַכעער.... (איפיגעניע אָפּ)

דער כאָר זינגט א תפלה צו דער געטין ארטעמיס.

עס קומט אָן אַן אָנזאָגער און דערציילט, וואָס ס'האָט ווייטער פּאַסירט. דער גאַנצער חייל איז געווען נשתומם פון דעם העלדישן מיידל, וואָס האָט זיך פריי-וויליק מקריב געווען פארן פאָטערלאַנד. אגאַמעמנאָן האָט שטילער-הייט געוויינט. קאַלכאַס האָט אויסגעפירט אַלע צערעמאָניעס, וואָס זיינען נויטיק ביים ברענגען א קרבן. אָבער ווי נאָר ער האָט אראָפּגעלאָזן דעם מעסער אויפן קרבנס האַלדז, איז געשען א נס: דאָס מיידל איז נעלם געוואָרן און אַנשטאָט איר האָט זיך באַוויזן א הירשין.

דער אָנזאָגער ברענגט קליטעמנעסטראַן א טרייסט, אז דאָס האָבן די גע-טער צוגענומען איר טאָכטער צו זיך.

צום סוף קומט מיט דער זעלבער ידיעה אויך אגאַמעמנאָן. ער זעגנט זיך מיט דער פרוי, ווייל דער חיל איז שוין גרייט צו לאָזן זיך אין וועג.

דער כאָר ווינטשט אים א גליקלעכע רייזע און א גליקלעכן צוריקקומען.

יידיש—מ. חיימסאָן און ש. באָסטאָמסקי.

וויליאַם שעקספּיר.

וויליאַם שעקספּיר, דער גרעסטער דראַמאַטישער דיכטער פון דער נייער צייט, איז געבאָרן אין יאָר 1564 אין סטראַטפאָרד, אַ קליין שטעטל אין דער וואַלדיקער געגנט פון בריטישן אינזל. זיין ערשטע בילדונג האָט שעקספּיר באַקומען אין דער שטעטלשער שול, וווּ מע האָט געלערנט ענגליש פון דער ביבל און אַביסל לאַטיין. קיין נאַטורוויסנשאַפט האָט מען אין יענער צייט אין די שולן ניט געלערנט, אָבער שעקספּיר האָט שטודירט דאָס לעבן פון דער נאַטור אין זיין היימישן וואַלד.

אין די יונגע יאָרן האָט זיך שעקספּיר געטראָפן מיט פיל פּערזאָנען, וואָס פלעגן אַרומוואַנדערן אין די וועלדער, דערציילן אַלטע ענגלישע לעגענדן און מיטן, זינגען אַלטע באַלאַדן און פאָלקסלידער. שעקספּיר האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון דער פאָלקסשאַפונג. דידאַזיקע קענ-

טעניש פון דער נאַטור און פון דער פאָלקסשאַפונג געפינט שפעטער איר אויסדרוק אין פיל פון שעקספירס ווערק.

צו 18 יאָר האָט שעקספיר חתונה געהאַט. ווען זיין פאַמיליע איז גרעסער געוואָרן און ער האָט אין זיין שטעטל ניט געהאַט פון וואַנען צו לעבן, האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן. ער איז דאַן אַלט געווען 42 יאָר.

נאָך זייענדיק אין זיין פאַרוואָרפענעם שטעטל, האָט שעקספיר געהאַט די געלעגנהייט פון צייט צו צייט צו זען די טעאַטער־שטיק, וואָס פלעגן אויסגעפירט ווערן דורך די טרופעס, וואָס האָבן אַרום־געוואַנדערט איבער די שטעט און דערפער פון גאַנץ ענגלאַנד.

דאָס טעאַטער האָט שעקספירן פאַרכאַפּט. קומענדיק קיין לאָנדאָן, האָט ער דעריבער געשטרעבט צו אַרבעטן אין און פאַרן טעאַטער.

מיט זיין גאַנצער ענערגיע האָט זיך שעקספיר גענומען לייענען און שטודירן די גריכישע און רוימישע קלאַסיקער און מאָדערנע דיכטער, טיילוויז אין אָריגינאַל, טיילוויז אין די ענגלישע איבער־זעצונגען. אינגיכן קומט שעקספיר אין נאָענטער באַרירונג מיט די גרעסטע ענגלישע גייסטער און זאַפּט איין אין זיך די ליטעראַרישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעמונגען פון זיין צייט. ער הייבט אָן צו אַרבעטן אין לאָנדאָנער גלאָוב־טעאַטער אַלס אַקטיאָר. אין דער זעלבער צייט פאַרנעמט ער זיך אויך מיט אויסבעסערן שונד־שטיק פאַרן טעאַטער. ביסלעכוויז דערפילט ער אין זיך די קראַפט פון דראַמאַטישן קינסטלער און הייבט אָן צו שרייבן אָריגינעלע ווערק.

סיוזשעטן פאַר זיינע פּיעסן נעמט שעקספיר אָפט ביי אַנדערע דיכטער; ער ווענדט זיך אויך צו דער געשיכטע, נוצט אויס ביאָגראַפיעס פון גרויסע לייט, ער איז אָבער געניאַל אין דער באַאַרבעטונג און באַ־לויכטונג פון דידאָזיקע סיוזשעטן.

צוזאַמען האָט שעקספיר אָנגעשריבן 39 טעאַטער־שטיק: דראַ־מעס, טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. א חוץ דעם האָט ער נאָך געשריבן פּאָעמעס און סאָנעטן.

אַסך פון שעקספירס דראַמאַטישע ווערק זיינען אומשטערבלעך. זיי ווערן נאָך עד היום אָפט געשפילט אין די טעאַטערן פון דער גאַנ־צער וועלט און רופן אַרויס די גרעסטע באַגייסטערונג פון די צו־שויער.

די וויכטיקסטע פון שעקספירס דראַמאַטישע ווערק זיינען: מ א ק ב ע ט, ה א מ ל ע ט, ק י נ י ג ל י ר, אָ ט ע ל אָ, ר אָ מ ע אָ און י ו ל י א, י ו ל י ו ס צ ע ז א ר, ש י י ל אָ ק א. א.

צווישן יאָר 1604 און 1606 האָט שעקספיר פאַרלאָזן די סצע־נע און אַן ערך אין יאָר 1613 האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין היימשטאָט סטראַטפאָרד, וווּ ער האָט זיך געקויפט א גוט. דאָ אין דעם גוט האָט ער פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1616.

וויליאַם שעקספּיר.

יוליוס צעזאַר.

טראַגעדיע אין 5 אַקטן.

פּערזאָנען:

יוליוס צעזאַר.

אָקטאַוויוס צעזאַר,
אַנטאָניוס,
לעפּידוס.
— טריומווירן נאָך צעזארס טויט.

ציצעראָ,
פּובליוס,
פּאָפּיליוס לענאַ
— סענאַטאָרן.

מאַרקוס ברוטוס,
קאַסיוס,
קאַסקאַ,
טרעבאָניוס,
ליגאַריוס,
דעציוס ברוטוס,
מעטעלוס צימבער,
ציננאַ.
— פאַרשווערער אנטקעגן יוליוס צעזארן.

ציננאַ, א פּאָעט.

לוציליוס און טיטיניוס,
מעסאַלאַ,
יונגער קאַטאָ און וואָלומניוס,
— פריינד פון ברוטוס און קאַסיוס.

פּינדאַרוס, קאַסיוסעס א דינער.

קאַלפּורניאַ, צעזארס ווייב.

פּאָרטיאַ, ברוטוסעס ווייב.

סענאַטאָרן, בירגער, באַגלייטער, דינער א. א.

רוים פייערט דעם יום טוב פון לופערקאל*). די גאסן ארום קאפיטאָל זיינען פארפלייצט מיט מענטשן. דער המון באגריסט מיט יובל־געשרייען זייער באליבטן הערשער יוליוס צעזארן. אויף א זייטיקער גאס, ניט ווייט פון קאפיטאָל־פלאץ, שטייען ברוטוס, קאסיוס, קאסקא א. א. פאטריציער — צעזארס מקורבים. די לעצטע צייט האָט זיך אין זייער הארצן פארגנבעט א חשד, אז צעזאר שטרעבט צו פארכאפן די גאנצע מאכט און ווערן דער איינהערשער פון רוים. די הילכיקע פרייד־געשרייען פון המון פארגרעסערן נאָך מער דעם חשד.

טראָמפייטן און פריידגעשרייען.

ברוטוס: וואָס איז עס פאַר אַ טומל? איך האָב מורא
דאָס פאָלק ווילט צעזאַרן פאַר קיניג אויס!

קאַסיוס: האָסט מורא, אַ? דאַן מאַג איך אין מיר דענקען,
דו וואָלסט ניט וועלן צעזאַרן זיין קיניג.

ברוטוס: איך וואָלט ניט וועלן, קאַסיוס — דאָך ליב איך אים.
וואָרום פארהאַלטסט מיך אָבער אַזוי לאַנג?
וואָס ווילסטו מיר אַזוינס פאַרטרויען איצט?
אויב עפּעס וואָס קען דינען רוים, איר גליק —
זאָל ערע זען איין אויג און טויט דאָס צווייטע —
און גלייכגילטיק, אָן שרעק, קוק איך זיי ביידן אָן.
לייטזעליקן זאָלן אַזוי די געטער מיך,
ווי טייערער פון טויט איז ערע מיר.

קאַסיוס: איך ווייס: נאָך מער ווי כ׳קאָן דיך און דיין אויסזען,
אַלץ אָפּפערן פאַר ערע ביסטו גרייט.
יאָ, ערע איז דער אינהאַלט פון מיין ריידן.
איך ווייס ניט, ווי איר, שטאָלצע רוימער, קאָנט
אין קנעכטשאַפט לעבן; איז ניט בעסער דען
דער טויט פון אָט דאָס שקלאַפיש־ערלאָז לעבן
אין מורא פאַר אַ וועזן גלייך צו דיר?
איך בין געבוירן פריי, ווי צעזאַר, אַזוי דו,
און פונקט אַזוי גוט אויפגעבראַכט. מיר קאָנען גלייך
דעם ווינטערס קעלט פאַרטראָגן פונקט ווי ער...
— — — געטער! כ׳בין דערשטוינט:

---

*) לופערקאל — אלט־רוימישער יום־טוב לכבוד דעם גאָט פאונוס, דעם פארטיידיקער פון די שעפסן־הערטן קעגן די וועלף.

אַ שוואַכער מענטש זאָל טרעטן מיט די פיס
די גרויסע, שטאָלצע וועלט, איר הערשער זיין!

(יובל-געשרייען און טראָמפייטן.)

ברוטוס: שוין ווידער טומלט ווילד די גרויסע מאַסע!
איך גלויב, רוים פרייט זיך מיט די נייע ערן,
וואָס שיטן זיך אויף צעזאַרס קאָפּ אָן אויפהער!

קאַסיוס: יאָ, צעזאַר גייט אַרום איבער דער וועלט,
ווי אַ קאָלאָסוס, און מיר קליינע מענטשן,
מיר קריכן אונטער זיינע ריזן-קנאָכן,
אום אונדזער שוואַרצן קבר צו געפינען.
דער מענטש נעמט צייטנווייז זיין שיקזאַל אין די הענט:
און שולדיק זיינען, ברוטוס, ניט די שטערן,
נאָר מיר אַליין: מיר זיינען שוואַכלינגען.
ברוטוס און צעזאַר—וואָס ליגט אַזוינס אין צעזאַר,
מע זאָל זיין נאָמען הערן מער פון דיינעם?
שרייב ביידע אויף: קלינגט דיינער ערגער דען?
רייד זיי אַרויס: פאַסט דיינער ווייניקער די ליפּן?
וועג זיי: זיי וועגן ביידע גלייך. טו צויבער:
אַרויסרופן וועט ברוטוס גייסטער פלינק, ווי צעזאַר.
אַצינד, אום הימלס-געטערס ווילן, זאָג!
אויף וואָס פאַר פלייש האָט צעזאַר זיך געשפּייזט, אַז ער
איז גרויס אַזוי געוואַקסן?... צייט, דו ביסט ענטערט!
דו האָסט פאַרלאָרן, רוים, דיין העלדנמוט!
איז דען געווען אַ צייט, פון גרויסן מבול אָן,
וואָס האָט נאָר מיט איין גרויסן מאַן שטאָלצירט?
ווער האָט ביז איצט געוואַגט צו זאָגן, אַז נאָר איינעם
האָט רוים אין אירע מויערן—ניט מער?
איצט האָבן מוז, גאַנץ זיכער, רוים פיל רוים,
אַז אין דער שטאָט פאַראַן איז בלויז איין איינציקער.
מיר האָבן אונדזערע פאָטערס געהערט זאָגן:
געווען אַמאָל אַ ברוטוס מוטיקער אין רוים,
וואָס וואָלט דעם שוואַרצן טייוול גיכער ווי
אַ קיניג הערשן איבער רוים געלאָזט.

ברוטוס: אַז דו האָסט ליב מיך—צווייפל איך ניט, קאַסיוס,
צו וואָס דו צילסט—הייב איך איצט אָן פאַרשטיין.
מיין מיינונג וועגן דעם און וועגן אונדזער צייט
וועל איך אַן אַנדערש מאָל אַרויסזאָגן.
איצט בעט איך דיך, מיין ליבער פריינד: ניט רייד
קיין וואָרט פון דעם. אַלץ, וואָס דו האָסט צו זאָגן—
וועל איך געדולדיק הערן און די רעכטע צייט

געפינען אַזאַ הויכן ענין צו באַשפרעכן.
דערוויל, מיין טרייער פריינד, געדענק נאָר איינס:
ס'וואָלט ברוטוס ליבערשט וווינען אין אַ וואַלד,
ווי איידער רופן זיך אַ זון פון רוים
אין אָט די שווערע אומשטענדן, וואָס אונדזער צייט
וויל אויף אונדז וואַרפן.

קאַסיוס: ס'פרייט מיך זייער שטאַרק,
וואָס מיינע שוואַכע ווערטער האָבן איצט
פון ברוטוסן אַזוי פיל פייער אויסגעשלאָגן.

ברוטוס: דאָס שפיל איז אויס און צעזאַר קומט צוריק.

צעזאר גייט פארביי. ער באמערקט קאסיוסן און זאגט צו אנטאניוסן, אז אזוינע מענטשן ווי קאסיוס זיינען שטארק געפערלעך, ווייל זיי דענקען צופיל, „זעען דורך און דורך א מענטשנס מעשים" און עס שטילט זיי ניט דאס הארץ כל זמן זיי זעען א גרעסערן פון זיך.

הינטער צעזארן קומט אן קאסקא. אויף ברוטוסעס פראגע, פארוואס האט היינט דער המון אזוי פיל געשריען, דערציילט אים קאסקא, אז אנטאניוס האט היינט דריי מאל אנגעבאטן צעזארן אין נאמען פון פאלק די קרוין און צעזאר האט זיך אלע דריי מאל אפגעזאגט, הגם יעדעס מאל אלץ שוואכער. מע האט געזען, ווי ס'איז אים שווער בייצושטיין דעם נסיון.

אלע גייען זיך פונאנדער, אויפן פלאץ פארבלייבט נאר קאסיוס, וועלכער זאגט, אז ער וועט נאך היינט אריינווארפן צו ברוטוסן בריוו, געשריבן מיט פארשיידענע האנטשריפטן. אין די בריוו וועט ער שילדערן די הויכע מיינונג, וואס די רוימער האבן וועגן ברוטוסן און אויפדעקן צעזארס ערגייץ. קאסיוס דריקט אויס זיין טיפסטע איבערצייגונג, אז דער קאמף קעגן צעזארן מוז זיך אנהייבן און פארענדיקט מיט די ווערטער: „מיר מוזן זיגן אדער פאלן אין דעם יאך".

די ווייטערדיקע סצענע קומט פאר ביינאכט אויף די גאסן פון רוים. ס'איז אן אומגעווייגלעך שרעקלעכער געוויטער. קיין מענטשן אויף די גאסן זעט מען ניט, נאר פון צייט צו צייט לויפט דורך א פארשווערער.

עס טרעפן זיך קאסיוס און קאסקא. פון דעם שמועס מיט קאסקאן ווערט קאסיוס געוואר, אז אויך ער, קאסקא, איז קעגן צעזארן. קאסיוס אנטפלעקט אים דאן דעם סוד, אז ער ארגאניזירט א פארשווערונג קעגן צעזארן און האט שוין געוואונען פאר דער זאך די בעסטע זין פון רוים. אפילו וועגן ברוטוסן קען מען זאגן, אז „דריי טייל פון אים איז אונדזער שוין—דער גאנצער מאן וועט נאך דעם נאענטסטן קאמף זיין אונדזערער"...

זיי ריידן אפ צו טרעפן זיך פארטאג ביי ברוטוסן, כדי אים איינגאנצן אריבערצוציען אויף זייער זייט.

דער צווייטער אקט קומט פאר ביי ברוטוסן אין גארטן, ס'איז נאכט. ברוטוס גייט ארום איבערן גארטן, זיינע געדאנקען זיינען פארנומען מיט צעזארן.

ברוטוס: ס'מוז קומען דורך זיין טויט. וואָס מיך באַטרעפט,
האָב איך קיין אַנדער גרונד ניט אים צו שלאָגן—
ווי נאָר די זיכערקייט פון רוים. ער זוכט אַ קרוין—
די פראַגע איז, ווי דאָס וואָלט אים געענדערט?

עס איז דער שיינער טאָג, וואָס בריט די שלאַנג אויס,
וואָס פאָדערט פאָרזיכטיק צו זיין. אים קרוינען—דאָס...
דאַן הייסט עס—לייען מיר אַ גיפטיק נאָדל אים,
וואָס ער קאָן לויט זיין ווילן מיט אים שטעכן.
דרום קוק אויף אים, ווי אויף אַ שלאַנגען-איי,
וואָס ווערט, ווען אויסגעבריט, זיין גיפטיק ווי זיין מין—
צעדריק אים אין זיין שאָלעכץ.

דער באַדינער לוציוס ברענגט ברוטוסן א בריוו, וואָס ער האָט געפונען ביי אים אין ארבעטס-צימער. ברוטוס לייענט:

„ברוטוס, דו שלאָפסט, ערוואַך, זע זיך אַליין.
„זאָל רוים? א. ז. וו. רייד, שלאָג, בוי אויף!
„ברוטוס, דו שלאָפסט, ערוואַך!"
אַ סך האָט מען אַזעלכע א יפרופן
די לעצטע צייט געוואָרפן אין מיין וועג—
„זאָל רוים? א. ז. וו." איך מוז אַזוי עס אויסלייגן:
זאָל רוים אין מורא ליגן פאַר איין מאַן?
ווי, רוים? מיין עלטערפאָטער האָט פון רוים
טאַרקווין אַרויסגעיאָגט פאַר ווערן קיניג.
„רייד, שלאָג, בוי אויף!"—ווער איך איצט אויפגעפאָדערט
צו ריידן און צו שלאָגן? רוים, איך שווער,
אויב נאָר ס'וועט קומען צו דיין אויפבויונג—
אַז דו באַקומסט דיין פולע רעכט פון ברוטוס' האַנט.

(מע קלאַפּט פון דרויסן)

ברוטוס: גיי צום טויער עפענען; מע קלאַפּט.

(לוציוס אָפּ.)

זינט קאַסיוס האָט אַנטקעגן צעזאָרן
מיך אָנגעשפיצט—האָב איך נאָך ניט געשלאָפן.
די צווישנצייט—פון ערשטער אָנרעגונג
און ביז צום אויספיר פון אַ גרוילטאַט, איז
ווי אַ פאַנטאָם, אַ שוידערלעכער חלום:
דעם מענטשנס גייסט און שטערבלעכע אָרגאַנען
פאַריינען זיך אין ראַט... דעם מענטשנס צושטאַנד,
געגליכן צו אַ קליינע קיניגרייך,
שטייט אויס די אַלע שרעקן פון אַן אויפשטאַנד.

עס קומען אָן די פאַרשווערער. קאַסיוס שטעלט זיי פאָר פאַר ברוטוסן. אויף קאַסיוס' פאָרשלאָג צו שווערן טרייהייט דער זאַך און איינער דעם אַנדערן, זאָגט ברוטוס, אַז אַזאַ הייליקע און ערנהאַפטע זאַך דאַרף קיין שבועות ניט. איינער פון די פאַרשווערער לייגט פאָר אומבאַדינגט צו טויטן אויך אַנטאָניוסן, ווייל נאָך צעזאַרס טויט קען ער זיין געפערלעך. אויף דעם ענטפערט ברוטוס:

ברוטוס: די זאַך וואָלט זיין צו בלוטיק, קאַיוס קאַסיוס,
צוערשט דעם קאָפּ אַראָפּשניידן, דערנאָך
די גלידער אָפּהאַקן, ווי גרימצאָרן ביים טויט
און רשעות שפּעטער טאָן ; אַנטאָניוס
איז נאָר אַ גליד פון צעזאַרן : מיר זאָלן
זיין אָפּפערער און ניט קיין שלאַכטער, קאַיוס!
מיר שטעלן זיך דאָ קעגן צעזאַרס גייסט,
און ס׳איז אין מענטשנס גייסט קיין בלוט ניטאָ;
אָ, ווען מיר וואָלטן צוקומען געקאָנט
צו צעזאַרס גייסט און צעזאַרן ניט טויטן!
נאָר ווי, ס׳מוז צעזאַר בלוטן פאַר זיין גייסט!
און פריינד, מיר זאָלן מוטיק טויטן אים,
ניט אָבער צאָרנדיק! לאָמיר אים צעשניידן,
ווי מע גרייט צו אַ מאָלצייט פאַר די געטער,
און ניט צעפּערטלען ווי אַ נבלה פאַר די הינט.
זאָל אונדזער האַרץ זיין גלייך צום קלוגן האַרן,
וואָס רייצט די דינער זיינע אָן צו שלעכטעס—
און שטראָפט זיי אויס דערנאָך. מיר שטעמפּלען דאַן
די זאַך אַלס נויטיקייט און ניט אַלס שנאה.
און ווען דאָס פאָלק וועט איינזען, ס׳איז אַזוי—
וועט מען אונדז רייניקער, ניט מערדער רופן.
און וואָס אַנטאָניוסן באַטרעפט, ניט טראַכט פון אים;
ווייל ער קאָן טאָן ניט מער פון צעזאַרס האַנט
דערנאָך ווי צעזאַרס קאָפּ איז אָפּגעשניטן.

זיי מאַכן דעם פּלאַן פון דער פאַרשווערונג און ריידן אָפּ דורכצופירן דעם אָנפאַל אויף צעזאַרן אויף מאָרגן אין קאַפּיטאָל בעתן פייערן די איידן פון מערץ.

דריטער אַקט.

ערשטע סצענע — רוים.

פארן קאפיטאל. אן עולם מענטשן, א שאלן פון טראָמפּייטן. צעזאר, ברוטוס, קאסיוס, קאסקא, מעטעלוס, טרעבאָניוס, צינא, אנטאָניוס, לעפּידוס, פּאפּיליוס, פּובליוס און אנדערע קומען אן.

דעציוס: ווו איז מעטעלוס צימבער? זאָל ער גיין
און תיכף פאַרברענגען זיין זאַך פאַר צעזאַרן.

ברוטוס: ער איז געגרייט; פּרעסט נענטער זיך צו אים.

צינא: דו, קאַסקאַ, הייבסט דער ערשטער אויף דיין האַנט.

צעזאר: זייט איר שוין אַלע גרייט? וואָס איז אַזוינס,
וואָס צעזאַר און סענאַט מוזן באַטראַכטן?

מעטעלוס: אָ העכסטער, מעכטיקסטער און גרעסטער צעזאַר!
מעטעלוס צימבער וואַרפט צו דיינע פיס
אַן אונטערטעניק האַרץ—(קניט זיך)

צעזאר: מעטעלוס, האַרך:
די קנעכטישע חניפות און דאָס קריכן—
זיי קאָנען וויל דאָס בלוט פון שוואַכלינג צינדן;
און פון דעם פעסט-באַשלאָסענעם געזעץ
אַ קינדער-שפּיל בלויז מאַכן; ביסט געגאַרט
צו דענקען צעזאַרס בלוט איז פון דעם מין,
וואָס קאָן צעשמעלצן פון זיין עכטן ווערט דורך דעם,
וואָס נעמט דעם נאַרן: כ׳מיין מיט זיסע ווערטער,
מיט נידעריקן בוקן זיך און חניפות.
דיין ברודער איז פאַרבאַנט דורכן געזעץ;
און אויב דו בויגסט זיך, בעטסט און חנפעסט זיך,
וועל איך דיך ווי אַ הונט פון וועג פאַרשטויסן.
ווייס, צעזאַר טוט קיין אומרעכט ניט, און ניט אָן גרונד
קאָן עמיץ ווער אים איבערבעטן.

מעטעלוס: איז גאָר קיין ווירדיקערע שטים פון מיינע דאָ,
וואָס זאָל אין צעזאַרס אויער זיסער קלינגען—
פאַר מיין פאַרבאַנטן ברודערס ווידערקער?

ברוטוס: איך קוש דיין האַנט, דאָך ניט מיט חניפה, צעזאַר,
פאַרלאַנגענדיק, אַז פּובליוס צימבער זאָל
באַגנאַדיקט זיין—צוריקקערן אַהיים.

צעזאר: ווי? ברוטוס?

קאסיוס: צעזאר, גנאָד!
אויך קאַסיוס פאַלט צו דיינע פיס אַנידער,
באַגנאַד יקונג פאַר צימבער אויסצובעטן.

צעזאר: איך וואָלט געררירט זיין, ווען כ'וואָלט זיין ווי איר.
מיך וואָלט געבעט גערירט — ווען איך וואָלט בעטן,
דאָך איך בין פעסט, פונקט ווי דער צפון־שטערן,
וואָס טוט זיך ניט פון פלאַץ זיינעם באַוועגן —
און האָט זיין גלייכן ניט אין פירמאַמענט.
מיט אומגעציילטע פונקען איז דער הימל פול:
דאָס זיינען פייער־פונקען; איטלעך שטראַלט —
דאָך נאָר איין איינציקער פון זיי שטייט פעסט.
אַזוי איז מיט דער וועלט: די וועלט איז מענטשנפול
און מענטשן זיינען לייכטזיניק, נאָר פלייש און בלוט;
דאָך ווייס איך איינעם נאָר אין זייער גרויסער צאָל,
וואָס האַלט זיין פלאַץ אָן פעסט און אומבאַזיגט,
פון קיין זאַך ניט גערירט; אַז איך בין דער,
לאָזט מיר באַווייזן אייך דאָס אויך דאָמיט:
כ'בין פעסט געוועזן, צימבער זאָל פאַרבאַנט זיין,
און בין באַשטימט, ער זאָל אַזוי פאַרבלייבן.

ציננאַ: אָ, צעזאר!

צעזאר: ווילסטו דעם אָלימפּוס אויפהויבן?

דעציוס: גרויסער צעזאר!

צעזאר: קניט דעציוס זיך ניט אומזיסט?

קאַסקאַ: רעדט, הענט, פאַר מיר!

(קאַסקאַ צוערשט, דאַן די איבעריקע פאַרשווערענע און מאַרקוס ברוטוס שטעכן צעזארן).

צעזאר: אויך דו, ברוטוס? דאַן פאַל, צעזאר! (שטאַרבט.)

ציננאַ: דערלייזונג! פרייהייט! טיראַניי איז טויט!
לויפט שנעל! רופט אויס! פאַרשפּרייט עס אין די גאַסן!

קאַסיוס: ווער צו די רעדנער־בימות! רופט אַראָפּ:
דערלייזונג, פרייהייט און באַגנאַדיקונג!

ברוטוס: ניט שרעקט זיך, בירגער! סענאַטאָרן! שטייט!
ס'האָט ערגייץ אָפּגעצאָלט זיין חוב!

קאַסקאַ: גיי אויף דער רעדנער־בימה, ברוטוס!

דעציוס: קאַסיוס אויך!

ברוטוס: ווו איז פּובליוס?

ציננא: דאָ איז ער; גאָר צעטרייסלט פון דעם פאַל.

מעטעלוס: שטייט פעסט צוזאַמען; עמיצער פון צעזאַרס פריינד...

ברוטוס: ניט האָב קיין מורא, פובליוס, זיי מונטער!
קיין בייז וועט דיין פּערזאָן ניט אָנרירן;
און אויך קיין אַנדער רוימער ניט. דו זאָג זיי דאָס.

קאַסיוס. פאַרלאָז אונדז, פובליוס, עס זאָל דאָס פאָלק
אין צאָרן זייַנעם ניט באַליידיקן דיין עלטער.

ברוטוס: ס'זאָל קיינער פאַר דער טאַט ניט ענטפערן,
חוץ אונדז, די טוער.

(טרעבאָניוס קומט אָן.)

קאַסיוס: ווו'ז אַנטאָניוס?

טרעבאָניוס: ער איז אַנטלאָפן צו זיין הויז דערשטוינט;
און מענער, פרויען, קינדער, לויפן, שרייען,
ווי ס'וואָלט דער גרויסער יום־הדין געקומען.

ברוטוס: איצט בויגט זיך, רוימער,
און לאָמיר וואַשן אין זיין בלוט די הענט
ביז צו די איילנבויגן; פאַרבט די שווערדן
און לאָמיר אַלע אויפן מאַרק אַרויס;
און פאָכנדיק די רויטע שווערדן איבער קעפּ—
הויך אויסרופן: דערלייזונג! פריד און פרייהייט!

קאַסיוס: בויגט איין זיך! וואַשט די הענט! וויפיל יאָרהונדערטער
וועט דאָס דערהויבן שפּיל צוריק געשפּילט ווערן
אין שטאַאַטן ניט געבאָרענע נאָך גאָר
און שפּראַכן ניט געוואָרענע נאָך גאָר!

ברוטוס: פיל מאָל וועט צעזאַר, וועלכער ליגט אַצינד
ביים פוסגעשטעל פּאָמפּעוסעס, ניט ווירדיקער
פון שטויב—נאָך אויף דער סצענע בלוטן!

קאַסיוס: און איטלעך מאָל
וועט אונדזער בונד דערמאָנט זיין אלס די יענע,
וואָס האָבן זייער לאַנד געגעבן פרייהייט.

דעציוס: וואָס, גייען מיר?

קאַסיוס: יאָ, איטלעך איינער פון אונדז גייט;
ס'וועט ברוטוס אָנפירן—מיר וועלן זייַנע טריט
פאַרצירן מיט די שענסטע הערצער רוימס.

ברוטוס: שאַ, שטילער! ווער קומט אָן? אַנטאָניוסעס אַ פריינד!

(אַ דינער קומט אָן.)

דינער: אזוי, ברוטוס, האָט מיר מיין האַר געהייסן קניען,
אַזוי האָט מיר אַנטאָניוס געהייסן פאַלן;
און פון דעם שטויב באַפוילן מיר אַזוי צו זאָגן:
ברוטוס איז איידל, מוטיק, קלוג און ערלעך;
צעזאַר איז גרויס געווען און בראַוו און קיניגלעך.
זאָג, אַז איך ליב היים ברוטוסן און עהר אים,
זאָג, צעזאַרן האָב איך געליבט און אויך געפאָרכט.
אויב ברוטוס וועט זיין וואָרט געבן, צו שוינען
אַנטאָניוסעס לעבן, און אים מאַכן קלאָר:
מיט וואָס ס'האָט צעזאַר זיך דעם טויט פאַרדינט—
וועט מאַרק אַנטאָניוס ניט ליבן צעזאַרן אַ טויטן,
ווי ברוטוסן אַ לעבעדיקן; כ'וועל געטריי
דאַן גאָכפאָלגן דעם שיקזאַל און פאַרטיי
פון ברוטוסן דורך איטלעכע געפאַר, וואָס וועט
אים אויף זיין שטרויכלדיקן וועג באַפאַלן.

ברוטוס: אַ קלוגער און אַ בראַוער רוימער איז דיין האַר:
כ'האָב קיינמאָל אַנדערש ניט געדענקט פון אים.
גיי זאָג אים, זאָל ער קומען דאָ צו אונדז—
ער וועט באַפרידיקט זיין; איך גיב מיין וואָרט:
קיין האָר וועט פון זיין קאָפּ ניט פאַלן!

דינער: כ'ברענג אים גלייך. (אָפּ)

ברוטוס: איך ווייס, מיר וועלן אים אַלס פריינד געווינען.

קאַסיאָ: איך ווינטש עס אויך; נאָר עפּעס פילט מיין האַרץ
פאַר אים אַ מורא; מיין פאַרדאַכט איז, דוכט זיך מיר,
גאַנץ גוט באַגרינדעט.

ברוטוס: דאָ קומט אַנטאָניוס.

(אַנטאָניוס טרעט אויף.)

ברוטוס: דו ביסט אונדז ווילקאָמען, אַנטאָניוס!

אַנטאָניוס: אָ, גרויסער צעזאַר! ליגסט איצט אין שטויב?
ווו זיינען אַלע דיינע זיגן, הערלעכקייטן,
טריומפן, פּראַכט, צונויפגעשרומפּן איצט
אָט דאָ, אין קליינעם רוים דאָ?—פרידן צו דיין שטויב!
איך ווייס ניט, מיינע הערן, וואָס איר דענקט צו טאָן,
ווער נאָך ס'מוז בלוטן, וועמעס שעה איז נאָענט—

אויב מיינע—גיט גאָר גיט קיין בעסרע שעה
ווי צעזאָרס טויט-שעה; ס'גיט קיין וואָפן ניט
אַ העלפט דעם ווערט פון אָט די שווערדן, רייך געפאַרבט
מיט אָט דעם בלוט דעם איידלסטן פון גאָר דער וועלט.
איך בעט אייך, אויב איך פאַל אייך שווער, אַצינד—
ווען ס'רויכערט זיך נאָך אייער האַנט פון בלוט—
פירט אייער ווונטש אויס.—לעב איך טויזנט יאָר
וועל איך ניט וויליג זיין, אַזוי צו שטאַרבן,
קיין פלאַץ ניט ליב אַזוי, קיין טויט ניט בעסער—
ווי פאַלן דאָ מיט צעזאַרן דורך אייך,
די שענסטע, בעסטע גייסטער פון דער צייט!

ברוטוס: אַנטאָניוס, ניט בעט דיין טויט פון אונדז!
ס'איז וואָר, מיר מוזן אויסזען בייז און בלוטיק,
ווי אונדזער האַנט און אונדזער טאַט אָט דער
באַווייזן אונדז—דאָך זעסטו נאָר די הענט,
דו זעסט ניט אָבער אונדזער האַרץ; ס'איז מיטלייד פול;
און מיטלייד צו די גרויסעליידן רוים'ס—
(ווי פייער שלינגט אײן פייער, אַזוי מיטלייד—מיטלייד)
האָט דורכגעפירט די טאַט, וואָס דיך באַטרעפט.
אַנטאָניוס, איז אונדזער וואָפן טעמפּ.
דאָס האַרץ אונדזערע פעסט צום אויסוואָרצלען דאָס בייז,
און אונדזערע הערצער ברידערלעך געשטימט—
עמפּפאַנגען דיך מיט אויפריכטיקער ליבע,
געפילן האַרציקע און טיפער אַכטונג.

קאַסיוס: דיין שטים זאָל פונקט אַזוי ווי יעדן איינעמס
ביים אויסטיילן פון נייע עמטער גילטן.

ברוטוס: נאָר האָב געדולד, ביז מיר באַרויִקן
דעם עולם, וואָס איז אויסער זיך פאַר מורא;
דערנאָך וועל איך דערקלערן דיר די אורזאַך,
דאָס איך, וואָס האָב געליבט אים טויטנדיק—
האָב קעגן אים אַזוי געהאַנדלט.

אַנטאָניוס: איך צווייפל ניט אין אייער חכמה גאָר;
זאָל יעדער געבן מיר זיין בלוטיק האַנט:
צום ערשטן, ברוטוס, וויל איך דיין האַנט דריקן,
איצט נעם איך דיין האַנט, קאַיוס קאַסיוס;
דיין האַנט, מעטעלוס; בראַווער קאַסקאַ—דיינע;
צולעצט, דאָך ניט דער לעצטער אין מיין האַרצן—
גיב דיין האַנט מיר, טרעבאָניוס.
איר אַדעליקע אַלע! ווײ, וואָס קאָן איך זאָגן?

דער גרונט איז גליטשיק אונטער מיר אזוי—
אַז איר מוזט איינס פון אָט די צוויי מיך אָננעמען:
אַ פייגלינג צי אַ חונף.
אַז כ'האָב דיך, צעזאַר, הייס געליבט—איז וואָר!
איז אויב דיין גייסט קוקט איצט אַראָפּ אויף אונדז—
זאָל דיר ניט קרענקען מערער פון דיין טויט
צו זען, ווי דיין אַנטאָניוס מאַכט שלום איצט
און דריקט די הענט די בלוטיקע פון דיינע פיינד...
דו איידלסטער—דיין גוף נאָך פאַר די אויגן!
וואָלט איך אַזוי פיל אויגן האָבן ווי דו—ווונדן,
וואָס שטראָמען טרערן, ווי די ווונדן—בלוט!...
דאָס וואָלט מיר מער געפאַסט, ווי איינצוגיין
אין פרידן=אָפּמאַך מיט די שונאים דיינע!
זיי מוחל, יוליוס, דו איידעלער הירש!
אָט דאָ ביסטו דערגרייכט און דאָ ביסטו געפאַלן,
דאָ שטייען דיינע יעגער מיט דעם צייכן
פון אָט דעם מאָרד, געפאַרבן אין דיין בלוט.
אָ, וועלט! דו ביסט דער וואַלד פאַר אָט דעם הירש געווען,
און ער—אָ וועלט—געוועזן איז דיין האַרץ!
ווי ענלעך צו אַ הירש, פון פרינצן פיל
געפאַנגען, ליגסטו דאָ אַצינד.

קאַסיוס: אַנטאָניוס—

אַנטאָניוס: פאַרגיב מיר, קאַסיוס;
דאָס וועלן צעזאַרס פיינד אויך צוגעבן
און פאַר אַ פריינד איז דאָס נאָך גאָר באַשיידן.

קאַסיוס: איך האָב צו דיר ניט גאָר, פאַרוואָס דו ליבסט אים;
ווי דענקסטו זיך אַצינד צו אונדז פאַרהאַלטן?
צי קאָנען מיר דיך אָננעמען אַלס פריינד,
צי אָנגיין ווייטער און אויף דיר ניט רעכענען?

אַנטאָניוס: דעריבער האָב איך אייך די הענט געדריקט—
כ'האָב זיך פאַרגעסן, ווען כ'האָב צעזאַרס גוף דערזען:
אַ פריינד בין איך צו אייך און ליב אייך יעדן,
און האָף, אַז איר וועט מיר געוויס דערקלערן—
מיט וואָס און ווי אַזוי איז צעזאַר שעדלעך?

ברוטוס: ווען ניט וואָלט דאָס געוועזן צו אוממענטשלעך;
די סיבות זיינען אַזוי פעסט באַגרינדעט—
אַז וואָלסטו זיין, אַנטאָניוס, צעזאַרן אַ זון,
וואָלסטו באַפרידיקט זיין.

אַנטאָניוס: דאָס גאָר, וואָס איך פאַרלאַנג.
איך וועל מיך אָנשלאָגן נאָך מער צו טאָן:
אַרויסנעמען דעם קערפּער אויפן מאַרק-פּלאַץ,
און פון דער בימה, ווי עס פּאַסט אַ פריינד,
מיין וואָרט אויף זיין לויה זאָגן.

ברוטוס: דו זאָלסט עס טאָן, אַנטאָניוס.

קאַסיוס: איין וואָרט נאָר, ברוטוס. (אָן אַ זייט)
דו ווייסט ניט, וואָס דו טוסט; דו גיי ניט איין,
אַנטאָניוס זאָל ריידן אויף דער לויה.
דו ווייסט ניט, ווי דאָס פאָלק וועט זיין באַוועגט
פון זיינע ווערטער.

ברוטוס: ניין, אַנטשולדיק מיר:
איך וועל דער ערשטער פון דער בימה ריידן
און קלאָר מאַכן דעם גרונד פון צעזאַרס טויט;
כ'דערקלער, אַז וואָס אַנטאָניוס וועט זאָגן,
איז בלויז דורך אונדזער ראַט און צושטימונג;
אַז מיר זיינען צופרידן, צעזאַר זאָל
באַקומען יעדן כבוד, לויט זיין ווערט.
דאָס וועט אונדז פיל מער גוטס ווי שאָדן טאָן.

קאַסיוס: איך ווייס ניט, וואָס עס קאָן זיך טרעפן נאָך:
ס'געפעלט מיר ניט.

ברוטוס: אַנטאָניוס, דו נעם זיך צעזאַרס קערפּער;
דו זאָלסט ניט אין דיין ריידן אונדז באַשולדיקן;
מאָגסט אַלדאָס גוטס פון צעזאַר ריידן, נאָר
מוזט זאָגן, טוסט דאָס אַלץ דורך אונדזער ראַט.
ווען ניט, זאָלסטו קיין האַנט ניט האָבן גאָר
אין דער לויה; דו וועסט ריידן דאָרט,
וווּ איך וועל ריידן, פון דערזעלבער בימה,
ווען איך וועל ענדיקן.

אַנטאָניוס: זאָל זיין אַזוי.
איך ווינטש ניט מער קיין זאַך.

ברוטוס: טאָ גרייט דעם קערפּער צו און קום נאָך אונדז.

(אַלע אויסער אַנטאָניוסן אָפּ.)

אַנטאָניוס: זיי מיר מוחל, דו בלוטנדע שטיק ערד,
וואָס איך בין פריינדלעך דאָ צו דיינע מערדער!
דו ביסט די חורבה פון דעם שענסטן מאַן,

וואָס'ט ווען ניט איז געלעבט אין שטראָם פון צייט.
וויי, וויי דער האַנט, וואָס האָט דאָס בלוט פאַרגאָסן!
איצט פראָפעצייַ איך איבער דיינע ווונדן,
וואָס עפענען ווי שטומע מיילער—פורפור־ליפּן,
מיין וואָרט און אויסדרוק פון מיין שטים צו לייען—
אַ פלוך זאָל פאַלן איבער מענטשנס גלידער:
אָן אינערלעכע צאַנקעריי און בירגער־קריג
זאָל איבער אַלע בּרעגן פון איטאַליע וווטן!
זאָל בלוט און חורבן זיין אַזוי געוויינלעך,
דאָס שוידערלעכסטע זאָל אַזוי באַקאַנט זיין—
אַז מוטערס זאָלן שמייכלען נאָר, צו זען
די קינדער זייערע אויף פיר צעשפּאָלטן:
זאָל יעדע מיטלייד זיין דערשטיקט דורך גרויל.
און צעזאַרס גייסט, זיך יאָגנדיק נאָך ראַכע
מיט אַטע ביי זיין זייט, צעפלאַמט פון גיהנם,
וועט אין די גרענעצן, מיט בייזן הערשערס טאָן
נקמה רופן און די קריגסהינט אָפּלאָזן—
אַז ס'זאָל די שאַנדטאַט ביז צום הימל שטינקען
מיט פוילע פּגרים זיפצנדיק נאָך קבורה.

(אַ דינער קומט אַן.)

דו דינסט אָקטאַוויוס צעזאַרן, ניט וואָר?

דינער: יאָ, מאַרק אַנטאָניוס.

אַנטאָניוס: צעזאַר האָט געשריבן אים נאָך רוים צו קומען.

דינער: ער האָט דעם בריוו באַקומען און איז אונטערוועגס.
און מונדלעך האָט ער מיר געהייסן, איך—

(ער דערזעט צעזאַרס קערפּער.)

אָ, צעזאַר!

אַנטאָניוס: דיין האַרץ איז גרויס; גיי אָן אַ זייט און וויין.
איך זע דאָס לייד איז אָנשטעקנד: מיין אויג,
דערזעענדיק די מיטלייד־פּערלען אין דיין אויג,
הייבט אויך צו פליסן אָן.—ווען קומט דיין הער?

דינער: ער שטייט איצט זיבן מייל וויים פון רוים.

אַנטאָניוס: לויף שנעל צוריק—דערצייל, וואָס ס'האָט פּאַסירט.
ס'איז רוים—אַ רוים פון טרויער און געפאַר.
ס'איז רוים ניט זיכער פאַר אָקטאַוויוסן.
לויף שנעל און זאָג אים דאָס. דאָך וואַרט איין וויל.
דו זאָלסט ניט גיין צוריק, ביז כ'וועל זיין קערפּער
אין מאַרק־פּלאַץ טראָגן; כ'וועל פּרוּוון דאָרט,

צו אויסגעפינען דורך מיין ריידן, ווי דאָס פאָלק
נעמט אָן די טאַט פון אָט די בלוט־מענטשן —
און לויט ווי עס וועט האַלטן, וועסטו מיטטיילן
אָקטאַוויוסן, ווי זאַכן שטייען דאָ.
לייג צו דיין האַנט.

(אָפּ מיט צעזארס קערפּער.)

צווייטע סצענע.—רוים.

דאָס פאָרום.

ברוטוס, קאַסיוס און אַן עדה בירגער טרעטן אויף.

בירגער: מיר ווילן איבערצייגט זיין! לאָזט אונדז איבערצייגט זיין!

ברוטוס: דאַן פאָלגט מיר נאָך און הערט מיך אויפמערקזאַם.
דו, קאַסיוס, פאַרנעם זיך אין אַן אַנדער גאַס—
צעטייל דעם עולם.
די־יעניקע, וואָס ווילן הערן מיך, בלייבט דאָ,
וואָס ווילן הערן קאַסיוסן, גייט מיט אים—
און שטאַאַטס־דערקלערונגען פאַר צעזארס טויט
געגעבן וועלן ווערן.

ערשטער בירגער: איך וויל הערן ברוטוסן.

צווייטער בירגער: און איך וויל הערן קאַסיוסן; דערנאָך
לאָמיר זייערע אורזאַכן פאַרגלייכן.

(קאַסיוס אָפּ מיט איין טייל פון די בירגער; ברוטוס גייט אַרויף
אויף דער רעדנער־בימה.)

דריטער בירגער: דער איידעלער ברוטוס איז שוין גרייט: זייט
שטיל!

ברוטוס: זייט רויִק ביז צום סוף!
רוימער! מיטבירגער און ליבע פריינד! הערט זיך צו צו
מיינע טענות, און זייט שטיל, איר זאָלט מיך קאָנען אויס־
הערן. האָט צוטרויען צו מיר פון מיין כבוד וועגן, און
לייגט ערע אויף מיין כבוד, כדי איר זאָלט אין מיר פאַר־
טרויען! משפּט מיך אין אייער חכמה און וועקט אייערע
געפילן אויף, איר זאָלט מיך בעסער קאָנען משפּטן.
אויב עמיץ איז פאַראַן דאָ אין דער פאַרזאַמלונג אַ טרייער

פריינד צעזאַרס—צו אים זאָג איך, אַז ברוטוסעס ליבע פאַר צעזאַרן, איז ניט מינדער ווי זיינע. און אויב דער פריינד דעריבער פאַרלאַנגט צו וויסן, פאַרוואָס האָט ברו־טוס אויפגעשטעלט זיך קעגן צעזאַרן — איז דאָס מיין ענטפער: ניט ווייל איך האָב צעזאַרן געליבט מינדער, נאָר ווייל איך האָב פיל מערער רוים געליבט. וואָלט איר בעסער פאַרלאַנגט זען צעזאַרן ביים לעבן, און איר אַלע זאָלט שטאַרבן שקלאַפן, אָדער צעזאַרן אַ טויטן— און איר אַלע—פרייע מענטשן? ווייל צעזאַר האָט מיך גע־ליבט—באַוויין איך אים; ווייל ער איז געווען ערפאָלג־רייך, פריי איך זיך; ווייל ער איז בראַוו געווען—גיב איך אים כבוד; ווייל ער איז אָבער הערשזיכטיק געווען— האָב איך געטויט אים. טרערן פאַר זיין ליבע, פרייד אויף זיין ערפאָלג, כבוד פאַר זיין בראַווקייט—און טויט פאַר זיין הערשזוכט. איז עמיץ אַזוי נידעריק, וואָס וויל אַ שקלאַף זיין? אויב ס'איז דאָ אַזוינער—רייד! דען יענעם האָב איך אָנגעגריפן. ווער איז דאָ אַזוי רוי, וואָס זאָל ניט ווען זיין קיין רוימער? אויב ס'איז דאָ אַזוינער—רייד! דען יענעם האָב איך אָנגעגריפן. איז עמיץ דאָ אַזוי נידער־טרעכטיק, ער זאָל זיין פאָטערלאַנד ניט ליבן? אויב ס'איז דאָ אַזוינער—רייד! דען יענעם האָב איך אָנגעגריפן. איך וואַרט אַציינד אויף אייער ענטפער.

אלע: קיינער, ברוטוס, קיינער!

ברוטוס: דאַן האָב איך קיינעם, קיינעם ניט אָנגעגריפן. איך האָב ניט מער געטאָן צו צעזאַרן, ווי איר דאַרפט טאָן צו ברוטוסן. די אורזאַך פון זיין טויט איז אין דעם קאַפּיטאָל פאַרצייכנט; זיין רום, וווּ ער איז ווערט, איז ניט פאַר־מינדערט; אַזוי איז אויך זיין שולד, פאַר וועלכער ער האָט טויט ערליטן, ניט פאַרגרעסערט.

(אַנטאָניוס און אַנדערע טרעטן אויף מיט צעזאַרס קערפּער.)

דאָ קומט זיין קערפּער, באַקלאָגט פון מאַרק אַנטאָניוסן, וואָס הגם ער האָט קיין האַנט אין זיין טויט, וועט דאָך אין אונדזער פרייען שטאַאַט אַ פּלאַץ געווינען דורך זיין שטאַרבן; און ווער פון אייך וועט ניט? דערמיט צעשייד איך זיך מיט אייך. אַזוי ווי איך האָב געטויט מיין בעסטן פריינד צוליב רוים'ס נוצן—אַזוי האָב איך דעמזעלבן שווערד פאַר זיך אַליין, ווען מיין לאַנד וועט מיין טויט פאַרלאַנגען!

אלע: לעב, ברוטוס! לעב! לעב!

ערשטער בירגער: פירט ברוטוסן אַהיים אָפּ מיט טריומף!

צווייטער בירגער: שטעלט אים אַ דענקמאָל צווישן זיינע עלטערנס!

דריטער בירגער: מאַכט אים פאַר צעזאַר!

פערטער בירגער: צעזאַרס בעסערער טייל
געקרוינט אין ברוטוסן זאָל ווערן היינט.

ערשטער בירגער: קומט, לאָמיר אים אַהיים פירן מיט יובל!

ברוטוס: מיינע מיטבירגער!—

צווייטער בירגער: איי, שטילער! ברוטוס רעדט!

ערשטער בירגער: זייט שטיל!

ברוטוס: איך בעט אייך, לאָזט מיך גיין אליין!
און, מיר צוליב, בלייבט מיט אַנטאָניוסן;
גיט אָפּ דעם קערפּער כבוד, אַכט דעם הספד
פון צעזאַרס שבחים, וואָס אַנטאָניוס
וועט האַלטן דאָ מיט אונדזער צושטימונג;
איך בעט אייך, זאָל ניט קיינער פון אייך גיין,
ביז ס'וועט אַנטאָניוס ענדיקן.

(ברוטוס אָפּ.)

ערשטער בירגער: שטייט! לאָמיר אויסהערן אַנטאָניוסן!

דריטער בירגער: לאָזט אים אַרויפגיין אויף דער רעדנער־בימה!
מיר ווילן הערן, איידעלער אַנטאָניוס!

אַנטאָניוס: פון ברוטוס' וועגן, שטיי איך דאָ פאַר אייך.

(אַנטאָניוס גייט אַרויף אויף דער בימה.)

פערטער בירגער: וואָס זאָגט ער וועגן ברוטוסן?

דריטער בירגער: ער זאָגט,
אַז ברוטוסן צוליב שטייט ער דאָ איצט פאַר אונדז.

פערטער בירגער: ס'וואָלט גלייכער זיין פאַר אים, ער זאָל קיין
שלעכטס פון ברוטוסן ניט ריידן.

ערשטער בירגער: יאָ, צעזאַר איז געווען אַ טיראַן!

דריטער בירגער: געוויס, געוויס; מיר זיינען איצט געבענטשט,
וואָס רוים האָט זיך פון אים באַפרייט!

צווייטער בירגער: זייט שטיל! לאָזט הערן, וואָס אַנטאָניוס וועט
זאָגן!

אַנטאָניוס: איר איידעלע רוימער—

אַלע: שטיל דאָרט! לאָזט אונדז הערן!

אַנטאָניוס: פריינד, רוימער, בירגער, הערט מיך אויס אַצינד:
איך קום באַגראָבן צעזאַרן — און ניט אים לויבן;
דאָס שלעכטס, וואָס מענטשן טוען, לעבט זיי איבער,
דאָס גוטס ווערט אָפט פאַרווישט מיט זייער טויט.
זאָל אויך מיט צעזאַר זיין אַזוי. דער איידעלער ברוטוס
האָט אייך דערציילט, אַז ער איז הערשזיכטיק געווען;
אויב דאָס איז וואָר — איז דאָס אַ שרעקלעכער פאַרברעך,
און שוידערלעך האָט צעזאַר אָפּגעצאָלט דערפאַר.
דאָ קום איך איצט פאַר אייך, מיט ברוטוסעס דערלויבניש —
דען ברוטוס איז אַן ערנהאַפטער מאַן,
ווי אויך זיי אַלע זיינען ערנהאַפטע לייט —
מיין וואָרט צו זאָגן אויף דעם אָרון צעזאַרס.
ער איז מיין פריינד געווען, ערגעבן, טריי צו מיר. —
דאָך ברוטוס זאָגט, אַז ער איז הערשזיכטיק געווען,
און ברוטוס איז אַן ערנהאַפטער מאַן.
געפאַנגענע אָן שיעור האָט ער געבראַכט נאָך רוים,
וואָס זייער אויסקויף־געלט האָט רייך געמאַכט דאָס לאַנד —
האָט דאָס אין צעזאַרן באַוויזן הערשזוכט?
ווען ס׳האָט דאָס פאָלק געקרעכצט, האָט צעזאַר מיטגעוויינט —
פון האַרטערן מעטאַל דאַרף הערשזוכט זיין געמאַכט;
דאָך ברוטוס זאָגט, אַז ער איז הערשזיכטיק געווען,
און ברוטוס איז אַן ערנהאַפטער מאַן.
איר אַלע האָט געזען, ווי אין לופּערקאַלס פעסט
האָב איך דריי מאָל אַ קרוין אים אָנגעבאָטן,
פון וועלכער ער האָט דריי מאָל זיך אַנטזאָגט —
איז אפשר דאָס געוועזן הערשזיכטיק?
דאָך ברוטוס זאָגט, אַז ער איז הערשזיכטיק געווען,
און זיכער איז, ער איז אַן ערנהאַפטער מאַן.
איך רייד, ניט אָפּצולייקענען, וואָס ברוטוס זאָגט,
נאָר דאָ שטיי איך צו ריידן דאָס, וואָס איך ווייס.
איר האָט אים דאָך געליבט! און ניט אומזיסט מסתּם...
וואָס הינדערט אייך אַצינד פון טרויערן נאָך אים?
פאַרשטאַנד! פאַרפלויגן ביסטו אין דעם ווילדן וואַלד —
און מענטשן האָבן זייער זין פאַרלאָרן.
האָט געדולד:
מיין האַרץ איז אין דעם אָרון דאָרט מיט צעזאַרן
און איך מוז וואַרטן ביז עס קומט צו מיר צוריק.

ערשטער בירגער: מיר דאַכט, פיל אמת איז פאַראַן אין זיינע רייד.

צווייטער בירגער: באַדענקט מען זיך, איז קעגן צעזאַרן
באַגאַנגען אַ פאַרברעך.

דריטער בירגער: באַגאַנגען אַ פאַרברעך?
כ'האָב מורא, אַז אַן ערגערער וועט נאָכפאָלגן!

פערטער בירגער: איר האָט געהערט? ער האָט פון קרוין
אָנטזאָגט זיך.

אַראיה: ער איז ניט געווען הערשזיכטיק.

ערשטער בירגער: אויב ס'איז אַזוי—וועט עמיצער דערפאַר
באַצאָלן!

צווייטער בירגער: דער אָרעמער אַנטאָניוס! באַטראַכט,
ווי זיינע אויגן זיינען פייער-רויט פון וויינען!

דריטער בירגער: עס גיט ניט נאָך אַזאַ אַנטאָניוס אין רוים!

פערטער בירגער: זייט שטיל! ער הייבט שוין ווידער אָן צו
ריידן!

אַנטאָניוס: נאָך נעכטן האָט דאָס וואָרט פון צעזאַרן געקאָנט
זיך קעגן וועלטן איינשטעלן; היינט ליגט ער טויט;
און דער געמיינסטער בויגט זיך ניט פאַר אים!
אָ, פריינד, ווען איך וואָלט אייער האַרץ און זין
געגנויגט זיין אויפברויזן צו אויפשטאַנד און צו צאָרן—
וואָלט איך באַגאַנגען אומרעכט קעגן ברוטוסן
און אומרעכט קעגן קאַסיוסן—וואָס זיינען,
ווי אייך איז וויל באַקאַנט שוין, ערנהאַפטע לייט.
איך וויל קיין אומרעכט זיי ניט טאָן: כ'וועל ליבערשט
דעם טויטן אומרעכט טאָן, זיך זעלבסט און אייך—
ווי אומרעכט טאָן אַזעלכע ערנהאַפטע לייט.
נאָר כ'האָב מיט זיך אַ פאַרמעט דאָ, מיט צעזאַרס זיגל,
איך האָב עס אין זיין שראַנק געפונען—זיין צוָאה;
און וואָלט דאָס פשוט פאָלק פאַרנומען די צוואה—
איך מיין עס אייך, חלילה, ניט צו לעזן—
דאָ וואָלטן זיי געלאָפן קושן צעזאַרס ווונדן,
די טיכער אין זיין הייליק בלוט צו טונקען,
און אויסבעטלען פון אים אַ האָר צום אָנדענקען.
זיי וואָלטן שטאַרבנדיק עס אָפּשרייבן
אין זייער ווילן און דאָס איבערלאָזן,
די קאָסטבאַרסטע ירושה, צו די יורשים.

צווייטער בירגער: מיר ווילן הערן זיין צוואה; לעז, אַנטאָניוס!

אַלע: זיין ווילן, זיין צוָאה לעז! מיר ווילן הערן!

אַנטאָניוס: געדולדיק, פריינד! איך טאָר עס אייך ניט לעזן!
איר זייט ניט האָלץ, איר זייט ניט שטיין—נאָר פלייש
און בלוט!

און האָבנדיק אַ האַרץ, פאַרנעמענדיק זיין ווילן—
וואָלט דאָס אייך אויפגעבראַכט, וואָלט דאָס אייך ווילד
געמאַכט!

ס׳איז גוט, איר ווייסט ניט—איר זייט זיינע יורשים,
דען וואָלט איר דאָס געוווסט, וואָס וואָלט דערפון אַרויס!

פערטער בירגער: זיין ווילן לעז, אַנטאָניוס, זיין צואה!
מיר ווילן אַלע וויסן צוזאַרס ווילן!

אַנטאָניוס: וועט איר געדולדיק זיין? וועט איר געלאָזן זיין?
כ׳האָב מורא, כ׳בין מיט אייך צו ווייט פאַרגאַנגען;
כ׳האָב מורא, כ׳טו שלעכטס די ערנהאַפטע לייט,
וואָס זייער שווערד האָט צעזאַרן דערשטאָכן—
כ׳האָב מורא!

פערטער בירגער: די ערנהאַפטע לייט—פאַררעטער זיינען זיי!

אַלע: זיין ווילן! זיין צואה!

צווייטער בירגער: זיי זיינען מערדער! רוצחים! לעז אונדז די צואה!

אַנטאָניוס: איר צווינגט מיך אויב אַזוי צו לעזן די צואה—
דאַן שליסט אַ קייט אַרום דעם טויטנס קערפּער,
און לאָזט מיר אייך באַווייזן דעם, ווער ס׳האָט
געמאַכט אָט די צואה. מאָג איך איצט אַרונטער?

אַלע: געוויס! געוויס!

צווייטער בירגער: קום אַרונטער!

דריטער בירגער: ס׳איז דיר דערלויבט!

(אַנטאָניוס גייט אַרונטער פון דער בימה.)

פערטער בירגער: אַ רינג; שטייט שטיל אַרום!

ערשטער בירגער: טרעט אָפּ פון וואָגן; ציט זיך אָפּ פון קערפּער!

צווייטער בירגער: מאַכט פּלאַץ פאַרן איידלסטן אַנטאָניוסן!

אַנטאָניוס: ניט פּרעסט מיך אַזוי שטאַרק! שטייט ווייטער!

אַלע: ציט אָפּ זיך! זאָל גראַמער זיין! צוריק!

אַנטאָניוס: אויב איר האָט טרערן—גרייט זיך זיי פאַרגיסן.
אייך איז דער מאַנטל דאָך באַקאַנט דאָ; איך געדענק,
דאָס ערשטע מאָל, וואָס צעזאַר האָט אים אָנגעטאָן;
דאָס איז געווען אַ זומער-אָוונט אין זיין געלט—
אין יענעם טאָג האָט ער די נערוויער באַזיגט;
קוקט, דאָ איז קאַסיוס׳ שווערד אַדורכגעלאָפן,

זעט סאַראַ ריס דער ניט־פאַרגינער קאַסקאַ האָט געמאַכט;
דאָ האָט דער פיל־באַליבטער ברוטוס דורכגעשטאָכן,
און ווען ער האָט זיין שטאָל אַרויסגעריסן—
באַטראַכט ווי צעזאַרס בלוט איז נאָכגעלאָפן
ווי דורך אַ טיר אַן אָפענער—ווי צו דערגיין,
האָט ברוטוס אַזוי אומפריינדלעך געשלאָגן?
דען ברוטוס,ווי איר ווייסט, איז צעזאַרס בעסטער פריינד!
אָ געטער, משפט איר! ווי צעזאַר האָט געליבט אים!
דאָס איז דער קלאַפּ דער גרויזאַמסטער געווען;
דען ווען ס'האָט צעזאַר אים געזען שטעכן—
אומדאַנקבאַרקייט, פיל שטאַרקער פון פאַררעטערס הענט,
האָט אים באַזיגט; און ס'האָט זיין מעכטיק האַרץ געפּלאַצט;
און אין זיין מאַנטל זיין געזיכט פאַרהילנדיק,
ביים דענקמאָל פון פּאָמפּעוס, זיך באַגיסנדיק
אין בלוט—געפאַלן איז דער גרויסער צעזאַר!
אָ, סאַראַ פאַל דאָס איז געווען, בירגער!
אויך איר און איך און איטלעך איינער איז געפאַלן,
און בלוטיקער פאַרראַט האָט איבער אונדז געשאַלט!
אַהאַ! אַצינד ערשט וויינט איר! כ'זע איר פילט
דעם צער פון מיטלייד: ס'זיינען גנאַדע־טראָפּן!
וואָס וויינט איר, גוטע מענטשן, זעענדיק
בלויז צעזאַרס קלייד פאַרוואונדעט? קוקט נאָר, אָט איז ער
אַליין—באַשעדיקט, ווי איר זעט, פון די פאַררעטער!

ערשטער בירגער: אָ,שוידערלעכעס בילד!

צווייטער בירגער: אָ,יאָמערלעכער טאָג!

דריטער בירגער: אָ,בלוטיקער פאַרראַט!

פערטער בירגער: פאַררעטער! מערדער!

צווייטר בירגער: מירן נעמען ראַכע!

אלע: נקמה! קומט! זוכט! ברענט! שלאָגט! פייערט! הרגעט!
קיין איין פאַררעטער זאָל ניט לעבן בלייבן!

ערשטער בירגער: זייט שטיל! הערט אויס דעם איידלסטן אַנטאָניוסן!

אנטאָניוס: פריינד, טרייע פריינד, ניט לאָזט מיך אייך באַוועגן
צו אָט דעם שטראָם דעם פּלוצלונגן פון אויפשטאַנד.
די, וועלכע האָבן דאָס געטאָן, זיי זיינען ערנהאַפט;
וואָס פאַר אַ סבות ס'האָבן זיי דערצו געטריבן—
דאָס ווייס איך ניט—זיי זיינען קלוג און ערנהאַפט;
זיי וועלן עס אָן צווייפל אייך דערקלערן;

איך קום ניט, פריינד, צו גנבנען אייער האַרץ—
איך בין קיין רעדנער ניט, ווי ברוטוס איז;
נאָר, ווי איר זעט, אַן אייגפאַכער, אַ קליינער מענטש,
וואָס ליבּט זיין פריינד; און ווייל זיי ווייסן עס גענוי—
דעריבּער האָבּן זיי דערלויבּט מיר ריידן.
דען כ'האָבּ ניט וויץ, ניט ווערטער און ניט ווערט,
ניט האַנדלונג און ניט אויסשפּראַך און ניט רעדנערקראַפט
צו רירן דאָס געבּליט. איך רייד נאָר גלאַט אַזוי:
איך זאָג אייך נאָר, וואָס יעדער איינער ווייסט פון אייך.
איך וויין אייך צעזאַרס וואונדן, אָרעמע שטומע מיילער,
און הייס פאַר מיר זיי ריידן; נאָר וואָלט איך ברוטוס זיין,
ברוטוס אַנטאָניוס—דאָס וואָלט אַן אַנטאָניוס זיין,
וואָס וואָלט צעשטורעמט אייער גייסט, אַריינגעלייגט אַ צונג
אין צעזאַרס איטלעך וואונד, וואָס וואָלט גערירט
די שטיינער פון שטאָט רוים צום אויפשטאַנד און צו צאָרן!

אַלע: מיר וועלן צאָרנדיק זיך אויפהייבן!

ערשטער בירגער: קומט! לאָמיר גיין פאַרברענען ברוטוס' הויז!

דריטער בירגער: קומט אַלע! לאָמיר די פאַררעטער אויסזוכן!

אַנטאָניוס: הערט אויס מיך, מיינע בירגער, הערט מיך אויס!

בירגער: שטייט שטיל! הערט אויס דעם איידעלן אַנטאָניוסן!

אַנטאָניוס: אָ פריינד! איר טוט און ווייסט אַליין ניט וואָס.
מיט וואָס האָט אייער ליבּע צעזאַר זיך פאַרדינט?
אָ, ניין, איר ווייסט ניט: איר האָט גאָר פאַרגעסן
פון דער צוואה, וואָס איך האָבּ גערעדט.

אַלע: זיין ווילן! שטייט און הערט זיין ווילן אויס!

אַנטאָניוס: דאָ איז זיין ווילן, אונטער צעזאַרס זיגל:
ער לאָזט אויך איבּער צו יעדן בירגער רוים'ס
אויף יעדן קאָפּ צו פינף און זיבּעציק דראַכמען.

צווייטער בירגער: אָ איידעלער! מיר וועלן פאַר דיין טויט ניט שווייגן!

דריטער בירגער: אָ, קיניגלעכער צעזאַר!

אַנטאָניוס: הערט מיך אויס געדולדיק!

אַלע: שטילער! זאָל זיין, שטיל!

אַנטאָניוס: וואָס נאָך—ער האָט אויך אַלע זיינע לוסטפּלעצער,
פאַרשלאָסענע פּאַווילאָנען, נייגעפּלאַנצטע גערטנער

אויף דער זייט טיבער—אייך און קינדער נאָך אייך
אויף אייביק נאָכגעלאָזן; פאַרגעניגן־פּלעצער,
ווו ס'זאָל דאָס פאָלק צונויפקומען פאַרברענגען.
דאָס איז געווען אַ צעזאַר! ווען אַ צווייטער וועט
זיינס גלייכן אויפשטיין?

ערשטער בירגער: אָ, קיינמאָל, קיינמאָל מער! קומט ווייטער, קומט!
מיר וועלן אויף אַ הייליקן פלאַץ זיין גוף פאַרברענען —
און מיט די פאַקלען פון צעזאַרס שרפה
די הייזער אונטערצינדן פון פאַררעטער!
נעמט, טראָגט דעם קערפּער!

צווייטער בירגער: גייט, ברענגט פייער!

דריטער בירגער: גייט, רייסט די בענק אַרונטער!

פערטער בירגער: רייסט פענסטער, טירן, אַלעס אָפּ!

(בירגער מיט צעזארס קערפער אפּ.)

אַנטאָניוס: איצט זאָל עס אַרבעטן. דו, בייז, דו ביסט אין גאַנג!
נעם אָן, וואָס פאַר אַ וועג דו ווילסט!

(דינער טרעט אויף.)

וואָס איז?

דינער: מיין האַר, אָקטאַוויוס איז שוין נאָך רוים געקומען.

אַנטאָניוס: ווו איז ער?

דינער: ער און לעפּידוס געפינען זיך
אַצינד אין צעזאַרס הויז.

אַנטאָניוס: כ'וועל תיכף גיין אַהין אים צו באַזוכן.
ס'איז בעסער ווי געווונטשן; ס'שפּילט דאָס מזל אונדז,
און וועט אונדז אַלע אונדזערע פאַרלאַנגען נאָכגעבן.

דינער: כ'האָב זאָגן אים געהערט, אַז ברוטוס און קאַסיוס—
זיי זיינען דורך די טויערן פון רוים ווי ווילד געלאָפן.

אַנטאָניוס: מסתמא האָבן זיי געהערט שוין, ווי איך האָב
דאָס פאָלק באַוויגן.—פיר מיך צו אָקטאַוויוסן. (אפּ.)

רוים האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: איינער — אונטער דער אָנ־פירונג פון ברוטוסן און קאַסיוסן—האָט זיך פאַרזאַמלט אויסער דער הויפּטשטאָט. די הויפּטשטאָט איז פאַרבליבן אונטער דער געוואַלט פון אַנטאָניוסן. אַנטאָניוס צוזאַמען מיט אָקטאַוויוס צעזאַר און לעפּידוס האָבן געבילדעט אַ טריומווירעט און געפירט דעם ווייטערדיקן קאַמף מיט זייערע שונאים. קודם כל האָבן זיי זיך נוקם געווען אָן די סענאַטאָרן, וואָס זיי האָבן חושד געווען אין סימפּאַטיע צו די

פארשווערער. הונדערט סענאטארן זיינען לויט זיין באפעל געטויט געווארן. דאן האבן זיי ארגאניזירט א גרויסע ארמיי, וואס האט געדארפט ארויסטרעטן אין אפענעם קאמף קעגן די פארשווערער.

אויף דעם פליין פון פיליפי האבן זיך ביידע ארמייען באגעגנט. איידער די שלאכט האט זיך אנגעהויבן, האבן זיך די אנפירער פון ביידע ארמייען געטראפן. דאס צוזאמענטרעפן האט נאך מער פארשארפט די קעגנזייטיקע פארביטערונג.

מע האט זיך גענומען גרייטן צו דער שלאכט. געפאלגט פון שווערע פארגעפילן, זעגענען זיך קאסיוס מיט ברוטוסן פאר דער שלאכט. דערביי גיבן זיי זיך דאס ווארט—ניט לאזן זיך נעמען געפאנגען לעבעדיקערהייט.

די שלאכט האט זיך אנגעהויבן. מיט איין פליגל פון דער ארמיי האט אנגעפירט קאסיוס, האבנדיק אנטקעגן זיך אנטאניוסן; מיטן צווייטן פליגל האט אנגעפירט ברוטוס, קעגן וועמען עס איז ארויסגעטראטן אקטאוויוס. ברוטוסעס לעגיאנען האבן גיך אפגעהאלטן א גרויסן נצחון איבער אקטאוויוסן. קאסיוסעס זעלנער האבן אבער פארלארן דעם מוט און גענומען אנטלויפן. קאסיוס האט דעריבער געמיינט, אז אלץ איז פארלארן. זעענדיק פון ווייטן זיין געצעלט ארומגערינגלט פון רייטער, שיקט ער זיין פריינד טיטוניוסן זען, צי זיינען דאס פריינד אדער פיינד. פייל אויסן בויגן לאזט זיך טיטוניוס צום געצעלט און טרעפט דארט בלויז פריינד, וועלכע באגעגענען אים מיט פרייד-געשרייען און גיבן אים איבער א קראנץ פאר קאסיוסן.

אבער דאס פריידגעשריי פירט אריין קאסיוסן אין א טעות. ער מיינט, אז טיטוניוס איז געפאנגען. און האט דערפון גרויס צער. ער וויל ניט איבערלעבן זיין פריינד און בעט דעם קנעכט פינדארוסן, ער זאל אים, קאסיוסן, דערשטעכן. דערביי רופט קאסיוס אויס פארן טויט: — „א, צעזאר, ס'ווערט זיך אפגערעכנט פאר דיין בלוט, און דורך דעם זעלבן שווערד, וואס האט געטויט דיך!"

ווען טיטוניוס קערט זיך אום צו קאסיוסן אין לאגער און געפינט קאסיוסן א טויטן, דערשטעכט ער זיך אליין מיט קאסיוס' שווערד. אינדעם קומט אן ברוטוס. דערזעענדיק זיי ביידע טויטע, שרייט ער אויס:

„א, יוליוס צעזאר, דו ביסט מעכטיק נאך, דיין גייסט גייט צווישן אונד ארום און קערט די שווערדן אונדזערע אין אונדזער הארצן..."

ער באקלאגט זיינע געפאלענע פריינד. כדי ניט אפצושלאגן דעם מוט ביים חייל, באפעלט ברוטוס איינצוארדנען זייער קבורה ניט אין לאגער. דאן רופט ער זיינע פריינד זיך אומצוקערן אין שלאכט. די ווייטערדיקע שלאכט איז אומגליקלעך פאר ברוטוסן. איינער פון זיינע בעססע גענעראלן, דער יונגער קאטא, ווערט דערהרגעט, דער צווייטער—לוציליוס — ווערט געפאנגען. ברוטוסעס פריינד, פילנדיק די נאענטע סכנה, בעטן אים אנטלויפן. ברוטוס זאגט זיך אבער אפ. זעענדיק דעם שונא נאנט לעבן זיך, הייסט ער זיין דינער סטראטאן, ער זאל אים, ברוטוסן דערשטעכן זיינע לעצטע ווערטער זיינען:

„... צעזאר, בארויק דיך!
איך האב דיך געטויט א העלפט ניט גערן ווי זיך!"

די פיינד טרעפן שוין ברוטוסן א טויטן. אנטאניוס און אקטאוויוס גיבן אים אפ דעם לעצטן כבוד, ווי א קריגסהעלד.

אנטאניוס איז מספיר זיין איידעלן שונא מיט פאלגנדיקע ווערטער:

„ער איז דער נאבלסטער געוועזן פון אלע!
די אנדערע פארשווערער אויסער אים,
זיי האבן עס געטאן אין זייער קנאה;
נאר ער, אין גרויסן ערלעכן געדאנק
פאר אלגעמיינעם בעסט, האט זיך מיט זיי פאראייניגט.
זיין לעבן איז געוועזן גרויס, און ס'האבן זיך
די עלעמענטן אויסגעמישט אין אים אזוי,
אז די נאטור האט אויפשטעלן געמאגט זיך
און זאגן צו דער וועלט: „דאס איז געוועזן א מאן!"

יידיש — י. י. שווארץ.

וויליאַם שעקספּיר.

האַמלעט.

פּרינץ פון דענעמאַרק.

פּערזאָנען:

קלאַודיוס, קיניג פון דענעמאַרק.
האַמלעט, זון פון פאַרשטאָרבענעם און ברודערנזון פון איצטיקן קיניג.
פּאָלאָניוס, קיניגס ראַטגעבער.
האָראַציאָ, האַמלעטס פריינד,
לאַערטיס, פּאָלאָניוסעס זון.
ראָזנקראַנץ, **גילדנשטערן**, **אָסריק**, **אַדעלמאַן** — הויפלייט
אַגלח.
מאַרצעלוס, **בערנאַרדאָ**, אָפיצירן.
פראַנציסקאָ, א זעלנער.
רייגאַלדאָ, פּאָלאָניוסעס א דינער.
שוישפּילער.
צוויי קברנים.
פּאָרטינבראַס, פּרינץ פון נאָרוועגיע.
גערטרודאַ, קיניגין פון דענעמארק און האַמלעטס מוטער.
אָפּעליאַ, פּאָלאָניוסעס טאָכטער.
הערן, דאַמען, אָפיצירן, זעלנער, מאַטראָסן, שלוחים א. א
גייסט פון האַמלעטס פאָטער.

אָרט: דענעמאַרק.

עס זיינען פאַריבער בלויז צוויי חדשים נאָכן טויט פון דעם קיניג פון דענעמאַרק, און זיין אלמנה, די קיניגין ג ע ר ט ר ו ד, האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַנס ברודער ק ל ו י ד י ו ס. דערדאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן דערשטוינונג און פאַרדרוס אין לאַנד, ווייל קלוידיוס איז געווען באַקאַנט פאַר אַ פאַרדאָרבענעם מענטשן. מע האָט אים אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז דאָס האָט ער פאַרסמט זיין ברודער, כּדי צו באַשטייגן זיין טראָן און חתונה צו האָבן מיט זיין פרוי.

דעם טיפסטן און שווערסטן איינדרוק האָט די גאַנצע געשיכטע געמאַכט אויף דעם יונגן פּרינץ ה אַ מ ל ע ט, וועלכער האָט פאַרגעטערט זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. באַזונדערס האָט האַמלעטן געפּייניקט די האַנדלונג פון זיין מוטער, וועלכע האָט אַזוי שענדלעך באַליידיקט דעם זכּרון פון איר מאַן; אויך די האַנדלונג פונם פעטער האָט האַמלעטן טיף געקרענקט. אַמאָל האָט ער אים געשעצט אַלס זיין פאָטערס ברודער און אין אים ניט געזוכט קיין חסרונות. איצט האָט ער שטאַרק גענומען צווייפלען אין זיין אָרנטלעכקייט. די אַלע געשעענישן ווי אויך דער פאַרלוסט פון דעם טראָן, האָבן צעשטערט די גאַנצע פריילעכע וועלט פאַר דעם יונגן האַמלעט. ער איז געוואָרן מרה־שחורהדיק און האָט פאַרלאָרן יעדן אינטערעס צו אַלץ אַרום אים.

די קיניגין האָט אָנגעווענדעט אַלץ, וואָס ס'איז מיגלעך, כּדי אים אויפֿצומונטערן, אָבער ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. ער פלעגט דערשיינען אין הויף געקליידעט אין שוואַרצן אַלס סימן פון טרויער נאָכן פאָטער. די דאָזיקע קליידער האָט ער ניט אַראָפּגענומען אפילו אין דעם טאָג פון זיין מוטערס חתונה.

האַמלעט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגיין גענוי די סיבה פון זיין פאָטערס טויט. קלוידיוס האָט פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז זיין ברודער, דער קיניג, איז געשטאָרבן פון אַ שלאַנגען־ביס. האַמלעט האָט אָבער געוואָרפן אַ חשד אויף קלוידיוסן, אַז די שלאַנג איז געווען ער — קלוידיוס אַליין. אויף וויפיל דער חשד איז ריכטיק, האָט האַמלעט ניט געוווסט, נאָר די ספקות האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין מעלאַנכאָליע.

אין דער צייט, ווען די שוידערהאַפטע געדאַנקען האָבן געפּלאָגט דעם אומגליקלעכן יונגן פּרינץ, האָט ער זיך דערוווסט, אַז אַ גייסט, וועלכער איז ענלעך צו זיין פאָטער, איז אייניקע מאָל ערשינען פאַר דער וואַך פון פּאַלאַץ. מע האָט האַמלעטן דערציילט, אַז דער גייסט דערשיינט פּונקט אום האַלבער נאַכט, אין אַ פּאַנצער, וואָס איז ענלעך צום פּאַנצער פון זיין פאָטער, אַז דאָס פּנים פונם גייסט דריקט אויס מער שמערץ ווי צאָרן, אַז די באָרד ביי אים איז צעשויבערט און האָט אַ מין זילבערנעם קאָליר אַקוראַט ווי ביים פאַרשטאָרבענעם קיניג.

אויף אַלע פראַגן האָט דער גייסט גאָרנישט ניט געענטפערט. בלויז איינמאָל האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן ריידן. אָבער פּונקט דעמאָלט האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, דער האָן האָט אַ קריי געטאָן און דער גייסט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

צווישן די, וואָס האָבן די דערשיינונג געזען, איז געווען אויך האָראַציאָ, האַמלעטס בעסטער פריינד, צו וועלכן ער האָט געהאַט גרויס צוטרוי. דער אויפֿגערעגטער פּרינץ איז געווען זיכער, אַז דאָס איז זיין פאָטערס גייסט. ער האָט באַשלאָסן צו וואַכן צוזאַמען מיט די וועכטער ביינאַכט, כּדי צו האָבן אַ מיגלעכקייט זיך צו באַגעגענען מיט דעם גייסט. האַמלעט האָט זיך געטראַכט, אַז דער גייסט קומט ניט אומזיסט, אַז ער האָט געוויס עפּעס וויכטיקעס מיטצוטיילן, אַז, הגם ער האָט נאָך צו קיינעם ניט גערעדט, וועט ער אָבער צו אים, האַמלעטן, יאָ ריידן. האַמלעט האָט אַלזאָ געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד אויף דער נאַכט. ווען די נאַכט איז ענדלעך געקומען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט האָראַציאָן און מאַרצעליוסן, איינעם פון די וועכטער, אויף דעם אָרט, ווו דער גייסט פלעגט דערשיינען, כּדי אָפּצוּוואַרטן אים.

די קומענדיקע סצענעס שטעלן פאַר די באַגעגעניש פון האַמלעטן מיטן גייסט.

ערשטער אקט.

פערטע סצענע.

די טעראַסע.

האַמלעט, האָראַציאָ, מאַרצעלוס.

האַמלעט: דער פראָסט שניידט ווי מיט מעסער ביז צום ביין.
האָראַציאָ: דער ווינט נעמט דורך אַ יעדן גליד.
האַמלעט: ווי שפּעט איז איצט?
האָראַציאָ: איך גלויב, ס'איז נאָענט שוין צו האַלבער נאַכט.
מאַרצעלוס: ניין, ס'האָט שוין אויסגעשלאָגן האַלבע נאַכט.
האָראַציאָ: ס'האָט שוין געשלאָגן? איך האָב ניט געהערט.
דאַן איז שוין נאָנט די צייט, ווען עס באַווייזט זיך.

(טראָמפּייטן שאַלן און קאַנאָנען קראַכן הינטער דער סצענע.)

האָראַציאָ: וואָס מיינט עס, פּרינץ?
האַמלעט. דער קיניג וואַכט ביינאַכט ביי זיין געטראַנק,
און יעדן בעכער רייַנוויין, וואָס ער גיסט אַריין,
באַגלייט דער קעסלפּויק און שאַלט טראָמפּייט,
זיין זיג באַקאַנט צו מאַכן פאַר דער וועלט.
האָראַציאָ: צי פירט זיך דאָ אַזוי אין לאַנד?
האַמלעט: יאָ, יאָ, אַזוי;
נאָר לויט מיין מיינונג, וואָלט פיל גלייכער זיין—
ניט קוקנדיק וואָס איך בין דאָ אין לאַנד
געבאָרן און דערצויגן און דערצו געוווינט—
די פירונג אָפּצושאַפן, איידער אָנהאַלטן...
דאָס זויפן און די לוסטיקייט מאַכט אונדז צו שפּאָט
ביי אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט.
זיי האָבן פאַר אונדז בלויז איין נאָמען: „זויפער!"

(דער גייסט ערשיינט)

האָראַציאָ: אָ, זעט נאָר, פּרינץ, עס קומט!
האַמלעט: מלאָכים ליכטיקע, באַשירעמט אונדז!
ביסטו אַ ריינער גייסט צי אַ פאַרפלוכטער?
קומסטו אין קלאָרער הימלסלופט געהילט,
צי גאָר אין רויך פון גיהנם איינגעוויקלט?
ערשיינסט פאַר מיר דאָ אין אַזאַ וווּנדערלעך געשטאַלט—
אַז איך מוז ריידן צו דיר: כ'רוף דיך האַמלעט,
מיין פאָטער און מיין קיניג: ענטפער מיר!
ניט לאָז מיך אויסגיין אין אומוויסנהייט;

פאַרוואָס, זאָג, האָבּן דיינע ביינער הייליקע
צעריסן זייער לעצטן אָנטאָן? זאָג, פאַרוואָס
די שטומע טיפע גרוב, אין וועלכער מיר האָבּן
געזען דיך ליגנדיק א שווייגנדיקן —
האָט איצט איר מאַרמאָרנעם און שווערן שלונד
צעעפנט ברייט און דיך אַרויסגעשפּיגן?
זאָג, וואָס באַטייט דיין אומוואַנדלען אַ טויטער,
באַוואָפנט שווער ביים שיין פון דער לבנה —
און פּילסט מיט שוידער אָן די שטילע נאַכט.
און מיר, באַגרענעצט פון דער נאַטור, מיר שטייען
ערשטוינט, די הערצער פול מיט בייזער שרעק —
פול זאַכן, וואָס מיר קאָנען ניט באַגרייפן?
פאַרוואָס, אָ, זאָג, פאַרוואָס? וואָס זאָל איך טאָן?

(דער גייסט ווינקט צו האמלעטן.)

האָראַציאָ: ער רופט אייך, איר זאָלט גיין מיט אים —
אזוי ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אייך פאַרטרויען.

מאַרצעלוס: און זעט נאָר, פּרינץ, ווי פריינדלעך ס'איז זיין שמייכל.
ער רופט אייך ערגעץ צו אַן אָפּגעלייגטן פּלאַץ.
איר טאָרט ניט גיין מיט אים.

האָראַציאָ: אויף קיין פאַל ניט.

האַמלעט: ער וויל ניט ריידן דאָ — דאַן מוז איך גיין נאָך אים.

האָראַציאָ: ניט גייט, מיין פּרינץ.

האַמלעט: וואָס האָב איך צו פאַרלירן?
עס האָט מיין לעבּן סיי ווי ניט קיין ווערט —
און וואָס אַזוינס קען ער צו מיין נשמה טאָן —
זי איז דאָך אומשטערבּלעך, ווי ס'איז דער גייסט.
ער רופט מיך ווידער — איך מוז נאָכפאָלגן.

האָראַציאָ: און וואָס — אויב ער וועט אייך צום ים פאַרנאַרן,
צי גאָר דאָרט אויפן שפּיץ פון הויכן פעלזן,
וואָס בויגט זיך מורא'דיג דעם הויכן ים אַריבּער?
עס קאָן דאָרט אָננעמען אַן אַנדער אויסזען,
וואָס קאָן אייך פון דעם זין אַראָפּפירן;
דער פּלאַץ אַליין קאָן ברענגען צו פאַרצווייפלונג
דעם מענטש, וואָס קוקט אַראָפּ צום טיפן אָפּגרונד
און הערט אים אונטן רוישן.

האַמלעט: ס'רופט מיך אַלץ;
גיי ווייטער און איך קום.

מאַרצעלוס: איר טאָרט ניט, פּרינץ.

האַמלעט: נעמט צו די הענט.

האָראַציאָ: איך בעט אייך, גייט ניט, פּרינץ.

האַמלעט: מיין שיקזאַל רופט, מאַכט יעדן מוסקול שטייף,
ווי שטייף עס איז דער מוסקול פון אַ לייב.

ער רופט מיך אַלײן — לאָזט אָפּ — איך שווער ביי גאָט,
כ'וועל יענעם פון אייך אין אַ גייסט פאַרוואַנדלען,
וואָס וועט מיך וואַגן אָפּהאַלטן. פאָרויס!
איך קום נאָך דיר.

(גייסט און האַמלעט אָפּ.)

האָראַציאָ: ער איז געריררט פון זין!
מאַרצעלוס: מיר מוזן נאָכפאָלגן!
מיר האָבן ניט געטאָרט אים לאָזן גיין.
האָראַציאָ: קום שנעל; וואָס ס'וועט פון דעם זיך אויסלאָזן?
מאַרצעלוס: ס'איז עפּעס פויל אין דער מלוכה דענעמאַרק.
האָראַציאָ: זאָל גאָט דערבאַרמען זיך.
מאַרצעלוס: קום לאָמיר גיין. (אָפּ.)

פינפטע סצענע.

אַן אָפּגעלייגטער ווינקל פון דער טעראַסע.

גייסט, האַמלעט.

האַמלעט: וווהין, זאָג, פירסטו מיך? איך גיי ניט ווייטער!
גייסט: אָ, האָרך!
האַמלעט: איך הער!
גייסט: ס'איז נאָענט די שעה, ווען איך מוז ווידער זיך צום שוועבלדיקן
פלאַם פון גיהנום אומקערן.
האַמלעט: אָ, אָרעמער גייסט!
גייסט: ניט מיטלייד וויל איך — האָרך נאָר אויפמערקזאַם,
וואָס איך וועל דיר אַנטפּלעקן.
האַמלעט: ס'איז מיין פליכט.
גייסט: און אויך נקמה נעמען — ווען דו וועסט דערהערן.
האַמלעט: וואָס?
גייסט: איך בין דיין פאָטערס גייסט;
פאַרמשפּט אומצוּוואַנדלען דורך די נעכט
און דורך די טעג צו בראָטן זיך אין גיהנום —
ביז ס'וועלן מיינע זינד, באַגאַנגען אויף דער וועלט,
געלייטערט זיין. וואָלט ניט געווען פאַרבאָטן
די סודות פון מיין תּפיסה דיר אַנטפּלעקן —
וואָלט איך אַזאַ געשיכטע דיר דערציילט,
אַז ס'וואָלט דאָס וואָרט דאָס לייכטסטע דיך צעדריקט;
עס וואָלט פאַרפרירט דיין קאָכיק בלוט אין לייב;
עס וואָלט די אויגן דיינע פון די לעכער
אַרויסגעפּרעסט, ווי שטערן פון זייער ספערע;
און איטלעך האָר פון דיינע קרויזנדיקע לאָקן

וואָלט זיך באַזונדער, ווי אַ נאָדל, אויפגעשטעלט.
נאָר ס'איז ניט צום געהער פון פלייש און בלוט
אַזוינס גאָר צו פאַרנעמען; הערך, אָ, הערך!
אויב דו האָסט ווען געליבט דיין פאָטער —

האַמלעט: אָ, גאָט!

גייסט. נעם ראַכע פאַר דעם שוידערלעכן מאָרד!

האַמלעט: מאָרד?

גייסט. אַ מאָרד אַ שענדלעכער ווי יעדער מאָרד —
נאָר מיין ערמאָרדונג איז נאָך גרויזאַמער!

האַמלעט: דערצייל געשווינד! אויף פליגל פון געדאַנק
צי ווי אין ליבעס פאַנטאַזיע, זאָל איך
צו ראַכע איילן.

גייסט: כ'זע דו ביסט באַרייט:
און טעמפּער פונם ראָר וואָלסטו געווען,
וואָס שלאָפט זיך רויק אויפן ברעג פון לעטאַ —
ווען דו וואָלסט ניט ערוואַכט. איצט, האַמלעט, הערך:
מע האָט באַקאַנט געמאַכט, אַז שלאָפנדיק
האָט מיך אַ שלאַנג געביסן אין מיין גאָרטן;
אַזוי האָט מען גאַנץ דענעמאַרק גענאַרט —
נאָר ווייס, אָ, האַמלעט איידעלער: דער שלאַנג,
וואָס האָט דיין פאָטער אינם שלאָף געביסן —
טראָגט איצט זיין קרוין.

האַמלעט: אָ, מיין פאַרדאַכט! מיין אָנקל?

גייסט: יאָ, ער; דער פאַלשער בלוט־שענדער, מיין ברודער,
דורך זיין פאַרפירערישער קראַפט און קונסט —
אָ, שוידערלעכע קונסט, וואָס האָט די קראַפט
אַזוי צו פאַרפירן — האָט ער צו זינד געוווּנען
די שיינבאַר טוגענדלעכע קיניגין.
אָ, האַמלעט, דענק, ווי טיף זי איז געזונקען!
אָן מיר, וואָס האָט געליבט זי טריי און הייליק,
אַזוי ווי ס'איז די שבועה ביים אַלטאַר —
פאַרגעסן מיך — אין זיינע אָרעמס זינקען!...
נאָר שאַ! מיר דאַכט, עס בלאָזט אַ מאָרגן־ווינטל;
איך מוז זיין קורץ.
ווי מיין געוווינהייט, יעדן טאָג נאָכמיטאָג,
האָב איך אין גאָרטן שטיל געשלאָפן,
האָט זיך דיין אָנקל אומבאַמערקט פאַרגנבעט
מיט גיפט פון קרייטער פון פאַרשאָלטענע;
ער האָט אין אויער מיר די גיפט געגאָסן,
וואָס שטייט אין שנאה מיטן מענטשנס בלוט;
וואָס פלינק, ווי קוועקזילבער, לויפט עס אַדורך
אין אַלע עפּענונגען, קאַנאַלן פונם קערפּער;
די גיפט האָט מיטן אויגנבליק באַדעקט
מיט ניט קיין ריינעם, עקלהאַפטן אויסשיט

מיין צאַרטן קערפּער—און אַזוי בין איך
געוואָרן אין מיין שלאָף, פון ברודערס האַנט,
פון לעבן, קרוין און קיניגין באַרויבט;
אינמיטן בליען פון מיין זינד פאַרשניטן
אָן ווידוי, אָן פאַרגעבונג, ניט געזאַלבט מיט איול;
קיין רעכענונג געמאַכט, נאָר אָפּגעשיקט
צו גאָטס געריכט מיט אַלע מיינע זינד.
אָ, שוידערלעך! אָ, שוידערלעך! העכסט שוידערלעך!
אויב דו האָסט האַרץ אין זיך—פאַרשווייג עס ניט!
נאָר איינס געדענק: ווי שטאַרק דו זאָלסט ניט גאַרן
צו נעמען ראַכע—ניט פאַרפלעק דיין גייסט
צו דענקען ראַכע נעמען פון דיין מוטער:
לאָז איבער זי צו גאָט און צו די דערנער,
וואָס בליען אין איר האַרצן זיך פונאַנדער.
פאַרבלייב געזונט; די גלי־ווערים דערציילן מיר,
אַז ס'איז דער מאָרגן נאָענט. אויף מזרח־בערג
הויבט אָן זיין שוואַכע ליכט צו גליען שוין.
אַדיע, אַדיע, אַדיע! געדענק אָן מיר! (גייסט פאַרשווינדט.)

האַמלעט: אָ, הימלס הערשאַפטן! אָ, ערד! וואָס נאָך?
זאָל איך דעם גיהנם אויך רופן? נאָר שטיל,
זיי שטיל, מיין האַרץ! און איר, די נערוון מיינע,
ניט ווערט פאַרעלטערט! טראָגט מיך פעסט און שטייף!
כּל זמן זכּרון לעבט ביי מיר אין מוח—
וועל איך דיך ניט פאַרגעסן. דיך געדענקען!
איך וועל פון בלאַט פון מיין זכרון אָפּווישן
אַלץ, אַלץ, וואָס ס'האָט דאָס לעבן דאָרט פאַרשריבן—
די ביכער, בילדער, איינדרוקן, געפילן,
וואָס האָט דאָס לעבן און באַאָבאַכטונג פאַרקריצט—
דיין איינציקער געבאָט אַליין זאָל לעבן!
זאָל לעבן אינעם בוך פון מיין געהירן
מיט זאַכן איינפאַכע ניט אויסגעמישט;
איך שווער ביי גאָט. אָ, פרוי—פאַרברעכערין!
אָ, מערדער! שמייכלענדער, פאַרפלוכטער מערדער,
ווו איז מיין שרייב־געצייג? איך וועל פאַרשרייבן,
אַז ס'קאָן פאַרלויפן אויף דער וועלט: אַ מאַן
זאָל שמייכלען, שמייכלען—און אַ מערדער זיין!
צום ווייניקסטן, אין דענעמאַרק איז עס מעגלעך.
(שרייבט) „איך האָב דיך, אָנקל, אין מיין האַנט,
דו האָסט מיין וואָרט:
אַדיע, אַדיע, געדענק אָן מיר".
איך האָב געשוואָרן.

———

צוריקקומענדיק צו די חברים, האָט זיי האמלעט מיטגעטיילט וועגן דעם געשפּרעך מיטן גייסט און באַשוואָרן, זיי זאָלן פאַר קיינעם ניט דאַכטן פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין יענער נאַכט.

נאָך דער באַגעגעניש מיטן גייסט איז האמלעט געווען באַהערשט נאָר פון איין פאַרלאַנג—צו דערגיין, אויב ס'איז ריכטיק, וואָס דער גייסט האָט געזאָגט, און זיך נוקם זיין אָן דעם פעטער, דעם מערדער פון זיין פאָטער.

מורא האָבנדיק, אַז דער פעטער זאָל ניט פאַרשטיין זיינע כונות, האָט האמלעט אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָל פון אַ משוגענעם. ער האָט געשפּילט די ראָל אַזוי גוט, אַז דער קיניג מיט דער קיניגין האָבן געגלויבט, אַז ער איז באמת משוגע. זיי האָבן נאָר געמיינט, אַז די סיבה פון זיין משוגעת איז די ליבע צו אָפעליאַן.

האמלעט האָט טאַקע געליבט די שיינע אָפעליאַ, די טאָכטער פון דעם קיניגס הויפּט-יועץ פּאָלאָניוסן.

אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע האָט האמלעט דערשטיקט אין זיך די ליבע און אויך פאַר אָפעליאַן געשפּילט די ראָל פון אַ משוגענעם און זי אָפטמאָל גראָב באַהאַנדלט. זי האָט אים אַלץ מוחל געווען, ווייל זי האָט דאָס דערקלערט מיט זיין קראַנקייט.

גראָד אין יענער צייט זיינען אין קיניגלעכן הויף געקומען צופאָרן שוישפּילער, וועלכע האָבן אַמאָל אַמוזירט האמלעטן מיט זייערע פאָרשטעלונגען. איינער פון די שפּילער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין נאַטירלעכן און געפילפולן אַרט פון דעקלאַמירן. אויך איצט האָט ער פאַר האמלעטן מיט גרויס באַגייסטערונג און מיט טרערן אין די אויגן דעקלאַמירט די סצענעס פון פּריאַמס טויט און העקובאַס צער.

די דעקלאַמאַציע פון דעם שוישפּילער האָט אויף האמלעטן געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם, האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ כוואַליע געדאַנקען און געפילן וועלכע ער דריקט אויס אין פאָלגנדיקן מאָנאָלאָג:

האַמלעט: וואָס פאַר אַ נידריקער, געמיינער שקלאַף איך בין!
איז דאָס ניט וואונדערבאַר: דער שפּילער דאָ
האָט אין דער אויסגעטראַכטער זאַך, אין חלום בלויז
מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעטאָן — און ס׳איז
זיין פּנים פון אַ פרעמדן לייד געוואָרן בלאַס
און טרערן ציטערן אין זיינע אויגן,
און די געזיכטסציגע פאַרקרימט פון צער,
זיין קול געבראָכן, און זיין גאַנצער גוף
האָט צוגעפּאַסט זיך צו זיין לייד. און צוליב וואָס?
צוליב העקובאַ!
וואָס איז העקובאַ זיינע—אָדער ער העקובאַס,
אַז ער זאָלליידן? וואָס וואָלט ער געטאָן,
ווען ער וואָלט מיינע אורזאַכן געהאַט?
ער וואָלט מיט טרערן דאַן פאַרשווענקט די סצענע
און מיט אַ וואָרט אַ שוידערלעך פאַרטויבט
וואָלט ער די צושויער: די שולדיקע
ביז משוגעת דערפירט, די אומשולדיקע
געוואָרפן אין אַ שרעק, דעם גאָרניט־וויסנדן
דערשטוינט. און אויג און אויער איבערראַשט!
און איך—
וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקער בין איך—
טראָג זיך אַרום מיט אומפרוכטבאַרע טרוימען,
און האָב ניט וואָס צו זאָגן; ניין, אפילו ניט
איין וואָרט, זיך איינצושטעלן פאַר אַ קיניג,
אויף וועמעס טראָן און לעבן ס׳איז באַגאַנגען
אַ הימל־שרייענדיק פאַרברעך געוואָרן.
בין איך אַ פּחדן? האַ, ווער רופט מיך אויסוורף?
ווער וואַגט מיין מוח מיר אויף שטיק צו שפּאַלטן?
ווער צופּט מיין באָרד און שפּייט מיר אין געזיכט?
ווער שטופּט דעם שקר מיר אַריין אין האַלדז
ביז צו מיין לונג? ווער וואַגט עס טאָן? האַ, האַ!
איך בין עס ווערט! ביי גאָט, עס איז ניט אַנדערש,
אַז איך פאַרמאָג אַ האָזן־האַרץ, פאַרמאָג
קיין גאַל אין זיך, וואָס זאָל פאַרביטערן מיין לעבן.
ווען ניט—וואָלט איך שוין מיט זיין פּגר זאַט געמאַכט
דעם שוואַרצן ראָב.—
די שמאַך און שאַנד! ווער טעטיק מיין פאַרשטאַנד!
הם! כ׳האָב געהערט, ניט איינמאָל האָט פּאַסירט,
אַז ס׳האָט פאַרברעכער אַזוי טיף גערירט,
ווען זיי האָבן אַ קונסטשטיק בייגעווינט—
אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן זייער זינד.
ס׳איז שטום דער מאָרד—דאַן מוז ער צייטנווייז

זיך אויף אַ וווּנדערבאַרן וועג אַרויסזאָגן.
די שפּילער זאָלן עפּעס אויפפירן פאַר אים
אַזוינס, וואָס ענלעכס צו מיין פאָטערס טויט;
כ׳וועל איינזאַפּן זיין יעדן בליק, באַוועגונג,
און אויספאָרשטן, וואָס טוט זיך אין זיין האַרצן.
וועל איך דערגיין—דאַן ווייס איך וואָס צו טאָן.
דער גייסט, וואָס כ׳האָב געזען—קען זיין דער שטן:
ער קען אין יעדן אויסזען זיך פאַרשטעלן;
כ׳בין מיד און טרויעריק ... ער האָט די שליטה
אויף ליידנדע און עלנטע נשמות...
און וויל מיך פאַנגען אין זיין נעץ פון זינד
דעריבער דאַרף איך שטאַרקערע באַווייזן.
די פאָרשטעלונג וועט מיינע ספקות שליסן,
דאָס וועט די פראָבע זיין פאַר זיין געוויסן. (אפּ)

האמלעט האָט באַשטעלט ביי די שוישפּילער, זיי זאָלן מאָרגן אויספירן די פּיעסע—„די דערמאָרדונג פון גאָנזאַגאָ, דעם פירשט פון ווין״, אין וועלכער ער וויל אריינשטעלן עטלעכע טוץ אייגענע סטראָפן. אין דער פּיעסע ווערט פאָרגעשטעלט, ווי דעם פירשטס אַ נאָענטער קרוב, לוציאנוס, פאַרגיפטעט דעם פירשט אין זיין גאָרטן, פאַרנעמט זיין טראָן און האָט אין אַ קורצער צייט אַרום חתונה מיט זיין פרוי.

אין דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג, מיט עטלעכע שעה פריער, טרעפן זיך צונויף אין אַ צימער פון קיניגס שלאָס דער קיניג, די קיניגין, פּאָלאָניוס מיט אָפעליאַן, ראָזנקראַנץ און גילדנשטערן, האמלעטס צוויי געוועזענע חברים, וועלכע דער קיניג האָט געשיקט צו האמלעטן, זיי זאָלן זען דערגיין, „וואָס פאַר אַן אומגליק גיט אים ניט קיין רו און טרייבט אים אויף געפאַר און משוגעת״. די חברים גיבן איבער, אַז „ער האָט זיי מיט אַ שפּיציק ווערטל אָפּגעשלאָגן״ און די סיבה פון זיין משוגעת האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן צו דערגיין. זיי דערציילן אויך, אַז ער האָט זיך דערפרייט מיט די שוישפּילער, וואָס זיינען אָנגעקומען, און האָט באַשטעלט ביי זיי אַ פאָרשטעלונג. פּאָלאָניוס גיט ביי דער געלעגנהייט איבער, אַז האמלעט האָט אויך דעם קיניג מיט דער קיניגין געבעטן קומען צו דער פאָרשטעלונג. דער קיניג נעמט אָן די איינלאַדונג. ראָזנקראַנץ און גילדנשטערן פאַרלאָזן דעם צימער. דער קיניג בעט אויך די קיניגין פאַרלאָזן זיי, ווייל ער וויל דאָ איינאָרדענען אַ כלומרשט צופעליקע באַגעגעניש צווישן אָפעליאַן מיט האמלעטן. ער און פּאָלאָניוס וועלן זיך באַהאַלטן אין זעלביקן צימער און באַאָבאַכטן האמלעטס אויפפירונג, זען, צי ער איז טאַקע קראַנק פון ליבע. לויט דער אָנווייזונג פון פאָטער זעצט זיך אָפעליאַ כלומרשט לייענען אַ בוך. עס דערהערן זיך האמלעטס טריט. דער קיניג און פּאָלאָניוס באַהאַלטן זיך אויף גיך. האמלעט טרעט אויף.

דריטער אקט.

ערשטע סצענע.

אַ צימער אין שלאָס.

האַמלעט.

האַמלעט: זיין אָדער ניט זיין? אָט וואָס ס'איז די פראַגע.
איז איידעלער פאַרן געמיט פאַרטראָגן שטיל
דעם שליידער־שטיין און פייל פון בייזן מזל,
צי זיך באַוואָפענען אַנטקעגן ים פון לייד
און ענדיקן דעם קאַמף? אָ, שטאַרבן! שלאָפן!
דאָס גאָר! און וויסן, אַז מיר מאַכן דורכן שלאָף
אַ סוף צו אונדזער האַרצווייטאָג און ווונדן,
וואָס ס'איז דער גורל פון אַ יעדן מענטשן!
דאָס איז דער העכסטער ציל צו זיין געגאַרט!
אָ, טיף־באַגערטער שלאָף! שטאַרבן? שלאָפן?
יאָ, שלאָפן; אפשר חלומען אין שלאָף—
אָט ווו דער אומגליק איז; ווייל אין דעם טויטנשלאָף,
ווען מיר וועלן די לעבנסקייטן אָפּטרייסלען—
ווער ווייסט, וואָס פאַר חלומות מירן זען?
אָט וואָס פאַרצאַמט דעם ווייטערדיקן וועג
און ציט דעם אומגליק דורכן לעבן לאַנג.
ווער וואָלט דעם בייטש פון לעבן דען פאַרטראָגן,
דאָס רעכט פון אומרעכט, יאָך פון אונטערדריקער,
דאָס שפּאָטן פון בעל־גאוה, און די טיפע וווּנד
פון אומגליקלעכער ליבע, אומבאַשטראָפטע זינד,
באַליידיקונג פון אויסגעלאַכטער טוגנט,
וואָס טראָגט דעם מוטוויליקנס שפּאָט אַריבער—
ווען ער אַליין זאָל קאָנען רו געפינען,
און מיט איין מעסער־שטאָך, אין אויגנבליק,
געקאָנט פון אַלעליידן זיך באַפרייען?
ווער וואָלט די לאַסט פון לעבן אויף זיך טראָגן,
ווער וואָלט אונטער דעם שווערן יאָך געקניט זיך—
ווען ניט די שרעק פאַר עפּעס נאָכן טויט,
פון אומערפאָרשטן לאַנד, פון וועלכן ס'האָט
קיין איינער נאָך ביז היינט צוריקגעקערט—
און מיר פאַרטראָגן בעסער אונדזער לייד
ווי אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד אַנטלויפן.
אַזוי מאַכט דאָס באַוווּסטזיין פון אונדז שקלאַפן
און ס'ווערט די איינגעבאָרענע רויטקייט פון אַנטשלוס
פאַרצויגן מיט אַ קרענקלעך בלאַסקייט פון געדאַנק.
און אונטערנעמונגען פון הויכן ראַנג און שווונג,
זיי מוזן אָפּלענקען פון זייער וועג—
און בלייבן ניט פאַרווירקלעכט.

האמלעט באמערקט אפעליאן, הייבט אן מיט איר א שמועס. אין דעם שמועס דריקט האמלעט אויס דיזעלביקע געדאנקען, וואס אין מאנאלאג, אבער אין אזא מטושטשער פארם, אז אפעליא פארשטייט אים ניט און מיינט, אז ער איז באמת משוגע.

נאר דעם קיניג ווערט אלץ קלאר און נאך האמלעטס אוועקגיין זאגט ער צו פאלאניוסן:

— ניין, זיין קראנקייט איז ניט ליבע!
אויך זיינע ווערטער—אויב ניט גאר קלאר,
דאך ניט משוגע. ס'ליגט וואס אין זיין הארצן,
אויף וואס זיין שווער געמיט זיצט בריענדיק;
און איך האב מורא—ס'וועט זיך אויסבריען
וואס ס'איז געפערלעכעס״.

כדי צו פארמיידן די געפאר, מעלדעט דער קיניג, אז ער האט באשלאסן אוועקצושיקן האמלעטן קיין ענגלאנד. ער האפט, אז די נייע איינדריקן, וואס האמלעט וועט באקומען אונטערוועגנס, וועלן ארויסשטופן פון אים דעם בייזן גייסט.

פאלאניוס ראט אויסצופרובירן נאך א מיטל: נאך דער פארשטעלונג זאל די קיניגין פארבעטן האמלעטן צו זיך און בעטן אים, ער זאל פאר איר אנטפלעקן זיין שווער הארץ. ער, פאלאניוס, וועט זיך באהאלטן ביי איר אין צימער, כדי אונטערצוהערן דעם געשפרעך. אויב דעמאלט וועט זיך אויך ניט איינגעבן צו דערגיין די סיבה פון זיין קראנקייט, דאן זאל אים דער קיניג שיקן קיין ענגלאנד אדער אפילו איינשפארן אין תפיסה.

די צייט פון דער פארשטעלונג איז געקומען. מיט א ווילע פארדעם דערציילט האמלעט זיין פריינד הארציא, אז ער גייט געבן א פיעסע, וואס שטעלט פאר א געשיכטע, ענלעך צו זיין פאטערס דערמארדונג. ער בעט הארציאן אין דער צייט פון שפילן שארף באאבאכטן דעם קיניג און דערנאך אים דערציילן, וואס ער האט באמערקט.

אין אנוועזנהייט פון דעם קיניג און דער קיניגין און אלע הויפלייט הייבט זיך די פיעסע אן

אין קיניגסגארטן שפאצירט ארום דער קיניג גאנזאגא מיט זיין פרוי. די פרוי פארזיכערט אים אין איר ליבע און שווערט צו בלייבן אים טריי אייביק, אפילו נאך זיין טויט. דער קיניג בעט די קיניגין אים פארלאזן, ווייל ער איז מיד און וויל א ביסל איינדרעמלען. זי גייט אוועק. דאן קומט אן לוציאנוס, דעם קיניגס קרוב און גיסט אריין דעם שלאפעדיקן קיניג גיפט אין אויער.

ביי דערדאזיקער סצענע פילט זיך האמלעטס פעטער געטראפן. ער ווערט שרעקלעך אויפגעבראכט, שטעלט זיך אויף, הייסט מאכן ליכטיק און פארלאזט דעם זאל. אים פאלגן אלע הויפלייט. די פארשטעלונג ווערט איבערגעריסן.

האמלעט און הארציא, וועלכע האבן די גאנצע צייט באאבאכטעט דעם קיניג מיט דער קיניגין, זעען איין, אז סאיז קיין ספק ניט, אז דער גייסט האט האמלעטן געזאגט דעם ריינעם אמת.

עס קומען אן ראזנקראנץ און גילדנשטערן. זיי גיבן איבער האמלעטן, אז זיין מוטער, די קיניגין, האט אים געבעטן קומען צו איר אין צימער. זי וויל זיך מיט אים דורכריידן. זיי באמיען זיך אגב אורחא צו דערגיין די סיבה פון זיין שווער געמיט. אבער האמלעט, וואס האט שוין לאנג פארשטאנען, אז זיי זיינען אונטערגעשיקט צו אים פון קיניג, גיט זיי קיין ענטפער ניט.

פערטע סצענע.

דער קיניגינס שלאָפצימער.

קיניגין פאָלאָניוס, האַמלעט.

פאָלאָניוס: ער קומט באַלד אָן; פאַרהאַלט זיך שטרענג צו אים:
איר שטראָפט אים אויס, אַז ס'איז אוממיגלעך שוין
זיין חוצפה צו פאַרטראָגן, אַז איר האָט גענוג
פאַר אים זיך פאַרן קיניג איינגעשטעלט.
איך וועל מיך דאָ באַהאַלטן. שוינט אים ניט.

האַמלעט: (הינטער דער סצענע) מוטער! מוטער! מוטער!

קיניגין: לאָזט די זאַך צו מיר.
ניט זאָרגט פאַר מיר. אָט קומט ער אָן; באַהאַלט זיך.
(פאָלאָניוס באַהאַלט זיך הינטערן פאָרהאַנג. האַמלעט טרעט אויף).

האַמלעט: איצט, מוטער, רעדט: וואָס האָט איר מיך געדאַרפט?

קיניגין: האַמלעט,
דו האָסט דיין פאָטער ביז אין בלוט באַליידיקט.

האַמלעט: מוטער,
דו האָסט מיין פאָטער ביז אין בלוט באַליידיקט.

קיניגין: גענוג, דו ענטפערסט מיט אַ בייזוויליקער צונג.

האַמלעט: גענוג, דו פרעגסט מיך מיט אַ בייזער צונג.

קיניגין: וואָס מיינסטו זאָגן, האַמלעט?

האַמלעט: וואָס מיינסטו?

קיניגין: האָסטו מיך גאָר פאַרגעסן?

האַמלעט: ניין, ביי גאָט;
דו ביסט די קיניגין, דאָס ווייב פון דיין מאַנס ברודער,
און, וואָלסטו עס ניט געווען, דו ביסט מיין מוטער.

קיניגין: איך קאָן ניט—לאָז אַ צווייטער מיט דיר ריידן.

האַמלעט: וואַרט אויף איין וויילע, דו וועסט ניט גיין פון אָרט
ביז איך וועל דיר אַ שפּיגל דאָ באַווייזן—
דו זאָלסט דיין נאַקעטע נשמה דאָרט דערזען.

קיניגין: וואָס ווילסטו טאָן? מיך טויטן דאָ? העלפט! העלפט!

פאָלאָניוס: (הינטער דעם פאָרהאַנג) העלפט! העלפט!

האַמלעט: ווער איז? אַ מויז?
זיין לעבן איז ניט ווערט קיין גראָשן. טויט!
(שטעכט דורך דעם פאָרהאַנג מיטן שווערד.)

פאָלאָניוס: (הינטערן פאָרהאַנג) אָ, איך בין טויט! (פאַלט טויט.)

קיניגין: אָ, ווי צו מיר! וואָס האָסטו איצט געטאָן?!

האַמלעט: איך ווייס ניט וואָס; דער קיניג?

קיניגין: וואָס פאַר אַ מאָרד אַ בלוטיקן דו האָסט באַגאַנגען!

האַמלעט: ס׳איז בלוטיק באַלד אַזוי ווי, מוטער טייערע,
אַ קיניג טויטן און זיין ברודער הייראַטן.

קיניגין: אַ קיניג טויטן?

האַמלעט: יאָ, אַזוי האָב איך געזאָגט.
(הייבט אויף דעם פאָרהאַנג און דערזעט פּאָלאָניוסן.)
דו אָרעמער און איבעראיילטער, צודרינגלעכער נאַר,—
אדיע.
כ׳האָב דיך פאַר עמיץ אַנדערש אָנגענומען,
נעם צו דיין שיקזאַל: זעסט, צו שטעקן אומעטום
איז צייטנווייז געפערלעך. (דער קיניגין) דו הער אויף
די הענט אַזוי צו ברעכן. שטילער זיך:
איך וויל בעסער דיין האַרץ אויף שטיק צעברעכן,
און כ׳וועל עס אויספירן, אויב ס׳איז פון פלייש און בלוט—
אויב נאָר דיין האַרץ איז ניט אינגאַנצן שטיין
און קאָן נאָך זיין גערירט פון אַ געפיל.

קיניגן: מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז דו וואַגסט אַזוי
דיין מויל צו עפענען?

האַמלעט: דו האָסט פאַרשמוצט
דעם ריינעם, שעמעוודיקן רייץ פון ערלעכקייט;
פון טוגנט האָסטו אויסגעמאַכט אַ ליגן,
און אָפּגעפליקט האָסטו די רויז פון אומשולד—
שטאָט זיי—אַן אייטערדיקע וווּנד אַרויסגעשטעלט—
און ס׳איז דיין הייראַטס־שבועה פאַלש, ווי ס׳איז
די פאַלשע שבועה פון דעם קאָרטנשפּילער.
אָ, ס׳איז דיין זינד אַזאַ, וואָס האָט דאָס האַרץ
פון מאַן און ווייב פאַרייניקונג געטויט,
פון צוטרויען אַ לערן קלאַנג געמאַכט.
דער הימל גליט אין כעס, און פון דער ערד
די פעסטע גרונטן וואַקלען זיך פון צאָרן—
פון גרויסער זינד, ווי פאַרן לעצטן טאָג פון שטראָף.

קיניגין: אָ, וויי צו מיר! וואָס פאַר אַ זינד בין איך באַגאַנגען,
וואָס ברענגט אויף ערד און הימל קעגן מיר?

האַמלעט: דערלאַנג אַ קוק: דאָ האָסטו בילדער צוויי פאַר דיר;
צוויי בילדער פון צוויי ברידער לייבלעכע.
באַטראַכט נאָר דעם, און זע וואָס פאַר אַ שיינקייט:
די לאָקן פון אַפּאָלאָ, אויסזען פון יופּיטער,
די אויגן ווי פון מאַרס, וואָס צווינגען מיט באַפעל,
דער שטאָלצער אויסזען פון אַ גאָטס שליח,
וואָס איז פון הימל אויף דער ערד אַרונטער.
עס ליגט אויף אים די פּראַכט פון אַלע געטער:
ס׳האָט יעדער גאָט אויף אים געלייגט זיין זיגל,—
די וועלט זאָל זען פאַר זיך אַ מוסטער פון אַ מאַן.

דאָס איז דיין מאַן געווען. איצט קוק אַהער:
דאָס איז דיין צווייטער מאַן. דער אויסגעצערטער זאַנג,
וואָס האָט דעם פולן זאַנג פאַרשלונגען. האָסטו אויגן?
ווי האָסטו גאָר די בלויע הויכן פון די בערג
פאַרלאָזט, און ביסט אין טיפן זומפּ פאַרקראָכן?
האַ, האָסטו אויגן? ניין, דו קאָנסט מיר ניט
עס רופן ליבע — ניין, אין דיינע יאָרן
איז רויק שוין דאָס בלוט און איינגעשטילט,
און ס'רעכנט זיך דאָס בלוט מיטן פאַרשטאַנד:
און וואָס פאַר אַ פאַרשטאַנד קען פירן פון אָט דעם
צום צווייטן? דו באַזיצסט דאָך נאָך געפיל,
ווען ניט, וואָלסטו קיין ליידנשאַפט באַזעסן —
נאָר, ס'איז געוויס, דיין ליידנשאַפט איז קראַנק.
דאָ קאָן אפילו וואַנזין זיך ניט אירן.
ס'קאָן וואַנזין קיינמאָל דעם געפיל פאַרשטיקן
אַזוי, אַז ס'זאָל קיין שפור פון אויסוואַל בלייבן
צו זען דעם אונטערשייד. וואָס פאַר אַ שווארצער גייסט
האָט דיך צו דעם געטריבן בלינדערהייט?
אַ מענטש, וואָס האָט נאָר אויגן ביי זיין לייב און לעבן,
נאָר אויערן אָן הענט און אויגן, אָדער נאָר —
איין טייל איין קרענקלעכן פון אמתן געפיל —
וואָלט ניט געקאָנט אַזוי פון וועג פאַרקריכן.
אָ, שאַנד! ווו איז דיין רויטקייט?

קיניגין: רייד ניט מער.
דו האָסט די טיפענישן פון מיין האַרצן
פאַר מיר אַנטפּלעקט — און כ'זע אַזעלכע שווארצע פלעקן,
וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגיין.
אָ, רייד ניט מער — דיין וואָרט פאַלט ווי אַ שווערד
און שניידט מיין האַרץ, ניט רייד מער, האַמלעט.

האַמלעט: אַ גנב און אַ מערדער: שקלאַף וואָס איז ניט ווערט
איין הונדערט־חלק פון דיין ערשטן מאַן;
אַ קיניג אַ פּאַיאַץ, וואָס האָט די קרוין
געגנבעט און אַראָפּגעלאָזט אין טאַש.

קעניגין: געננג —

האמלעט: אַ קיניג בלויז פון לאַטעס און פון שמאַטעס.

(דער גייסט ערשיינט)

באַשירעמט אונטער אייערע פליגל מיך,
איר, גייסטער הימלישע—וואָס ווילסטו האָבן?

קעניגין: אָ, ווי! צו מיר, ער איז געררירט פון זין!

האמלעט: קומסטו ניט דאָ דיין זון דעם שוועכלינג שטראָפן,
וואָס ער האָט אין מינוט פון לייד ניט אויסגעפירט
דיין שרעקלעכן באַפעל? אָ, זאָג! אָ, זאָג!

גייסט: פאַרגעס ניט, האַמלעט, מיין ערשיינונג דינט,
אום אויפצובלאָזן דעם האַלב-טויטן ראַכע-פלאַם.
דו זע: עס פלאַטערט שרעק איבער דיין מוטער—
דו שטעל זיך צווישן איר און איר געמיט—
באַרויק זי און טרייסט.

האמלעט: וואָס איז דיר, מוטער?

קעניגין: וואָס איז מיט דיר? דו האָסט דיין בליק געווענדט
אהין, אין הוילער לערקייט, מיט דער לופט
דער ניט פאַרקערפּערטער פירסטו געשפּרעכן;
ס'ברענט דיין נשמה פון די אויגן ווילד אַרויס;
און ווי די קריגער שפּעט ביינאַכט צום קריג געוועקט—
האָט אויף דיין קאָפּ דיין איטלעך האָר זיך אויפגעשטעלט.
פאַרגיס דעם פלאַם דעם אומגעהויערן, מיין קינד,
מיט קילע טראָפּן פון געדולד. ווו קוקסטו זאָג?

האמלעט: אויף אים! אויף אים! ווי טונקל ברענט זיין בליק!
ס'וואָלט זיין געזיכט, זיין שוידערלעכער פאַל
אַ שטיין געררירט. ניט קוק אַזוי אויף מיר:
דיין טרויעריקער, אומעטיקער אויסזען
וועט אָפּשוואַכן מיין גרויזאַמען באַשלוס—
דאַן וועלן טרערן, ניט קיין בלוט, מיין ראַכע זיין.

קעניגין: צו וועמען רעדסטו דאָס?

האמלעט: צי זעסטו גאָרניט?

קעניגין: ניין, גאָרניט; דאָך זע איך אַלץ, וואָס דאָרט איז.

האמלעט: האָסט אויך קיין איינציק וואָרט געהערט?

קעניגין: קיין וואָרט ניט.

האמלעט: דאָרט קוק און זע, ווי ס'ווערט פאַרשווונדן!
מיין פאָטער, יאָ, מיין פאָטער, ווי ביים לעבן.
אָט, אָט! דו זעסט? אָט גייט ער דורך דער טיר!

(גייסט פאַרשווינדט)

קיניגין: ס'איז בלויז די איינבילדונג פון קראַנקן מאַרך.
ווען ס'איז פאַרוואָלקנט פינסטער דער פאַרשטאַנד,
איז די נשמה רייך אין זוּנגען.

האַמלעט: דו זאָגסט, אַז „ס'איז פאַרוואָלקנט מיין פאַרשטאַנד"—
ס'שלאָגט מיין פולס שטאַרק און פעסט, ווי דיינער, מוטער.
עס איז זיין קלאַנג געזונט אַזוי ווי דיינער—
עס איז ניט וואַנזין, וואָס עס רעדט פון מיר,
איך וועל עס וואָרט ביי וואָרט דיר ווידערהאָלן—
אַ זאַך וואָס וואַנזין קאָן קיינמאָל דערווייזן.
ביי אַלץ וואָס הייליק איז באַשווער איך דיך:
ניט טריף קיין באַלזאַם-טראָפּן אויף דיין ווּנד—
אַז מיינע ווערטער ריידן, אָבער ניט דיין טאַט.
דו וועסט פון אויבן בלויז די ווּנד פאַרציען
און אונטן, אומגעזען, וועט זיך די גיפט צעגיסן.
זיי מודה זיך צו גאָט אויף דאָס געשעענע,
טו תשובה אויף דערויף, וואָס איז פאַרפאַלן,
פאַרמייד דאָס קומענדע דורך טרערן און געבעט.
באַוואַסער ניט דאָס ווילד און שטעכיק גראָז,
עס זאָל ניט שטאַרק און קרעפטיק זיך צעוואַקסן.
און מיר—זיי מוחל מיר מיין טוגנט, מוטער,
אין אונדזער דור, דעם אויסגעלאַסענעם,
דאַרף טוגנט אויסבעטן ביי זינד מחילה—
עס זאָל זיך לאָזן בעסערן.

קיניגין: אָ, האַמלעט,
דו האָסט אויף צווייען מיר מיין האַרץ צעריסן!

האַמלעט: אָ, וואַרף אַוועק דעם ערגסטן טייל פון אים
און לעב אַ ריינע מיט דער ריינער העלפט.
גוטע נאַכט — — — — — —
— — — — — — און אויב
דו גאַרסט גאָטס ברכה--בענטש דיין זון.
(פּאָלאָניוסן) אויף דיר
טוט ווי מיין האַרץ; עס איז אַזוי באַשערט,
מיר זאָלן איינער פון דעם צווייטן ליידן:
אַז איך זאָל זיין דיין שטראָף-רוט אויסדערווילט;
איך וועל אויך ענטפער געבן פאַר דיין טויט.
איך וועל דיך צונעמען אַצינד. (צו דער מוטער) אַ גוטע נאַכט.
איך מוז זיין גרויזאַם, אום צו דינען גוטס;
דאָס איז אַן אָנפאַנג בלויז—דאָס ערגסטע קומט.
וואָרט, נאָך איין וואָרט.
איך מוז נאָך ענגלאַנד אָפּפאָרן. דו ווייסט פון דעם?

קיניגין: כ'האָב גאָר פאַרגעסן; ס'איז אַזוי באַשלאָסן.

האַמלעט: ס׳איז פאַרטיק דער באַפעל, דער זיגל צוגעלייגט,
און מיינע שול־חברים, וועמען איך וואָלט טרויען
אַזוי פיל, ווי מע טרויט דער בייזער שלאַנג—
זיי טראָגן דעם באַפעל. זיי דאַרפן מאַכן וועג—
מיך פירן צו פאַרראַט. גוט, זאָל עס גיין;
עס איז אַ פיינער שפּיל צו זען, ווי ס׳ווערט
דער אינזשעניר צוזאַמען מיט זיין אַרבעט
אין לופטן אויפגעריסן; אונטער זיי,
אויב ס׳איז מיין רעכענונג ניט פאַלש, וועל איך
אַ ביסל טיפער זיך אַרונטערגראָבן
און ביז די וואָלקן הויך זיי אויפרייסן.
ס׳איז פיין, ווען ס׳טרעפן זיך צוויי קרעפטן אויף איין וועג.
נאָר ס׳איז שוין צייט מיין משא צו פאַרנעמען
און אויף דער נעענטסטער רו עס אָפּטראָגן.
אַ גוטע נאַכט דיר, מוטער, גוטע נאַכט.
באַטראַכט נאָר, ווי דער ראָטגעבער איז שטיל
און ערנסט שווייגנדיק אַצינד געוואָרן—
דער נאַר, וואָס האָט זיין לעבן לאַנג געפּלוידערט;
נו, קום, מע דאַרף דאָך ערגעץ דיך באַשטאַטן.
אַ גוטע נאַכט דיר, מוטער, זיי געזונט.

(צעגייען זיך אויף פאַרשיידענע זייטן. האמלעט—מיטשלעפּנדיק מיט זיך פּאָלאָניוסן.)

די קיניגין איילט צום קיניג און דערציילט אים, ווי אַזוי האמלעט האָט געטויט פּאָלאָניוסן. דער קיניג מעלדעט דאָן, אַז האמלעט מוז דעמזעלבן טאָג פאַרלאָזן דענעמארק. ער שיקט ראָזנקראַנצן און גילדנשטערנען אויפזוכן האמלעטן און זיך דערוויסן ביי אים, ווו ער האָט אַהינגעטאָן פּאָלאָניוסעס קערפּער. האמלעט ענטפערט זיי ניט. אויפן קיניגס באַפעל ברענגען זיי דאָן האמלעטן צו אים.

אויף דער פראַגע — ווו איז פּאָלאָניוס׳ קערפּער?—גיט האמלעט אַ פאַרפּלאָנטערטן ענטפער, פון וועלכן עס ווערט סוף כּל סוף קלאָר, אַז דער קערפּער געפינט זיך אויף די טרעפּ פון דער גאַלעריע.

דער קיניג מעלדעט האמלעטן, אַז זיין טאַט צווינגט אים צוליב האמלעטס אייגענער זיכערקייט אויגנבליקלעך אָפּצושיקן אים קיין ענגלאַנד.

האמלעט זעגנט זיך איראָניש מיטן קיניג און דער קיניגין. אויפן קיניגס באַפעל פאָלגן אים ראָזנקראַנץ און גילדנשטערן נאָך.

ווען דער קיניג בלייבט אַליין, דריקט ער אויס די האָפענונג, אַז דאָס אונטערטעניקע ענגלאַנד וועט אויספירן זיין באַפעל און טויטן זיין בלוטיקן שונא האמלעטן.

אין דער צייט פון האמלעטס אָפּוועזנהייט קומט צו דער קיניגין אָפעליאַ וועלכע איז פון צרות משוגע געוואָרן. זי רעדט ניט צו דער זאַך, זינגט פאַרשיידענע לידער.

דערווייל קומט אָן דער קיניג. ער הייסט אַרויספירן אָפעליאַן און זאָגט, דער קיניגין, אַז ער האָט חרטה, וואָס ער האָט פאַרבאָרגן פון פאָלק די סיבה פון פּאָלאָניוסעס טויט. אין פאָלק גייען אַרום וועגן דעם פאַרשיידענע קלאַנגען. גראָד האָט זיך איצט אויך צוריקגעקערט אין הויפּטשטאָט לאַערטיס, פּאָלאָניוסעס זון, און בייזע ציינגער באַמיען זיך צו פאַרגיפטן זיין האַרץ מיט גיפטיקע מעשיות וועגן זיין פאָטערס טויט. מע דערציילט, אַז ער, דער קיניג, איז כּלומרשט שולדיק אין פּאָלאָניוסעס מאָרד.

עס דערהערט זיך א טומל און אן אדלמאן זאגט אן, אז לאערטיס איז געקומען, באגלייט פון א גרויסן המון. דער המון שרייט, אז ער וויל אויסוויילן לאערטיסן פאר א קיניג.

אין צימער רייסט זיך אריין לאערטיס, וועלכער באפעלט די באגלייטער פארבלייבן הינטער דער טיר. אין ווילדן צארן פאדערט ער א דערקלערונג וועגן זיין פאטערס טויט.

די קיניגין דערקלערט דאן, אז פאלאניוס איז געפאלן ניט פון קיניגס האנט.

אינמיטן קומט אן אפעליא און לאערטיס איבערצייגט זיך, אז זי איז משוגע. דער קיניג, זעענדיק לאערטיסעס צער, בעט אים זיין געדולדיק און זאגט אים צו הילף, נקמה צו נעמען אן דעם שולדיקן.

אין דער ווייטערדיקער סצענע ברענגען מאטראסן צו הארציאן א בריוו פון האמלעטן. אין דעם בריוו שרייבט האמלעט, אז אויפן וועג זיינען זייער שיף באפאלן פיראטן. אין געפעכט האט ער זיך ארויפגעכאפט אויף דעם שונאס שיף — און אין דערזעלבער רגע זיינען די שונאים אפגעשוואומען. ער איז געבליבן אין געפאנגענשאפט. זיי זיינען זיך אבער מיט אים גוט באגאנגען און לסוף אים פריי געלאזן.

האמלעט בעט הארציאן צושטעלן זיין צווייטן בריוו דעם קיניג. ער רופט צו זיך הארציאן, ווייל ער האט אים צו דערציילן אזוינע זאכן, וואס וועלן אים דערשיטערן.

בעת מע האט געבראכט צום קיניג האמלעטס בריוו איז גראד ביי אים געווען לאערטיס. פון בריוו דערוויסט זיך דער קיניג, אז האמלעט האט זיך צוריקגעקערט קיין דענעמארק. לאערטיס איז צופרידן, וואס ער וועט איצט קענען נקמה נעמען פון זיין בלוטיקן שונא. דער קיניג זאגט אים צו צו העלפן אין דעם. ער לייגט פאר א פלאן איינצוארדנען צווישן אים און האמלעטן א וועט-געפעכט אויף שווערדן.

לאערטיס זאגט, אז ער וועט זיין שווערד פארגיפטן און דאן וועט די קלענסטע וונד מוזן ברענגען האמלעטן דעם טויט. דער קיניג זאגט צו צוצוגרייטן אויף דער צייט פון געפעכט, בעת די קעמפער וועלן דורשטן, פאר האמלעטן א גיפט-געטראנק. אויב לאערטיסעס שווערד וועט אים ניט פארוואונדן, וועט ער פאלן פונם גיפט.

עס קומט אן די קיניגין און זאגט אן, אז אפעליא האט זיך דערטרונקען. דאס רייצט נאך מער אויף לאערטיסעס נקמה-געפיל.

די ווייטערדיקע סצענע קומט פאר אויפן בית-עולם, ווי מע איז מקבר אפעליאן. לאערטיס דריקט אויס זיין טיפן צער איבער דעם טויט פון זיין שוועסטער. האמלעט איז געבראכן פון דעם אומגליק און באקלאגט אויך אפעליאן. צווישן האמלעטן און לאערטיסן קומט פאר א צוזאמענשטויס. די ארומיקע רייסן זיי קוים פונאנדער. דער קיניג זעט צו בארויקן לאערטיסן, דערמאנענדיק אים אן דעם נעכטיקן געשפרעך.

פינפטער אקט.

צווייטע סצענע.

א זאל אין שלאָס.

האמלעט, האָראַציאָ, אָסריק, קיניג, קיניגין, לאערטיס, באַגלייטער פון קיניג.

האמלעט: גענוג פון דעם; איצט ווערסטו נאָך וואָס הערן.
גערענקסטו נאָך גענוי אַ יעדע זאַך?

האָראַציאָ: צי איך גערענק, מיין פרינץ?

האמלעט: ביי מיר אין הארצן
איז אָנגעגאַנגען לאַנג אַ גרויסער קאַמף;
דאָס האָט מיין שלאָף געטריבט; ס'האָט מיר געדאַכט,
איך ליג אין קייטן, ערגער ווי אַ מערדער.
נאָר אין איין אויגנבליק — און זאָל געבענטשט
זיין מיין אָנטשלאָסנקייט — עס טרעפט אַמאָל,
עס שיצט אונדז פון געפאַר דער בלינדער צופאַל,
און ס'נאַרט אונדז יעדע רעכענונג. דאָס צייגט,
ס'איז דאָ אַ געטלעכקייט, וואָס היט אונדז אָפּ
אָן אונדזער וויסן.

האָראַציאָ: יאָ, ס'איז וואָר.

האמלעט: ביינאַכט
האָב איך פון קעבין זיך אַרויסגעשלייכט,
און אין דער פינסטער האָב איך זיי געזוכט,
געפונען זיי צולעצט און זיי באַזוכט —
איך בין צוריק געקומען צו מיין צימער.
פאַרגעסנדיק אַ יעדע אָנשטענדיקייט,
האָב איך געעפנט דעם באַפעל פון קיניג,
ווו איך האָב אויסגעפונען זיין באַטרוג.
צוליב אַזעלכע און אַזעלכע אורזאַכן,
פאַר דעם געזונט פון דענעמאַרק, ווי אויך
פאַר ענגלאַנדס וווילבאַפינדונג, זאָל מען באַלד,
ווי איך וועל נאָר באַטרעטן ענגלאַנדס באָדן —
ניט געבנדיק דעם תליון צייט גענוג
זיין האַק צו שאַרפן — אָפּשניידן מיין קאָפּ.

האָראַציאָ: צי איז דאָס מיגלעך?

האמלעט: נאַ, אָט האָסטו דעם באַפעל.
מאָגסט לעזן אין אַ פרייער צייט; נאָר ווילסט זיך אויך
דערוויסן, וואָס איך האָב געטאָן?

האָראַציאָ: איך בעט אייך, פרינץ.

האמלעט: זיך זעענדיק אַזוי אין נעץ פאַרפלאָכטן —
איז אין מיין קאָפּ אין צווייטן אויגנבליק
געוואָרן צייטיק אַ געדאַנק. איך האָב

זיך צוגעזעצט צום טיש און אָנגעשריבן
אַ נייעם, גאָר אַן אַנדערן באַפעל.
ווילסטו וויסן, וואָס איך האָב געשריבן?

האָראַציאָ: יאָ, געוויס.

האַמלעט: איך האָב אין קיניגס נאָמען זיי באַשוואָרן:
אַזוי ווי ענגלאַנד איז אים טריי, געהאָרכזאַם,
אַזוי ווי אונדזער בונט בליט פּאַלמענרייך,
אַזוי ווי פרידן איז באַקראַנצט מיט קרענץ
פון פרישע אימער בליענדיקע זאַנגען;
און נאָך, און נאָך אַזעלכע אורזאַכן—
אַז באַלד, ווי זיי וועלן די שריפט דערהאַלטן,
אָן טענות און אָן חקירות זאָלן זיי
ניט געבן די שלוחים איין מינוט
אויף ווידוי זאָגן—און זיי קעפּן באַלד.

האָראַציאָ: ווי האָט איר דעם באַפעל פאַרזיגלט?

האַמלעט: כ'האָב אויך געזען אין דעם גאָטס גרויסע האַנט.
איך האָב מיט זיך געהאַט מיין פאָטערס זיגל,
וואָס איז אַ מוסטער פון דעם דענישן.
דאַן האָב איך עס צונויפגעלייגט ווי יענעם,
דעם זיגל צוגעלייגט, און שטילערהייט
האָב איך די שריפט צו זיי צוריקגעקערט.
זיי האָבן מיר אין קיין זאַך ניט פאַרדעכטיקט.
צו מאָרגנס פאָרגעקומען איז די שלאַכט—
דאָס איבעריקע ווייסטו!

האָראַציאָ: און אַזוי
גייען ראָזענקראַנץ און גילדענשטערן צום טויט.

האַמלעט: זיי האָבן עס אַליין געזוכט.—און זייער טויט
פאַלט ניט אויף מיין געוויסן. האָבן זיי
דען ניט דעם טויט אויף זיך אַליין גערופן,
זיך מישנדיק אין דעם? עס איז געפערלעך,
ווען ס'וואַרפט דער שוואַכער זיך אַריין אינמיטן
צווישן פעכטנדיקע שפּיצן.

האָראַציאָ: אוי, סאַר אַ קיניג!

האַמלעט: וואָס דענקסטו אַצינד?
האָב איך גענוג פאַרוואָס זיך איינצושטעלן?
פון יעניקן, וואָס האָט געטויט מיין פאָטער,
פאַרשמוצט מיין מוטערס ערע, זיך געשטעלט
אין וועג צווישן מיר און גרויסער האָפענונג;
יואָס האָט זיין נעץ געוואָרפן אויף מיין לעבן—
בין איך באַרעכטיקט פאָדערן נקמה?
וואָלט ניט געוועזן אַ זינד, דעם בייזן קרעץ
צו לאָזן זיך צעשפּרייטן אויפן גאַנצן גוף?

האָראַציאָ: געוויס וועט זיך דער קיניג באַלד דערוויסן
דעם רעזולטאַט פון זיין באַפעל.

האַמלעט: געוויס.
דערווייל אָבער, די צווישנצייט איז מיינע —
און זייער קורץ איז אויך דעם מענטשנס לעבן.
נאָר ס'טוט מיר ז'יער לייד, האָראַציאָ,
וואָס כ'האָב זיך מיט לאַערטיסן*) פאַרגעסן;
איך זע אין זיין שיקזאַל דעם מייניקן.
איך וויל זיין פריינד ווערן. עס האָט מיך בלויז
זיין טיפער טרויער־אויסדרוק אויפגערעגט.

האַמלעט: שאַ, עמיץ קומט אַהער!

(אָסריק טרעט אויף.)

אָסריק: זאָל אייער גרויסקייט זיין געגריסט מיט אייער צוריקקער נאָך דענעמאַרק.

האַמלעט: איך דאַנק אייך העפלעכסט.

אָסריק: פרינץ, אויב אייער מאַיעסטעט וואָלט מיך באַגנאַדיקט אויסצוהערן, וואָלט איך אייך עפּעס מיטגעטיילט פון זיין מאַיעסטעט.

האַמלעט: איך וועל אייך אויסהערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

אָסריק: ניט לאַנג צוריק האָט זיך צו אונדז לאַערטיס אומגעקערט. אויף מיין וואָרט, אַן אַדלמאַן פון ערשטן ראַנג, באַגאַבט, פון בעסטער געזעלשאַפט און פיינסטן אויסזען. וואָס אמת איז אמת: ער איז אַ מוסטער פון בעסטן טאָן. אין אים זיינען פאַרייניקט אַלע טוגנטן, וואָס אַ נאָבלמאַן דאַרף באַזיצן. אייך איז ניט אומבאַוווסט, וואָס פאַר אַ טאַלאַנטן ער באַזיצט.

האַמלעט: ליידער קאָן איך זיך ניט מיט דעם באַרימען, אום זיך מיט אים ניט צו פאַרגלייכן — ווייל קאָנען אויסגעבונדן גוט אַ צווייטן, מיינט: קאָנען זיך אַליין גוט.

אָסריק: איך האָב געמיינט צו זאָגן, פרינץ, זיין קונסט אין פעכטן. אויב מע זאָל גלויבן אַלץ, וואָס מע זאָגט אויף אים, האָט ער ניט קיין גלייכן.

האַמלעט: אויף וואָס פעכט ער?

אָסריק: אויף שווערדן אָדער מעסער.

האַמלעט: אויף צוויי כלים, הייסט עס. נו, וואָס ווייטער?

אָסריק: דער קיניג האָט איינגעשטעלט זעקס אַראַבישע יונגע פערד — אַנטקעגן וועלכע לאַערטיס האָט איינגעלייגט, ווי איך האָב געהערט, זעקס פראַנצויזישע שווערדן און מעסער מיט אַלע זייערע אָנגעהעריקייטן, ווי גאַרטלען, שיידן, הענגערס א. ז. וו.; דריי פון די דאָזיקע זיינען אמתדיק וווּנדערבאַר און האַרמאָנירן מיט די הענטלעך פון די שווערדן, אויסגעאַרבעט קונסטפאָל מיט דעם בעסטן געשמאַק... דער קיניג, פרינץ, האָט זיך געוועט, אַז פון צוועלף קלעפּ וועט לאַערטיס בלויז דריי געווינען. די איבעריקע ניין וועט איר מאַכן. דאָס פעכטן וואָלט באַלד שטאַטגעפונדן, אויב אייער מאַיעסטעט וועט מיר אַן ענטפער געבן.

האַמלעט: און וואָס וועט זיין, אויב איך וועל זאָגן „ניין"?

אָסריק: איך האָב געמיינט צו זאָגן, פרינץ, אויב איר זייט איינשטימיק.

---

*) לאַערטיס — פּאָלאָניוס' זון.

האַמלעט. כ'וועל דאָ אין זאַל אַרומשפּאַצירן. מיט דער ערלויבניש פון זיין קי־ניגלעכער מאַיעסטעט וועל איך די פרישע לופט געניסן. באַפעל אַהער צו ברענגען די שווערדן. אויב לאַערטיס האָט לוסט און דער קיניג האַלט אָן זיין באַגער, וועל איך פאַר אים געווינען, אויב איך וועל קאָנען; אויב ניט—וועט אויף מיין חלק אויספאַלן גאָך אַ ביסל שאַנד און אייניקע איבעריקע קלעפּ.

אָסריק. באַפעלט איר מיר אַזוי צו מעלדן?

האַמלעט: דאָס וואָס דו הערסט. (אָסריק אָפּ.)

אַדלמאַן: (טרעט אויף) דער קיניג, די קיניגין און אַלע אַנדערע קומען אָן אַהער.

האַמלעט: אין אַ מזלדיקער שעה.

(עס קומען אָן דער קיניג, די קיניגין, לאַערטיס, אַדלמאַן, אָסריק און אַנדערע באַגלייטער. דינער מיט שווערדן און אַז. וו.).

קיניג: נו, האַמלעט, קום און נעם די האַנט פון מיר.

(דער קיניג פאַרייניקט זייערע ביידנס הענט).

האַמלעט: אַנטשולדיק מיר, וואָס איך האָב דיך באַליידיקט;
איך בעט דיך אום פאַרגעבונג, ווי אַן אַדלמאַן.
די אַלע אָנוועזנדע ווייסן גוט,
און דו האָסט אויך געהערט, ווי כ'בין באַשטראָפט
פון גאָט געוואָרן. וואָס איך בין באַגאַנגען,
וואָס האָט געקאָנט דיין האַרץ, דיין גייסט, דיין ערע
אַנטקעגן מיר דאָ אויפברענגען—בין איך זיך מודה—
אַז ס'איז געקומען בלויז פון משוגעת.
האָט האַמלעט שלעכט געטאָן לאַערטיסן?
קיינמאָל ניט האַמלעט!—אויב ס'טרעפט אַמאָל,
אַז האַמלעט איז פון זיך אַליין געשיידן,
ווען האַמלעט איז ניט האַמלעט, און טוט שלעכטס—
האָט האַמלעט ניט די זינד באַגאַנגען דאַן,
ס'איז נאָר זיין משוגעת. און אויב אַזוי,
איז האַמלעט ביז צום לעצטן גראַד באַליידיקט—
זיין משוגעת איז האַמלעטס שונא אויך.
מיין הער, אין אָנבליק פון די אָנוועזנדע
לאָז מיין אַנטשולדיקונג אַזוי ווייט ווירקן,
אום מיך צורייניוואַשן אין דיין געדאַנק.
איך האָב מיין פייל געצילט איבערן דאַך
און האָב אַ ברודער אָנגעטראָפן.

לאַערטיס: מיין האַרץ איז שטיל—ניט קוקנדיק אויף דעם,
וואָס האָט געדאַרפט אַם שטאַרקסטן רופן: ראַכע!
נאָר לויט מיין איבערצייגונג בין איך ווייט,
נאָך ווייט פון פרידן, וויל אויף דעם נים איינגיין,
ביז ס'וועלן אַנדערע, וואָס ווייסן מער פון מיר,
ניט געבן זייער צושטימונג פאַר פרידן—
מיין נאָמען זאָל זיין אומבאַפלעקט. ביז דאַן—

געם איך דיין פריינדשאַפט אָן דערווייליק,
און וויל זי ניט באַליידיקן.
האַמלעט: איך נעם עס אָן;
מיר וועלן ברידערלעך דעם וועט אויספעכטן.
מיין שווערד אַהער! נו, קום!
לאַערטיס: אויך מיר גיב איינעם!
האַמלעט: איך וועל דיר דינען אַלס אַ לאָרבערקראַנץ!
צוליב מיין אונוויסנהייט וועט דיין קונסט שיינען,
ווי ס'שיינט אַ שטערן אין דער שוואַרצער נאַכט.
לאַערטיס: איר מאַכט בלויז שפּאַס פון מיר.
האַמלעט: איך שווער ביי גאָט!
קיניג: דערלאַנג די שווערדן זיי, מיין ליבער אָסריק!
(צו האַמלעטן) צי ווייסטו פון דעם וועט?
האַמלעט: איך ווייס עס גוט.
איר האָט געוועט זיך אויף דער שוואַכער זייט.
קיניג: איך האָב קיין מורא ניט; איך קאָן אייך ביידן.
לאַערטיס: צו שווער פאַר מיר דער שווערד; איך וויל דעם צווייטן.
האַמלעט: נו גיט מיר דעם; די זעלבע לענג?
אָסריק: יאָ, פּרינץ.
קיניג: שטעלט רויטן ווייַן פאַר מיר דאָ אויפן טיש —
אויב האַמלעט גיט דעם ערשטן קלאַפּ זיין קעגנער,
צי שלאָגט צום צווייטן מאָל, צי גלייכט זיך אויס
מיט אים צום דריטן מאָל — פון אַלע שאַנצן
דאַן זאָלן די קאַנאָנען דונערן:
דער קיניג טרינקט אַצינד פאַר האַמלעטן,
און וואַרפט אַ פּערל קאָסטבאַר אין זיין בעכער,
וואָס איז מער ווערט פון קרוין דער דענישער,
וואָס האָט דריי גרויסע קיניג-קעפּ באַצירט.
דערלאַנגט די בעכער! זאָל דער קעסלפויק
דערציילן צום טראָמפּייט, טראָמפּייט צום זעלנער,
קאַנאָן צום הימל, הימל צו דער ערד:
„דער קיניג טרינקט פאַר האַמלעטן"! פאַנגט אָן
און איר, די ריכטער, האַלט אַן אָפן אויג.
האַמלעט: מיר וועלן אָנפאַנגען.
לאַערטיס: כ'בין גרייט. (זיי פעכטן)
האַמלעט: איינס.
לאַערטיס: ניין.
האַמלעט: די ריכטער זאָלן אורטיילן.
אָסריק: געוויס, אַ קלאַפּ.
לאַערטיס: זאָל זיין אַזוי. נו, לאָמיר ווייטער אָנגיין!
קיניג: איצט קאָן איך טרינקען. ס'איז דער פּערל דיינער!
צו דיין געזונט! (טראָמפּייטן שאַלן און קאַנאָנען שיסן)
גיט האַמלעטן דעם בעכער!

האמלעט: מיר ווילן ווייטער פעכטן! זאָל עס שטיין, כ׳וועל
שפעטער טרינקען. (זיי פעכטן.) הא, וואָס זאָגסטו איצט?
לאערטיס: האָסט אָנגערירט אַצינד; איך גיב עס צו.
קיניג: ס׳וועט אונדזער זון געווינען.
קיניגין: ער איז מיד;
נעם, האַמלעט, וויש דעם שווייס אָפּ פון געזיכט;
איך טרינק אַצינד פאר דיין געזונט.
האמלעט: אַ דאַנק.
קיניג: ניט טרינק, גערטרודאַ!
קיניגין: ס׳דורשט מיר זייער שטאַרק. (טרינקט.)
קיניג: (אָן אַ זייט) דער בעכער איז פאַרגיפטעט; ס׳איז צו שפעט.
האמלעט: איך וואַג ניט טרינקען איצט—אַ ביסל שפעטער!
קיניגין: קום צו מיר; כ׳וועל אָפּווישן דיין שווייס.
לאערטיס: אַצינד וועל איך אים טרעפן!
קיניג: כ׳גלויב עס ניט.
לאערטיס: (אָן אַ זייט) כמעט אַז ס׳פלאָגט מיך מיין געוויסן.
האמלעט: צום דריטן מאָל, לאערטיס; דו מאַכסט שפּאַס—
כ׳בעט דיך, פאַל אָן שטאַרקער, מעכטיקער;
כ׳האָב מורא, דו מאַכסט שפּאַס אויס מיר!
לאערטיס: דו מיינסט אַזוי? מיר וועלן זען! (זיי פעכטן.)
אָסריק: ניט געטראָפן!
לאערטיס: קוק נאָר אַצינד!

(לאערטיס פאַרוואונדעט האמלעטן, דערנאָך, צעהיצטע פון קאַמף, בייטן זיי זיך מיט די שווערדן און האמלעט פאַרוואונדעט לאערטיסן.)

קיניג: זיי זיינען ווילד, נעמט זיי פונאַנדער גלייך!
האמלעט: קום נאָך איינמאָל. (די קיניגין פאַלט.)
אָסריק: וואָס איז מיט דער קיניגין?
האָראַציאָ: זיי בלוטן שוין אויף ביידע זייטן.
אָסריק: ווי פילט איר זיך, לאערטיס?
לאערטיס: כ׳בין אין מיין אייגן נעץ אַריינגעפאַלן—
כ׳האָב דורך מיין פאַלשקייט מיך אַליין געטויט
און בין עס ווערט.
האמלעט: וואָס איז דער קיניגין?
קיניג: ס׳איז איר ניט גוט געוואָרן, זעענדיק דאָס בלוט.
קיניגין: דער וויין! דער וויין! אָ, האַמלעט טייערער!
דער וויין! דער וויין! איך בין פאַרגיפטעט! (שטאַרבט.)
האמלעט: מאָרד!
שליסט אַלע טירן צו! פאַרראַט! ווו ביסטו?
(לאערטיס פאַלט.)
לאערטיס: דאָ איז עס, האַמלעט; האַמלעט, דו ביסט טויט!
עס קאָן קיין מיטל אין דער וועלט דיר העלפן.
ניטאָ אין דיר שוין מער קיין האַלב שעה לעבן:

דו האַלסט אין האַנט די וואָפן פון פאַררעטער—
ס'איז שאַרף און ס'איז פאַרגיפטעט. מיין פאַרראַט
האָט דיך, אויך מיך געטראָפן—זעסט מיך ליגן,
שוין קיינמאָל מערער אויפצושטיין; דיין מוטער איז
צום טויט פאַרגיפטעט. ניין, איך קאָן ניט מער;
דער קיניג איז דער שולדיקער אין אַלץ.

האַמלעט: דער שאַרף פון שווערד איז אויך פאַרגיפטעט—
דאַן נעם זיך צו דער אַרבעט! (שטעכט דעם קיניג.)

אָסריק און הויפלייט: פאַרראַט! פאַרראַט!

קיניג: פאַרטיידיקט מיך, אָ, פריינד—
איך בין דאָך נאָר פאַרוואונדעט.

האַמלעט. (צווינגט דעם קיניג צו טרינקען פון בעכער)
טרינק פונם גיפט,
דו מערדערישער און פאַרפלוכטער דענער—
אהאַ! דער פערל איז אויך דאָ; פאָלג נאָך מיין מוטער.
(קיניג שטאַרבט.)

לאַערטיס: האָסט אים לויט די פאַרדינסטן נאָך באַצאָלט.
די גיפט האָט ער אַליין פאַרמישט. אַצינד
לאָמיר זיך איינער מוחל זיין דעם צווייטן:
זאָל מיין טויט און מיין פאָטערס טויט ניט פאַלן
אויף דיין נשמה; דיין טויט— ניט אויף מיר. (שטאַרבט.)

האַמלעט. זאָל גאָט דיר מוחל זיין. איך גיי נאָך דיר.
כ'בין טויט, האָראַציאָ. דו אָרעמע קיניגין!
אַדיע! איר אַלע דאָ, וואָס זייט געטראָפן
און ציטערט זעענדיק גאָטס גרויסע שטראָף—
וואָלט איך נאָר צייט געהאַט—נאָר ס'קומט דער טויט
און נעמט אונטערן שוואַרצן פליגל מיך אַרונטער—
וואָלט איך דערציילט אייך—נאָר זאָל זיין ווי ס'איז.
האָראַציאָ, כ'בין טויט, און דו בלייבסט לעבן;
דו זאָלסט אַלץ וועגן מיר און מיינע מעשים
באַקאַנט מאַכן דער וועלט.

יידיש — י. י. שוואַרץ.

דיין ביבליאָטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

זשאַן ראַסין.

דער באַרימטער פראַנצויזישער פּסעוודאָ=קלאַסיקער זשאַן ראַסין איז געבאָרן אין יאָר 1639 אין לאַ=פערטע מילאַן (דעפּאַרטאַמענטען). נאָכן פאַרענדיקן אַ קאָלעזש (אַ מין מיטל=שול) איז ער אָנגעקומען אין דער קלויסטער=שול אין פּאָר=ראָיאַל, ווו עס האָט זיך דערצויגן אַ באַגרענעצטע צאָל יונגעלייט פון דער העכערער געזעלשאַפט. אין דערדאָזיקער שול האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ גרויסע ליבע צו דער גריבישער שפּראַך און ליטעראַטור. נאָכן פאַרענדיקן די שול האָט ראַסין שטודירט פילאָזאָפיע אין אַ העכערער שול אין פּאַריז, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אין יאָר 1658.

נאָך זייענדיק אין פּאָר=ראָיאַל האָט ראַסין אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, אָבער די דאַמאָלסדיקע לידער זיינע זיינען געווען זייער שוואַכע.

אין יאָר 1660 האָט ראַסין אָנגעשריבן אַן אָדע לכבוד דער חתונה פון דעם פראַנצויזישן קיניג לודוויג XIV. הגם די אָדע איז געווען זייער אַ שוואַכע, האָט ראַסין דאָך באַקומען פאַר איר פון קי־ ניג אַ באַלוינונג.

פון יענער צייט אָן הייבט זיך אָן זיין באַקאַנטשאַפט מיט די באַרימטע פראַנצויזישע שריפטשטעלער לאַ־פאָנטען און מאָליער, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום — אויך מיטן באַרימטן פראַנצויזישן קריטיקער בואַלאָ. וויסנדיק ראַסינס ליבע צו דער גריכישער ליטעראַטור, האָט אים מאָליער, וועלכער איז שוין דאַן געווען באַוווּסט און באַליבט אַלס טעאַטער־דירעקטאָר, געראָטן אָנצושרייבן אַ טראַגעדיע אויף אַ סיו־ זשעט פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. מאָליער האָט אים אַפילו אָנגעוויזן די טעמע; נעמליך — „די פיינדלעכע ברידער עטעאָקלעס און פּאָלינייקעס".

ראַסין האָט די טראַגעדיע אָנגעשריבן. די ערשטע טראַגעדיע איז גע־ ווען ווייניק אָריגינעל, עס איז געווען פשוט אַ נאָכמאַכונג פון דעם צווייטן באַרימטן פראַנצויזישן פסעוודאָקלאַסיקער קאָרנעל, וועלכער האָט געלעבט אין דער זעלבער צייט וואָס ראַסין.

די טראַגעדיע איז פונדעסטוועגן אויפגעפירט געוואָרן אין טעאַ־ טער אין יאָר 1664 און האָט געהאַט אַ געוויסן ערפאָלג, וועלכער האָט צוגעגעבן ראַסינען פיל מוט.

אין אַ יאָר אַרום האָט ער אויפגעשריבן די דראַמע „אַלעקסאַנ־ דער דער גרויסער", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין מאָליערס טעאַטער מיט גרויס ערפאָלג. ראַסינס נאָמען איז געוואָרן באַוווּסט.

מע האָט אים גענומען פאַרגלייכן מיט קאָרנעלן.

צוליב אַן אומבאַוווּסטער סיבה האָט ראַסין פּלוצלונג צוגענומען די פּיעסע ביי מאָליערן און איבערגעגעבן זי צו שטעלן אין אַן אַנדער טעאַטער. דאָס האָט געבראַכט צו אַ קריג צווישן דיביידע שריפט־ שטעלער, וועלכע זיינען שוין קיינמאָל ניט שלום געוואָרן. צו מאָליערס כּבוד מוז מען צוגעבן, אַז די קריג מיט ראַסינען האָט אים דאָך ניט געשטערט אָפּצו לויבן ראַסינס טאַלאַנט און זיינע פּיעסן.

זינט נאָך דער קריג מיט מאָליערן געפינט זיך ראַסין אונטער דער השפּעה פון בואַלאָ. דער לעצטער איז געווען זייער שטרענג צו זיין פריינד, פלעגט שטענדיק וועקן אין אים אומצופרידנקייט צום לייכטן ערפאָלג. אין יאָר 1667 איז אויפגעפירט געוואָרן ראַסינס אַ נייע פּיעסע — „אַנדראָמאַכע", וועלכע האָט פאַרפעסטיקט זיין רום.

ראַסין האָט נאָך אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע, וואָס האָט געמאַכט לאַכן גאַנץ פּאַריז, און נאָך אייניקע טראַגעדיעס, פון וועלכע די באַ־ רימטסטע זיינען: „פעדראַ" און „בערעניקע".

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ראַסין פאַרנומען אַ שטעלע פון היסטאָריאָגראַף אין קיניגלעכן הויף. די דאָזיקע אַרבעט האָט אים ניט געשטערט אָנצושרייבן נאָך צוויי פּיעסן — „אסתּר" און „עתליה" — זיין גרעסטע קונסטווערק (1691).

ראַסין איז געשטאָרבן אין יאָר 1699.

זשאַן ראַסין.

עֲתַלְיָה.

טראַגעדיע אין 5 אַקטן.

פערזאָנען:

יואָש, מלך פון יהודה, זון פון אחזיה.

עתליה, אלמנה פון יהורם מלך יהודה, יואָשעס באָבע.

יהוידע, כהן גדול.

יהושבע, יואָשעס מומע, דעם כהן גדולס פרוי.

זכריה, יהוידעס און יהושבעס זון.

שלומית, זכריהס שוועסטער.

אבנר, קריגספירער פון די מלכי יהודה.

עזריה, ישמעאל און דריי אַנדערע עלטסטע.

כהנים און לויים.

מַתָּן, כהן פון בעל.

נָבָל, א צווייטער כהן פון בעל.

הגר, עתליהס א הויף־פרוי.

עתליהס סוויטע.

יואָשעס אַם.

כאָר פון יונגפרויען פון שבט לוי.

די האַנדלונג קומט פאָר אין בית המקדש, אין פאָדערהויז פון כהן גדולס וואוינונג.

דער הינטערגרונט פון דער טראַגעדיע.

נאָכן טויט פון שלמה המלך איז, ווי באַוווסט, מלכות ישראל צעשפּאַלטן געוואָרן אויף צוויי מלוכות: מלכות אפרים און מלכות יהודה. די דאָזיקע צוויי מלוכות פירן צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף, וועלכער דויערט אַ האַלבן יאָרהונדערט. ערשט, ווען דעם טראָן פון מלכות ישראל באַקומט דער קיניג עמרי, ווערט די צעשפּאַלטונג אַ געזעצלעכער פאַקט און ביידע מלוכות ווערן גלייכבאַרעכטיקט.

דער קיניג עמרי גרינדעט זיין הויפּטשטאָט אין שומרון. מיטן נאָמען פון דער הויפּטשטאָט ווערט אויך אָנגערופן די גאַנצע מלוכה.

פאַר דער צייט פון עמרי און זיין זון אחאָב האָט מלכות שומרון דערגרייכט אַ גרויסע מאַכט און גלאַנץ. מלכות שומרון האָט זיך עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פאַרבונדן מיט די מעכטיקע און רייכע שכנים, באַזונדערס מיט די פעניציער. עמרי האָט זיך אַפילו מתחתן געווען מיטן פעניצישן הויף — האָט חתונה געמאַכט זיין זון אחאָב מיט דעם פעניצישן קיניגס טאָכטער איזבל.

אונטער דער השפּעה פון פעניציע האָט זיך אין דעם לאַנד שומרון אַנטוויקלט אַ שטאַרקע אינדוסטריע און האַנדל. עס האָט זיך אָבער אויך גלייכצייטיק שטאַרק פאַרשפּרייט דער קולט פון דעם פעניצישן אָפּגאָט בעל, וועלכן די קיניגין איזבל האָט איינגעוואָרצלט און געשטיצט.

די בני ישראל זיינען רייך געוואָרן, האָבן זיך איבערגעגעבן צו אַ לעבן אין לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג פון אַלע די, וואָס זיינען טריי געבליבן דער אַלטער יידישער רעליגיע און דעם אַלטן יידישן לעבנסשטייגער. עס באַווייזן זיך די גרויסע נביאים אליהו און אלישע, וואָס זייער טעטיקייט איז געווענדעט קעגן די שעדלעכע פּעולות פון דעם פרעמדלענדישן איינפלוס.

פאַר דער צייט פון עמרי האָט זיך צווישן מלכות ישראל און מלכות יהודה איינגעשטעלט אַ בונד, וואָס האָט געהאַט דעם ציל מיט פאַראייניקטע קרעפטן זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלן פון אויסווייניקסטע פיינד, באַזונדערס קעגן ארם (שפּעטער — סיריע). דער דאָזיקער בונד איז געוואָרן פאַרפעסטיקט דורך דעם, וואָס אחאָבס טאָכטער ע ת ל י ה האָט חתונה געהאַט מיט יהורם, דעם קיניג פון יהודה. די כסדרדיקע מלחמות מיט ארם און מיט אַנדערע שכנים, אויך דער לוקסוס-לעבן פון אחאָבס קיניגלעכן הויף און פון די רייכע קלאַסן האָבן רויִנירט ביידע מלוכות. דאָס פאָלק איז וואָס ווייטער אַלץ מערער פאַראָרעמט און פאַרביטערט געוואָרן. די נביאים האָבן אָנגעוויזן, אַז אין אַלץ איז שולדיק די פעניציערין איזבל, וואָס האָט דעמאָראַליזירט דאָס קיניגלעכע הויז. אונטער דער ווירקונג פון די נביאים איז לסוף דורכגעפירט געוואָרן אַ איבערקערעניש קעגן דער פאַרהאַסטער דינאַסטיע. דער קריגסהויפּטמאַן יהוא בן נמשי האָט איבערגענומען די מאַכט, האָט פאַרטיליקט אחאָבס גאַנצע משפּחה (זיבעציק מאַן) און אויך שטענדיק אָפּגעשאַפט דעם קולט פון בעל. די שחיטה איז פאָרגעקומען אין טאָל פון יזרעאל. בעת דער שחיטה איז אומגעקומען אויך עתליהס יונגער זון אחזיהו, דער קיניג פון יהודה, וועלכער איז דעמאָלט געווען צו גאַסט ביי זיין פעטער, דעם קיניג פון ישראל. נאָך אחזיהס טויט איז זיין מוטער עתליה געוואָרן רעגענטין פון יהודה ביז דער צייט, ווען ס'וועט אויסוואַקסן איינער פון אחזיהס זין. נאָר עתליה איז געווען זייער ערגייציק, האָט זי זיך ניט געוואָלט צופרידן שטעלן מיט דער ראָל פון אַ רעגענטין און געשטרעבט אַליין צו באַזיצן די קרוין.

אחוץ דעם האָט זי באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן די אָנהענגער פון דעם יידישן גאָט און פון די נביאים. זי האָט דעריבער באַפוילן אויסצושעכטן אַלע זכרים פון בית דוד, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען אויך אירע אייגענע איי־ניקלעך. געראַטעוועט געוואָרן איז נאָר אחזיהס יינגסטער זון י ו א ש, נאָך אַ זויג־קינד. אחזיהס שוועסטער י ה ו ש ב ע, די פרוי פון כהן גדול יהוידע, האָט אַרויס־געגנבעט יואשן צוזאַמען מיט זיין אַם און האָט זיי באַהאַלטן אין איינעם פון די חדרים פון בית המקדש.

זעקס יאָר האָט געדויערט עתליהס הערשאַפט. דאָס פאָלק איז געווען אויפגעבראַכט קעגן די פאַרברעכנס פון עתליה. אין ירושלים האָט זיך געבילדעט אַ שטאַרקע פאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַראָפּצוּוואַרפן עתליהן און אַרויפצוזעצן אויפן טראָן דעם געזעצלעכן יורש, דעם יונגן יואשן. בראש פון דערדאָזיקער פאַרטיי איז געשטאַנען דער כהן גדול יהוידע, וואָס אונטער זיין השגחה איז יואש דערצויגן געוואָרן.

אַז יואש איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט יהוידע באַשלאָסן אויסצופירן די געפּלאַנטע איבערקערעניש. צוליב דעם האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די הויפּט־פירער פון דער הויפישער וואַך. איינמאָל, אין אַ שבת, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ געהיימען באַפעל אַרומצורינגלען דעם בית המקדש מיט אַ וואַך און נ י ט אַריינצולאָזן קיינעם פון דער קיניגינס אָנהענגער. דאַן האָט ער אַרויסגעפירט יואשן פון די אינעווייניקסטע חדרים פון בית המקדש, האָט אים אַרויפגעשטעלט אויף אַ הויכן אָרט און געקרוינט פאַר אַ קיניג. אונטער טרומייטן־שאַלן האָט דאָס פאַר־זאַמלטע פאָלק אויסגעשריען: „זאָל לעבן דער קיניג!“

אַז עתליה האָט דערהערט דעם טומל, איז זי געקומען צולויפן אין בית המקדש אַריין. דערזען יואשן מיט דער קרוין אויפן קאָפּ, האָט זי גענומען שרייען: „אָן אויפשטאַנד! אָן אויפשטאַנד!“ אָבער קיינער פון אירע אָנהענגער איז איר ניט געקומען צו הילף. דער כהן גדול האָט געהייסן זי אַרויספירן פון בית המקדש. ווי נאָר זי איז אַרויסגעגאַנגען פון בית המקדש, האָבן די קריגסלייט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן און זי געטויט. דאַן האָבן זיי צעשטערט „דאָס הויז פון בעל,“ וואָס עתליה האָט געהאַט אויסגעבויט, די פרעמדע מזבחות און בילדער און געהרגעט דעם כהן פון בעל — מ ת ן.

אין דער טראַגעדיע „עתליה“ שטעלט ראַסין פאָר די לעצטע מאָמענטן פאַר דער איבערקערעניש און די איבערקערעניש גופא. אין די ערשטע צוויי סצענעס פונם ערשטן אַקט פון דער טראַגעדיע זעען מיר דעם כהן גדול יהוידע און עתליהס קריגספירער א ב נ ר אין בית המקדש. ס׳איז שבועות, דער יום טוב פון מתן תורה און פון שניט. אבנר באַדויערט, וואָס דער קיניגין עתליהן האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוציען אַ גרויסן טייל פון פאָלק צום בעל און נאָר אַ קליינער טייל פון פאָלק איז געבליבן טריי דעם יידישן גאָט און זיין תורה. ער האַלט, אַז יהוידעס לעבן איז איצט אין געפאַר. די קיניגין האָט ווידער, ווייזט אויס, פאַר־טראַכט אַ בלוטיקע טאַט. איר שנאה צום בית המקדש און צו די כהנים, וואָס האַלטן אונטער זיין גלאַנץ, ברענט אַלץ שטאַרקער. עס שטילט זיך אויך ניט איר האַס צום כהן גדולס פרוי י ה ו ש ב ע, דער שוועסטער פונם לעצטן הערשער פון בית דוד. די נקמה־געפילן צעבלאָזט אין איר דער הויפּט־פּריסטער פון בעל, מתן. ער האָט איר איינגערעדט, אַז יהוידע האַלט באַהאַלטן אין בית המקדש די אוצרות פון בית דוד, אַז יהוידע איז פאַר איר זייער געפערלעך. יהוידע זאָגט, אַז ער האָט קיין מורא ניט פאַר דער קיניגין, ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף גאָט. וואָס ס׳איז שייך אבנרן, זאָגט ער אים, אַז ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים דאַרף מען באַווייזן די טרייהייט צו גאָט. אויף אבנרס באַמערקונג, אַז גאָט האָט זיך, ווי עס שיינט, אָפּגעקערט פון זיין פאָלק, ענטפערט יהוידע, אַז דאָס איז ניט אמת. מיר זעען זיינע נסים יעדן טאָג. אָט איז דאָס אומריינע הויז פון אחאָב כמעט

אינגאנצן פארטיליקט געווארן. דאס וועקט האפענונג א״יך אויף להבא. אבנר פרעגט דאן, ווי אזוי קען קומען די הילף, אז פון בית דוד, דורך וועמען גאט האט צוגעזאגט אויפצוריכטן דאס פאלק ישראל, איז ניט געבליבן קיין שפראץ. יהוידע ענטפערט אים מיט א באמערקונג, אז נאך איידער די זון וועט פארגיין, וועט ער זיין אן עדות פון א נייעם נס. אבנר אפ. עס קומט אן יהושבע. יהוידע מעלדעט איר, אז עתליה האט פארטראכט צו פארשוועכן דעם מזבח. ער האלט, אז ס׳איז שוין צייט צו אנטפלעקן דעם סוד און ווייזן דעם פאלק דעם געזעצלעכן מלך, וואס איז ביז איצט געווען באהאלטן פון פרעמדע אויגן. ער וויל אים נאר פריער זאלבן פאר גאט. ער הייסט צונויפרופן אלע כהנים און לויים, וועלכע ער וועט באווייזן דעם מלך.

יהושבע פרעגט, ווער וועט שיצן דעם מלך קעגן דער מאכט פון עתליה, וועלכע וועט זיכער צונויפזאמלען אלע קרעפטן, כדי צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד. יהוידע זאגט, אז פארטיידיקן דעם קיניג וועלן די כהנים און די לויים. יהושבע באמערקט אים אויף דעם, אז הגם זי ווייס, אז יהוידע האט די לעצטע צייט זייער צאל פארטאפלט, דאך גלויבט זי ניט, זיי זאלן זיין בכח זיך קעגנשטעלן דער שטארקער ארגאניזירטער ארמיי פון דער קיניגין. יהוידע טרייסט זי און דריקט אויס די האפענונג, אז אלץ וועט זיך ענדיקן בשלום. (יהוידע אפ)

ערשטער אקט.

דריטע סצענע

יהושבע, זכריה, שלומית, כאר.

יהושבע (צום זון): מיין ליבער זכריה, גיי צום פאטער אומגעזאמט;
באגלייט אים אומעטום און פאלג זיין יעדן ווארט. —
און איר, א טעכטער לויים, יונג־געטרייער שאר,
מיט אייפער הייליקן געבענטשט פון גאט דעם האר,
וואס איר פלעגט טיילן אפט מיין טיפן הארצנס צער,
אין לאנגן־טרויער־פיין מיין איינצעדיקע טרייסט, —
מיט קראנצן אין די הענט, מיט בלומען אין די קעפ
פלעגט קומען איר אהער אין העלע פייערטעג;
און היינט — אין טעג פון ווייטאגלעכער שאנד און שמארץ —
וואס קענען ברענגען מיר צו גאט מער ווי געוויין?
נאר שא — איך הער א הייליקן טרומייטן־קלאנג, —
מען עפנט דעם ארייננגאנג פונם מקדש גלייך.
פארלאז איך אייך, געלוסטיקע מיין הארצנס, איצט,
און איר — נעמט זינגט און לויבט צו גאט דעם האר פון וועלט.

דער כאר זינגט וועגן דער גרויסקייט און מעכטיקייט פון גאט, דעם באשעפער פון דער וועלט. העכער פון דער גאנצער שאפונג שטייט גאטס הייליקע תורה, וועלכע ער האט געשאנקען די יידן אויפן בארג סיני.

צווייטער אקט.

צווייטע סצענע.

יהושבע, זכריה, שלומית.

זכריה קומט צולויפן א דערשראקענער פון בית המקדש.

יהושבע: וואס זע איך! זון מיינער, פארוואס קומסטו צוריק?
וואס לויפסטו בלאס אזוי, כמעט אן אטעם גאנץ?

זכריה: אָ מוטער מיין!

יהושבע: וואָס איז, מיין זון?

זכריה: דער מקדש איז פאַרשוועכט!

יהושבע: אָ, ווי אַזוי?

זכריה: און זיין מִזְבֵּחַ האָט פאַרלאָזן גאָט.

יהושבע: איך ציטער. אָ אייל דיין מוטער מאַכן קלערער אלץ.

זכריה: מיין פאָטער כֹּהֵן גָּדוֹל נון האָט לויט געזעץ
געוויזן זיך פאַר גאָט, וואָס שפּייזט דעם מענטשן=מין,
מיט ערשטן ברויט—אַ מִנְחָה פונם נייעם שניט
און באַלד דערנאָך געבראַכט צו אים דעם איינגעווייד
פון קָרְבַּן־שְׁלָמִים מיט אַ האַרצנס=תּפילה הייס;
מיין חָבֵר=פריינד אֶלְיָקִים האָט צוגלייך מיט מיר
אין בגדי=כּהונה טריי געהאָלפן אים אין דינסט;
און אויך די כּהנים די אַנדערע פאַרטיפט
אין דער עבודה זיינען אַלע דאַן געווען; —
ווי פּלוצלינג הייבט זיך אויף אַן אומקלאָרער גערויש...
ס׳.נִשְׁתּוֹמֵם פאָלק שטרענגט אָן די אויגן און ס׳געהער:
אַ פרוי... איך קען איר נאָמען ניט דערמאָנען גאָר!
דאָס איז געווען — עֲתַלְיָה די מַרְשַׁעַת!

יהושבע: אָ גאָט!

זכריה: אין דעם אַריינגאַנג, וואָס פאַר מענער איז באַשטימט,
איז זי אַריין מיט גַּאֲוָה און דעם שטערן אינדערהייך,
אַריבערטרעטן גריייט דעם הייליק=שטרענגן תּחום,
וואָס אָפן פריי איז בלויז פאַר זין פון קֵיִס שטאַם.
פון אַלע זייטן לויפט דאָס פאָלק אין הוילן שרעק...
מיין פאָטער... ס׳אַר אַ צאָרן הייליקער האָט דאַן,
ביים חילול=קוֹדֶשׁ, פון די אויגן אים געבליצט!
בֶּן־עַמְרָם איז פאַר פַּרְעֹהן שטרענגער ניט געווען!
„גיי, קיניגין פון זינד, אַרויס, — האָט ער געזאָגט, —
פון שטרענגן הייליקטום! ניט וואַג אים צו פאַרשוועכן!
צי ציטערט ניט דיין האַרץ גאָר טיף פאַר גאָט דעם האַר?"
דאַן האָט זי בייז אַ בליק געטאָן און ג׳עפנט ס׳מויל
געוויס צו לעסטערן דעם לעבעדיקן גאָט...
איך ווייס ניט צי פון גאָט אַ מלאך ט׳זיך אַנטפּלעקט
און אויסגעשטרעקט אויף איר אַ בלאַנקנדיקן שווערד, —
נאָר פּלוצלינג האָט איר צונג אין מויל זיך אָפּגעשטעלט
און אין איין אויגנבליק — פאַרשווונדן איז איר מוט.
מיט אויגן אָן באַוועגונג, אויסגעגלאָצט פון שרעק,

איז פון אליָקימען זי גאַר געווען דערשטוינט.

יהושבע: וואָס רעדסטו, זון? אליקים האָט פאַר איר דערשיינט?!

זכריה: מיר האָבןביידע אויף דער מערדערין געגאַפט
און ביידנס הערצער האָבן ציטערפול געקלאַפּט...
נאָר דאָ גלייך האָבן כהנים אונדז שנעל פאַרשטעלט
און געהייסן גיך אַוועקגיין... — ווייס איך ניט דעם סוף
און כ'בין געקומען דיר דערציילן פון דער שרעק.

יהושבע: אוי שלעכט!
זי וויל געוויס אַוועקרויבן דאָס קינד פון אונדז
און פרעך אַרום מזבח קומט זי'ס זוכן אים...
און אפשר — שוין אַ סוף פון קינד?... אַ גרויסער גאָט!
פאַרנעם מיין זיפץ, דעם ציטער־פלאַטער פון מיין האַרץ!
לאָז ניט פאַרלאָשן ווערן דָוִדס לעצטע ליכט!

שלומית: אויף וועמענס גורל, מוטער, יאָמערסטו'ס און קלאָגסט?

זכריה: צי שטייט דען פאַר אליקימס לעבן אַ געפאַר?

שלומית: צי דראָט אים דען דער צאָרן פון דער קיניגין?

זכריה: זי שרעקט זיך פאַרן יָתום דען, וואָס אָן שום שוץ?

יהושבע: אַך — אָט איז זי! קומט, קינדער ליבע, גיך אַוועק!

עס קומט אָן עתליה מיט איר סוויטע. עתליה באַקלאָגט זיך, אַז זי איז זייער אויפגערעגט און אומרויק. זי שיקט נאָכן כהן פון בעל מתן. אפשר וועט ער זי בארויקן. אבנר פאַר־טיידיקט פאר איר יהוידען, אָנווייזנדיק, אַז ער האָט געמוזט האַנדלען לויט די שטרענגע פאַרשריפטן פון דער תורה.

פינפטע סצענע.

עתליה, אַבְנֵר, מַתָּן, עתליהס סוויטע.

מתן: אַ גרויסע קיניגין! צי דען איז דאָ דיין אָרט?
ווי בלאַס און טריב דו ביסט, ווי קעלטערט'ס דיך פון שרעק!
נאָך וואָס ביסטו געקומען איצט אַהער צו פיינד?
האָסט דען געמיינט צו זייער האַס אַ סוף צו מאַכן?

עתליה: איך בעט אייך: נייגט דעם אויער און פאַרנעמט מיין וואָרט.
איך וועל איצט ניט דערמאָנען וואָס געווען אַמאָל,
זיך ניט פאַרענטפערן אין דעם פאַרגאָסן בלוט:
וואָס כ'האָב געטאָן, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב.
איך אַכט ניט אויפן משפט פונם מורדים־פאָלק.

אין אַלץ, פאַר וואָס ער האָט מיט חוצפה מיך פאַרדאַמט,
האָט גראָד דער הימל גאַנץ גערעכט געגעבן מיר.
צוליב די גלאַנצפולע נצחונות פון איר מאַכט
ווערט צווישן ימים צוויי עתליה הויך געאַכט.
יהודה גניסט פון שלום איצט אַדאַנק בלויז מיר.
דער יַרדֵן זעט מער קיין אַראַבער ווילדן ניט
און אויך דער בייזער פיינד פון אַלטע דורות אָן,
דער פלִשתי—פרעך פאַרוויסט ניט אייער היימלאַנד מער;
דער קיניג פון אֲרָם באַגייט זיך גוט מיט מיר,
ווי מיט אַ קיניגין און מיט אַ שוועסטער שיין.
און דאַן — דער בוגד און פאַרפאָלגער פון מיין הויז,
וואָס וואָלט געוועלט פאַרניכטן מיך אַכזריש-ווילד,
דער שטאָלצער יֵהוא ציטערט אין זיין שומרון איצט:
פון אַלע זייטן דריקט אַ שטאַרקער שונא*) אים,
וואָס איך האָב אויפגעהויבן אויפן מערדער קלוג,
און איך בין פריי געבליבן הערשן אין מיין לאַנד.
כ'האָב פון מיין קלוגשאַפט שטיל די פרוכט געגאָסן...
נאָר אָט שוין וויפיל טעג צעשטערט מיין רו אַ שרעק
אַן אומדערטרעגלעכע. אַ חלום האָט מיין האַרץ
מיט טרויער אָנגעפילט, וואָס נאָגט און נאָגט געהיים
(ווי קלעגלעך—איך זאָל פאַר אַ חלום שרעקן זיך!).
איך מייד אים אויס, נאָר אומעטום פאַרפאָלגט ער מיך.
אין רעכטער אימה פון אַ טיפער שטילער נאַכט
האָט פאַר די אויגן מיר מיין מוטער העל דערשיינט,
ווי אין איר לעצטן טאָג, פאַרפוצט אין מלכות-פראַכט.
עס האָבן ניט געבויגן אומגליקן איר שטאָלץ;
זי האָט נאָך איינגעהיט דעם קונציק-שיינעם גלאַנץ
פון איר געצערטלטן געזיכט און גאַנץ באַזיגט
די אַרבעט די פאַטאַלע פון דעם יאָרן-גאַנג.
„אַ ציטער-אויף,—האָט זי מיט צער געזאָגט צו מיר:—
געטרייע טאָכטער, וואָס דו ביסט דיין מוטער ווערט!
עס צאָרנט בייז אויף דיר יהודהס שטרענגער גאָט
און וועט פאַרניכטן דיך אָן שום דערבאַרעמונג.
עס וויינט מיין האַרץ אויף דיר, אַ טעכטערל דו מיין!"
און ווי געענדיקט אָט דאָס גרוילנדיקע וואָרט,
האָט זי גענומען בויגן זיך צו מיר, און איך
האָב אויסגעשטרעקט די הענט אַרומצונעמען זי.
איך האָב אָבער געפונען בלויז אַ שוידערלעך געמיש
פון ביינער גאַנץ צעפאַלן און צעפוילטן לייב,
פון שטיקער קערפער בלוטיקע און גלידער-ברוך,

*) חזאל מלך פון ארם.

געשלעפּט אין שמוץ, צעטראָטן און געפּרעסן ווילד
פון הינט, וואָס האָבן זיך געריסן איבער דעם.

אבנר אָ גאָט!

עתליה אין מיטן דער מהומה ט'מיטאַמאָל דערשיינט
פאַר מיינע אויגן גאַנץ אַ קינד אַ יונגס און שיינס,
געקליידט אין פּראַכט, ווי כהנים בעת גאָטעסדינסט.
ס'האָט אויפגעלעבט מיין גאַנץ דערשלאָגענער געמיט
נאָר ווען איך בין צו זיך געקומען פונם גרויל
און האָב אַנטציקט זיך פון דער צאַרטקייט פונם קינד,
פון זיין באַשיידענעם און איידעלן געזיכט,
האָב פּלוצלינג איך דערשפּירט — אַ מאָרדנדיקע שטאָל
האָט מיר דער בוגד טיף אין ברוסט אַריינגעשטאָכן.
ס'קען זיין — אַ צופאַל האָט צונויפגעפּלאָנטערט דאָ
משונהדיקע זאַכן פיל אין איין געמיש.
איך האָב אַליין געשעמט זיך פאַר מיין שרעק,
געזאָגט זיך, אַז דאָס קומט פון מיין צעהיצטן קאָפּ.
דאָך איז מיר די נשמה טיף באַהערשט געווען דערפון
און כ'האָב צוויי מאָל דעם טרוים דעם זעלביקן געזען.
צוויי מאָל האָט פאַר די טרויער־אויגן מיר דערשיינט
דאָסזעלבע קינד, און אַלץ מיר צו דערשטעכן גרייט.
צום סוף, פאַרמאַטערט פונם שרעק, וואָס ט'מיך פאַרפאָלגט,
בין איך אַוועק צום בעל בעטן הילף פאַר מיר,
ביי זיין מזבח זוכן אין מיין אימה רו.
וואָס קומט ניט אויפן זין אַ שטערבלעכן אין שרעק!
אַן אומקלאָרער געפיל האָט מיר אַ שטויס געטאָן
צו גיין אין טעמפּל פון די בני יהודה שנעל
און איבערבעטן זייער גאָט האָב איך באַקלערט.
געגלויבט — מתנות וועלן איינשטילן זיין צאָרן. —
פאַרגיב מיין שוואַכקייט מיר, אָ גרויספּריסטער פון בעל! —
כ'שטייג איין, — אַן עולם לויפט, די עבודה אָפּגעשטעלט;
דער כהן גדול וואַרפט אין צאָרן זיך צו מיר!
און ווי ער רעדט צו מיר — אָ אומגעריכט — אַ שרעק!
איך האָב דאָסזעלבע קינד דערזען, וואָס ט'מיך געשראָקן,
אַזאַ ווי דער קאָשמאַר האָט אויסגעמאָלט מיר אים:
דאָסזעלבע אויסזען גאַנץ, דאָסזעלבע ליינענקלייד,
זיין גאַנג און זיינע אויגן און שטריכן פון געזיכט.
ער איז געגאַנגען ביי דער זייט פון כהן גדול,
נאָר מיך דערזען — איז באַלד פאַרשוווּנדן ער.
אָט וואָסער אומרו ס'צווינגט מיך דאָ פאַרהאַלטן זיך
און וועגן וואָס איך וויל פון ביידן אייך אַ ראָט.
איז וואָס באַטייט, מתן, דער גאַנצער ווונדער־פאַל?

מתן: דער טרויםֿ און דער צונויפפאַל שיינט מיר שווידערלעך צו זיין.

עתליה: אָט דאָס פאַטאַלע קינד האָסט, אַבנר, דאָך געזען?
פון וועלכן שֵׁבֶט איז ער, זאָג, פון וועלכן בלוט?

אבנר: צוויי קינדער האָבן ביים מזבח גלייך געדינט:
איינס איז דעם כהן גדול יְהוֹיָדָעס זון,
דאָס צווייטע איז מיר אומבאַקאַנט.

מתן: צו וואָס די רייד?
פון ביידן דאַרף מען, קיניגין, פאַרהיטן זיך!
איר ווייסט מיין אַכטונג און מיין פאַרזיכט צו יְוֹיָדָע;
איך זוך ניט קיין נקמה פאַר באַליידיקונג;
גערעכטיקייט רעגירט בלויז מיט מיין ראַט און טאַט.
נאָר ער אַליין וואָלט איצט דען וועלן אַ מאָמענט
אַפילו לאָזן לעבן אַ פאַרברעכער, ווען
דאָס זאָל אויך זיין זיין אייגן איינציק קינד?

אבנר: אויף וואָס פאַר אַ פאַרברעך קען פעיק זיין אַ קינד?

מתן: דער הימל האָט אים אונדז געוויזן מיט אַ דאָלך אין האַנט;
דער הימל איז גערעכט און קלוג, טוט נישט אומזיסט.
וואָס דאַרפט איר מער?

אבנר: נאָר אויפן גרונד פון בלויז אַ טרויםֿ
פאַרלאַנגסטו פון אַ קינד אַ קליינס פאַרגיסן ס'בלוט?
דו ווייסט דאָך נאָך אַפילו ניט זיין אָפּשטאַם, ווער ער איז!

מתן: ער וואַרפט אַ פּחד אָן, דאָס איז שוין גאַנץ גענוג!
און אויב פון ווילבאַרימטן יחוס איז זיין שטאַם,
דאַן מוז זיין מזל־גלאַנץ פאַרשנעלערן זיין אומקום.
קומט אָבער ער אַרויס פון פינסטערן המון,—
וואָס קען עס שאַדן דאַן ביי אַ געלעגנהייט
זיין בלוט דאָס נידערטרעכטיקע פאַרגיסן?
צי פאַסט עס פאַר מלכים אָפּצוהיטן שטרענג
פון אויספאָרשונגס־געריכט די לאַנגע פראָצעדור?
אַ שנעלע טויטשטראָף רעטעט אָפט זיי פון געפאַר.
מע דאַרף מיט איבעריקע זאָרג זיי ניט באַשווערן.
ווער ס'איז אין חשד, דער איז געוויס ניט ריין פון שולד.

אבנר: ווי קומט, מתן, אַ פּריסטער צו אַזוינע רייד?
זע, איך, דערצויגענער אין קריג און שלאַכטן־שרעק,
אַ בייז געצייג אין הענט פון קיניגינס נקמה, —
איך גיב מיין שטים דאָ אָפּ פאַר ס'אומגליקלעכע קינד!
און דו, וואָס מוזט צו די יתומים פאָטער זיין,
באַגייסטערער פון שלום אין די צייטן פון נקמה, —

פֿאַרדעקסטו צביעותדיק די רשעות פֿון דיין האַרץ
און איילסט איצט מוטוויליק פֿאַרגיסן קינדער=בלוט!
דו'סט מיר באַפֿוילן ריידן אמת, קיניגין!
וואָס איז די הויפּט=סיבה פֿון דיין צערודער=שרעק?
אַ חלום בלויז; אַ קינד אַ שוואַכס, וואָס ס'האָט אַמאָל
דיין וואָרנדיקע אויג, קען זיין, אָן זין געזען
און נאָכדעם מיטן גלויבן און פֿאַנטאַזיע אָנערקענט.

עתליה: כ'וויל, אבנר, מסכים זיין,—געווען, קען זיין, אַ טעות.
ס'קען זיין, אַ פּוסטער חלום האָט צופֿיל מיך פֿאַרפֿירט.
גוט. דאַרף מען טאַקע ווידער זען דאָס קינד פֿון=נאָנט.
מע דאַרף באַטראַכטן רויִק זיין געזיכט, די שטריכן.
גלייך זאָלן ביידע קינדער ווייזן זיך פֿאַר מיר!

אבנר: כ'האָב מורא...

עתליה: מע ווייזט דאָ מיר קיין אַכטונג ניט אַרויס!
ווו איז דער זין פֿון ווילד=משוגעדיקן אָפּזאָג?
דאָס קען אַרויסרופֿן ביי מיר אַ מאָדנעם חשד.
איך הייס: זאָל יהושבע אָדער יהוידע ברענגען זיי!
כ'וואָלט קענען, ווען כ'וואָלט וועלן, ריידן מיט אַ האַרבן טאָן.
איך וויל דיר, אבנר, אָפֿן זאָגן: דיינע כּהנים
דאָ קענען זיך באַרימען מיט עתליהס חֶסֶד בלויז.
איך ווייס אַלץ, וואָס זיי ריידן, טומלען וועגן מיר,
ווי זיי רכילותן אויף מיין רעגירונג און מיין מאַכט.
דאָך לעבן זיי און זייער טעמפּל עקזיסטירט.
נאָר כ'פֿיל, אַז גיך מיין ווייכקייט, חסד גייט צום סוף.
שוין צייט דעם פֿרעכן כּהן איינשטילן מיט צוים,
בּכְדֵי ער זאָל שוין מער ניט וואַגן מיך מְבַזֶה זיין.
גיי!

מתן, בלייבנדיק אַליין מיט דער קיניגין, דערציילט איר, אַז ער האָט באַמערקט, ווי הײַנט פֿרי האָט אבנר באַזוכט יהוידען. זי ווייס דאָך, ווי אבנר איז צוגעבונדן צו בית דוד. גאַנץ מיגלעך, אַז יהוידע גרייט צו אַ יורש פֿון דעם טראָן. זאָל דאָס זיין דאָס קינד, וואָס האָט זיך איר געחלומט, אָדער זיין אייגענער זון.

עתליה זאָגט, אַז מתן האָט איר געעפֿנט די אויגן. זי פֿאַרשטייט, אַז דער הימל האָט איר מתרה געווען, דאָך וויל זי זיך איבערצייגן און זיך דורכריידן מיטן קינד, ווייל אַ קינד קען זיך ניט פֿאַרשטעלן. דערווייל גיט זי אַ גיך געהיים אַרויס אַ באַפֿעל צו איר וואַך זיך צו באַוואָפֿענען און זיין גרייט צו אַ שלאַכט.

זיבעטע סצענע

יואָש, יהושבע, עתליה, זכריה, אבנר, שלומית.

צוויי לוויִם, דער כאָר, עתליהס סוויטע.

יהושבע (צו די צוויי לוויִם): אָ איר, גאָטס דינער, אָט די ביידע קינדערלעך,

וואָס זיינען אונדז אַזוי שטאַרק טייער־ליב, היט אָפּ.

אבנר (צו יהושבע): מעגסט רויק זיין: כ׳האָב אין מיין שוץ גענומען זיי.

עתליה: אָ הימל, וואָס כ׳באַטראַכט מער, קוק זיך איין...
ס׳איז ער! עס ציטערט מיר מיין גאַנצער גייסט פון שרעק.
(ווייזנדיק אויף יואשן) זאָג, יהושבע, דער איז דיינער?

יהשבע: וועלכער, קיניגין?

עתליה: אָט דער.

יהושבע: כ׳בין ניט זיין מוטער, קיניגין.
(ווייזנדיק אויף זכריהן) מיין זון איז דער.

עתליה (צו יואשן): מיין ליב יונג קינד, ווער איז דיין פאָטער? ענטפער מיר.

יהושבע: דער הימל האָט ביז היינט...

עתליה: וואָס ענטפערסטו פאַר אים?
לאָז ריידן אים.

יהושבע: אין אַזאַ צאַרטן עלטער
ווי קענסטו, קיניגין, פון אים דערקלערונגען דערוואַרטן?

עתליה: דאָס איז דער עלטער, אמת, פון דער ריינער אומשולד;
זיין תמימות שטערט נאָך אָבער ניט זיך צו אַנטפּלעקן
דעם ריינעם אמת. לאָז אַליין אים ריידן וועגן זיך.

יהושבע: (פאַר זיך) אָ גרויסער גאָט! גיב שׂכל איין די ליפּן פונם קינד!

עתליה: ווי רופט מען דיך?

יואש: אליקים.

עתליה: און דיין פאָטער ווי?

יואש: אַ גאַנצער יתום, זאָגט מען, בין איך פון געבאָרן אָן
פאַרבליבן אין באַשיצט פון רעכטער האַנט פון גאָט.
און מיינע עלטערן ווער זיינען — ווייס איך ניט.

עתליה: דו ביסט אָן עלטערן?

יואש: זיי האָבן מיך פאַרלאָזן.

עתליה: ווי איז דאָס מיגעלך? ווען?

יואש: פון טאָג פון מיין געבאָרן אָן.

עתליה: נו, און מע ווייס ניט אויך, פון וועלכן לאַנד דו שטאַמסט?

יואש: דער טעמפּל איז מיין היים, איך קען קיין אַנדער ניט.

עתליה: און ווו, דערציילט מען, האָט מען דיך געפונען?

יואש: צווישן בלוטדורשטיקע וועלף, גרייט אויפצופרעסן מיך.

עתליה: ווער האָט אין טעמפּל דיך געבראַכט?

יואש: אַן אומבאַקאַנטע פרוי,
וואָס האָט איר נאָמען ניט געזאָגט און איז פאַרשוואונדן.

עתליה: ווער זאָרגט פון דיינע ערשטע יאָרן אָן פאַר דיר?

יואש: ס׳פאַרלאָזט ניט גאָט דער האַר די קינדער זיינע אין אַ נויט.
ער גיט די פייגעלעך די קלענסטע זייער שפּייז
און ס׳גיסט זיין גוטסקייט זיך אויף הימל און אויף ערד;
איך רוף צו אים אין יעדן טאָג און ווי אַ פאָטער
דערנערט ער מיך מיט גאָבן פון זיין הייליקן מזבח.

עתליה: אַ נייער וווּנדער וואַרפט אין אומרו מיך און ציטער!
די צאַרטקייט פון זיין שטים, זיין תמימות און זיין חן
צענעמען מיך און מאַכן ווייך מיין צאָרניק האַרץ...
איך גיב זיך אונטער דעם געפיל פון מיטלייד!

אבנר: מיין קיניגין, אָט דער איז עס דיין מאָוריימדיקער שונא?
קלאָר: די חלומות דיינע בייזע זיינען בלויז פאַרפירערס!
און יענער קלאַפ פאַטאַלער, וואָס ט׳דיך ציטערן געמאַכט,
איז אפשר גאָר ס׳געפיל פון מיטלייד פון דיין אומרויקן האַרץ.

עתליה: (צו יואש און צו יהושבע) איר גייט אַוועק?

יהושבע: דו ווייסט שוין איצט דעם גורל פונם קינד;
זיין בייזיין דאָ קען סוף סוף כל דיר ווערן לאַנגווייליק.

עתליה (צו יואש): ביין, קער זיך אום. מיט וואָס פאַרנעמסטו זיך דעם גאַנצן טאָג?

יואש: איך דין צו גאָט דעם האַר און מע דערקלערט מיר זיין געזעץ.
מע לערנט לעזן מיך אין בוך אין געטלעכן
און כ׳הייב שוין אָן אַפילו עטוואָס שרייבן.

עתליה: וואָס לערנט דאָס געזעץ?

יואש: אַז ליבן דאַרף מען גאָט;
אַז ער באַשטראָפט, צי פרי צי שפּעט, פאַר לעסטערן זיין נאָמען;
אַז ער איז דער באַשיצער פון יתומים שוואַכע;
אַז שטאָלצע ליידט ער ניט און רעכנט האַרט זיך אָפּ מיר מערדער.

עתליה: איך ווייס שוין. נאָר דער גאַנצער עולם דאָ אין טעמפּל
מיט וואָס באַשעפטיקט זיך?

יואש: ער לויבט און בעט נאָר גאָט.

עתליה: צי וויל דען גאָט, מע זאָל אַיעדע שעה אים בעטן?

יואש: ס'איז פונם הייליקטום באַזייטיקט אַלץ וואָס וועלטלעך.

עתליה: און פאַרגעניגנס וועלכע האָסטו?

יואש: ביים מזבח טרעפט אַמאָל
דערלאַנג איך ווייראך אָדער זאַלץ דעם כהן גדול;
איך הער באַזינגען שיין גאָטס כוחות, וואָס אָן סוף;
איך זע די פּרעכטיקע און הייליקע עבודה.

עתליה: וואָס הייסט? דו האָסט גאָר ניט קיין בעסער צייטפאַרברענג?
כ'באַדויער טיף דיין טרויעריקן גורל, קינד!
קום, קינד, צו מיר אין פּאַלאַץ, דאָרטן וועסטו זען
מיין רום.

יואש: איך זאָל פאַרגעסן אַלע גאָטס גענאָדן!

עתליה: ניין, כ'וויל ניט צווינגען דיך אים צו פאַרגעסן.

יואש: דו בעטסט דאָך ניט צו אים.

עתליה: דו קענסט צו אים פרייַ בעטן.

יואש: איך וועל דאַן זען — מע בעט דאָרט צו אַן אַנדער גאָט.

עתליה: איך האָב מיין גאָט, צו וועמען כ'דין, און דו — האָסט דיינעם.
דאָס זיינען מעכטיקע צוויי געטער.

יואש: מ'מוז אָכטן מייַנעם בלויז!
ער איינער נאָר איז גאָט, קיין אַנדערער — ניטאָ;

עתליה: פיל פריילעכקייט וועסטו ביי מיר געפינען, — קום!

יואש: דאָס גליק פון די רשעים פאַרגייט ווי פרילינגס-שטראָם.

עתליה: ווער זיינען ס'די רשעים?

יהושבע: אַנטשולדיק, קיניגין!
אַ קינד...

עתליה (צו יהושבע): איך זע און עס געפעלט מיר, ווי דו לערנסט אים.
(צו יואש) נו קורץ, אליקים, עס געפעלט מיר דיין כאַראַקטער.
דו ביסט, אָן ספק, גאָר ניט קיין געוויינלעך קינד.
דו זעסט, איך בין די קיניגין און כ'האָב קיין יורש ניט;
פאַרלאָז די קליידונג, וואַרף די נידעריקע שטעל;
איך וויל מיט דיר מיין גאַנץ פאַרמעגן טיילן.
דו קענסט פון היינט זיך איבערצייגן אין מיין וואָרט:
וועסט תמיד ביי מיין טיש מיט מיר צוזאַמען זיצן;
איך וועל מיט דיר ווי מיט אַן אייגן קינד באַגיין זיך.

יואש: ווי מיט אַן אייגן קינד!

עתליה: יאָ... שווייגסט?

יואש: וואָס פאַר אַ פּאָטער

כ׳זאָל וואַרפן! פאַר...

עתליה: נו?

יואש: פאַר אַ וועלכער מוטער!

עתליה: (צו יהושבע) יאָ, זיין זכרון ז׳פעסט; אין אַלע זיינע ענטפערס
דערקען איך דיינעם און יויַדעס גייסט.
אָט ווי איר נוצט די ליבע רו און שלום אויס,
וואָס איך האָב אייך געשאָנקען! איר שטעקט אַן די יוגנט,
אַנטוויקלט אין איר פּשוט הארץ נאָר בייזע שנאה;
איר ברענגט פאַר איר אַרויס מיין נאָמען מיט פאַראַכטונג.

יהושבע: צי קען מען דען פון איר פאַרבאַרגן אונדזער אומגליק?
די גאַנצע וועלט שוין ווייס און רעדט פון דעם גענוג,
און דו אַליין העלפסט-מיט פאַרשפּרייטן די געשיכטע.

עתליה: יאָ, מיין גערעכטער צאָרן איז געווען מיין רום
און כ׳האָב פאַר מיינע עלטערן גענומען ראַכע.
איך האָב געזען — מע טויט מיין פאָטער און מיין ברודער,
מ׳וואַרפט פון דער הייך פון פּאַלאַץ ווילד אַראָפּ מיין מוטער
און אין איין טאָג און מיט-אַמאָל צעקוילעט מען —
אַ מאַויימדיקער שוישפּיל! — אַכציק *) בני מלכים!
און דאָס פאַרוואָס? נקמה פאַר נביאים אומגעקומענע,
וואָס זי האָט זיי באַשטראָפט פאַר חוצפּהדיקע העצערישע רייד!
און איך, אַ קיניגין, זאָל בלייבן קאַלט, אָן האַרץ,
אַ טאָכטער אָן שום ליבע, מיאוסע שקלאַפן
פון נאַרישער רחמנות, און אויף אָט דער בלינדער רשעות
זאָל איך ניט ענטפערן מיט בלוט פאַר בלוט
און מיט פאַרניכטונג פאַר פאַרניכטונג,
און ניט-פאַרטיליקן דאָס הויז פון אייער דוד,
ווי מע האָט אומגעבראַכט דעם אומגליקלעכן רעשט פון אַחְאָב!
וו וואָלט איך היינט געווען, ווען איך וואָלט ניט באַזיגט
מיין שוואַכקייט, וואָלט אין זיך די מוטער-ליבע ניט דערשטיקט:
ווען ס׳אייגן בלוט מיין וואָלט אַליין איך ניט פאַרגאָסן
און מיט איין קלאַפּ דאָן אייער מרידה ניט דערדריקט?
צום סוף, האָט די נקמה איינגעשפּאַרטע פון דיין גאָט
צעריסן יעטווידע פאַרבינדונג צווישן אונדזערע צוויי הייזער:
איך האָס טיף אייער דודן, און זיינע זין,
כאָטש פון מיין בלוט געבאָרן, זיינען מיר גאַנץ פרעמד.

*) אַ טעות פון מחבר: אין מלכים ב׳ קאַפּ. י פּ׳ א און ז שטייט :זיבעציק.

יהושבע: אַלץ האָט זיך איינגעגעבן דיר. גאָט זעט און משפט אונדז.

עתליה: דיין גאָט, דער שיצער אייער איינציקער פון לאַנג,
וועט דען דערפילן די הבטחות זיינע אייך?
זאָל ער אייך געבן אָט דעם צוגעזאָגטן קיניג —
דעם זון פון דוד, אייער האָפענונג, דערוואַרטונג...
נאָר מירן זיך נאָך זען. אין פריד! איך בין צופרידן.
כ'האָב זען געוואָלט און האָב געזען.

אבנר (צו יהושבע): געהאַלטן וואָרט:
איך קער דיר דעם פּקדון אום, וואָס דו האָסט מיר פאַרטרויט.

די קיניגין מיט איר סוויטע אָפּ. יהוידע באַרויקט די דערשראָקענע יהושבע, זאָגנדיק, אַז ער און די לויים וועלן באַשיצן דעם יונגן קיניג ביז זייער לעצטן טראָפּן בלוט. ער האָפט, אַז אויך אבנר וועט אים מיטהעלפן אין דעם הייליקן קאַמף. דערווייל באַנייט ער ווידער די גאָטעסדינסט.

נייַנטע סצענע.

דער כאָר.

איינע פון די יונגפרויען: עס שיינט פאַר אונדז אַ נייער שטערן אויף.
וואָס וועט פון אָט דעם וווּנדער-קינד באַלד ווערן?
ער גייט דרייסט-ערלעך קעגן שטאָלצע הערן
און לאָזט אויף זיך קיין ווירקונג פון פאַרפירער ניט אַרויף,
וויל פון געפּערלעכע תענוגים גאָר נישט הערן.

אַן אַנדערע: בּעת אַלע רויכערן צום בעל
פיל ווייַרויך מיט אַ בלינדן ציטער,
רופט אויס אַ קינד געוואַגט מיט שאַל:
„בלויז גאָט פון אייביק איז מיין היטער!"
און רעדט ווי אין אַן אַנדער פאַל
אֵלִיָהוּ פאַר איזֶבֶל ביטער.

אַ דריטע: קינד, אַנטפּלעק אונדז דעם סוד פון געבורט דיינעם נון:
צי דו ביסט ניט אַ הייליקן נָביאס אַ זון?

אַ פערטע: אַזוי ז'אַמאָל דער ליבער שְׁמוּאֵל
געוואַקסן אינם שוץ פון מִשְׁכָּן
און איז געוואָרן האָפענונג און נביא פון זיין פאָלק.
אָ, ווען דו וואָלסט ווי ער געקענט ישראל טרייסטן!

אַ פינפטע (זינגט): אָ קינד, ביסט גליקלעך אָן אַ שיעור,
וואָס דו'סט ביי גאָט געפונען חֵן,
וואָס ער דיך שיצט, איז וואַך צו דיר

און אויך דיין לערער ז'ער אליין!
געוואקסן ווייט פון וועלט, ביסט פון געבאָרן דו
מיט אלע הימלס=גאָבן רייך באַצירט
און פון דער רייצנדיקער פראַכט פון שלעכטס
איז ד'אומשולד דיינע ניט פאַרפירט.

דער גאַנצער כאָר: אָ קינדהייט גליקלעכע, געבענטשטע,
וואָס גאָט דער האר מאַכט קלוג און שיצט!

דינעליקע שטים (אליין): פונקט אזוי אין אַ באַהעלטעניש אין טאָל,
ערגעץ ביי אַ וואַסער לויטער=קלאָרן,
ווו ס'שטורעמט ניט קיין צפון=ווינט קיין מאָל,
וואַקסט אַ ליליע אַ יונגע, נאַטור=געליבטע פון צייט יאָרן.
געוואַקסן ווייט פון וועלט, איז פון געבאָרן ער
מיט אלע הימלס=גאָבן רייך באַצירט,
און פון דער רייצנדיקער פראַכט פון שלעכטס
איז ד'אומשולד זיינע ניט פאַרפירט.

דער גאַנצער כאָר: אָ גליקלעך איז אָן שיעור דאָס קינד,
וואָס גייט אין גאָטס געזעץ אָן זינד.

אַ שטים (אליין): מיין גאָט, דו ווייסט, ווי אומזיכער די אומשולד
מאַכט דורך איר וועג אין נעץ געדיכטן פון סכנות!
ווי די נשמה, וואָס דיך זוכט און וויל פאַרבלייבן ריין,
באַגעגנט שטרויכלשטיינער בלויז און ווילדע שונאים,
וואָס לויערן אויף וועגן און רופן ביז צום קריג!
ווו קענען דיינע קדושים זיך באַהאַלטן?
די וועלט איז גאַנץ באַהערשט פון די רשעים!

אן אנדער שטים: אָ פּאַלאַץ טייערער און שטאָט פון דוד,
אָ ווילבארימטער בארג, ווו גאָט האָט לאַנג גערוט,
פאַרוואָס האָט אויסגעגאָסן גאָט אויף דיר זיין צאָרן?
אָ ציון הייליקע, וואָס שוויגסטו, ווען דו זעסט,
ווי אויפן טראָן פון דיין בן־ישי זיצט—אוי וויי!—
אַן אומווירדיקע פרעמדע פרוי?

דער גאַנצער כאָר: אָ ציון הייליקע, וואָס שוויגסטו, ווען דו זעסט,
ווי אויפן טראָן פון דיין בן=ישי זיצט—אוי וויי!—
אַן אומווירדיקע פרעמדע פרוי?

דינעליקע שטים (זינגט ווייטער): און נון—אָנשטאָט די פרעכטיק=רירנדיקע תהילות,
ווו דוד ט'אויסגעדריקט דיר זיין אנטציקונג
און האָט געלויבט זיין גאָט, זיין האר און פאָטער,—
ועסט, ציון הייליקע, דען שוויגן, ווען דו זעסט—
מען לויבט דעם גאָט פון אָט דער פרעמדער אומווירדיקער פרוי
און מ'לעסטערט יענעם נאָמען, וועלכן ס'האָבן דיינע קיניגן פאַרגעטערט?

אַ שטים (אַליין): ווי לאַנג, אָ גאָט דו האַר, ווי לאַנג נאָך
וועלן אויפשטיין די רשעים קעגן דיר?
אַפילו אין דיין טעמפּל הייליקן קומען זיי מיט חוצפה קעגן דיר,
באַליידיקן דאָס פאָלק, וואָס איז געטריי דיר.
ווי לאַנג, אָ גאָט דו האַר, ווי לאַנג נאָך
וועלן אויפשטיין די רשעים קעגן דיר?

אַן אַנדער שטים: וואָס גיט אייך, זאָגן זיי, די ווילדע איידלמוט?
פאַרוואָס פאַרמיידט איר צו געברויכן
אַזוי פיל פאַרגעניגנס זיסע פון דער וועלט?
עס טוט דאָך גאָרנישט אייער גאָט פאַר אייך.

אַן אַנדער שטים: לאָמיר לאַכן, זינגען! זאָגט דידאָזיקע חבֿריא,
פון בלום צו בלום, פון איין פרייד צו דער צווייטער!
לאָמיר הוליען נאָר לויט אונדזערע פאַרלאַנגען!
אַן אומזין איז צו קלערן וועגן עתיד!
די לענג פון אונדזער לעבן איז אודנז אומבאַוווסט,
דעריבער לאָמיר איילן הײַנט געניסן פונם לעבן!
ווער ווייס, צי מירן מאָרגן זיין?

דער גאַנצער כאָר: ווי זיי וויינען, אָ מיין גאָט, ווי זיי ציטערן פאַר שרעק!
אוי וויי צו אייך! איר וועט ניט זוכה זיין צו זען
דעם גלאַנץ דעם אייביקן פון דודס שטאָט דער הייליקער.
דאָס האָבן מיר עס צו באַזינגען, האַר, דיין רום,
און אונדז האָסטו אַנטפּלעקט
דיין אומשטערבלעכע שיין;
דאָס האָבן מיר עס צו באַזינגען דיינע גאָבן
און דיין דערהייבנקייט.

אַ שטים (אַליין): פון אַלע ערדישע תענוגים, ווו זיי זינקען,
וואָס וועט זיי בלייבן? אַ שפּור בלויז פון אַ חלום,
אין וועלכן מע דערקענט דעם טעות.
און די דערוואַכונג זייערע—אַ דערוואַכונג פול מיט שרעק!
בעת ווען דער אביון ביי דיין טיש, אָ גאָט דו האַר,
וועט פון דיין פרייד געניסן הימליש גליק און פרייד,—
דאַן וועלן די פאַרברעכער טרינקען
פון דעם ניט אויסגעשעפּטן בעכער גיפט,
נקמה-גיפט, וואָס דו וועסט זיי דערלאַנגען
אין מאָרוויידיקן יום הדין!

דער כאָר: אָ דערוואַכונג פול מיט שרעק!
אָ חלום קורצער!
אָ מסוכנדיקער טעות!

אין די ווייטערדיקע אקטן דערציילט מתן דעם צווייטן פריסטער נבלן, אז די קיניגין האָט שוין געהאט באשלאָסן אריינצושטעלן אין בית המקדש א בילד פון בעל, אָבער נאָך דער באַגעגעניש מיטן יונגן קינד האָט זי זיך מערקווירדיק געענדערט. זי האָט אָנגעהויבן צו בענקען נאָכן קינד און צו ריידן וועגן אים. וועגן אויספירן דעם נקמה-אקט האָט זי אויפגעהערט צו טראַכטן. דאַן האָט ער, מתן, אריינגעגאָסן גיפט אין איר נשמה, זאָגנדיק איר אַ ליגן, אז ער האָט זיך דערוווסט, אז דאָס קינד שטאַמט פון זייער אַ גרויסן יחוס און יהוידע פאַרשפּרייט וועגן אים קלאַנגען, אז ער וועט זיין דער צווייטער משה ביי יידן. דאָס האָט צוריק אָנגעצונדן עתליהס צאָרן. זי האָט געמאָלדן, אז מאָרגן שוין הייבט זי אָן אַן אומבּרחמנותדיקע מלחמה מיט יהוידען, אויב ער וועט איר ניט געבן דעם קינד פאַר אַ משכון.

מתן איז זיכער, אז יהוידע, וועלכער איז זייער צוגעבונדן צום קינד, וועט אים געװיס ניט אָוועקגעבן. דאַן וועט ער, מתן, האָבן פרייע הענט און וועט זיך בלוטיק אָפּרעכענען מיט יהוידען.

עס קומט אָן יהושבע. מתן גיט איבער דעם ווונטש פון דער קיניגין מתן מאַכט אויפמערקזאַם, אז זייער אָפּזאָג וועט זיין אַ באַוויַז, אז די קלאַנגען וועגן דער הויכער אָפּשטאַמונג פונם קינד און וועגן זייערע כונות צו דערקלערן אים פאַר אַן אויסלייזער פון די יידן, זיינען ריכטיקע. אינדעם קומט אָן יהוידע. ער צאָרנט אויף יהושבען, וואָס זי רעדט מיטן טמאן כהן פון בעל.

מתן פילט זיך שטאַרק באַליידיקט און פאַרלאָזט מיט דראָונגען די ווענט פון בית המקדש.

בלייבנדיק אליין, זאָגט יהושבע, אז זי ציטערט פאַרן גורל פון קינד און זי וואָלט וועלן מיט אים אַנטלויפן אין מדבר אָדער צו יהוא מלך ישראל. אָבער יהוידע וואַרפט אָפּ יהושבעס פּלאַן. ער וועט זיך בעסער צואיילן אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען דעם סוד און זאָלבן דעם קינד עפנטלעך פאַר אַ מלך נאָך איידער מתן וועט באַוויַזן אויסצוקלערן נייע גזרות קעגן אים.

יהוידע גייט אַוועק אין די אינעווייניקסטע חדרים און טיילט פונאַנדער געווער די לויים. זיי ברענגען אריין די כּרוין, דודס שווערד און די תורה. יהוידע אַנטפּלעקט פאַר יואָשן דעם סוד פון זיין אָפּשטאַמונג, ווי אזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן. דאַן טוט ער אים אָן די קרוין און זאַלבט אים פאַר א מלך. פ א ר ן זאַלבן נעמט ער ביים יונגן מלך א שבועה, אז ער וועט אייביק טריי בלייבן דער תורה, באַציען זיך מיט רחמנות צו די אונטערדריקטע, צו אלמנות און יתומים, געדענקענדיק, אז ער אליין איז געווען א יתום. אלע ארום קניען פאַרן מלך יואָש.

עס קומט אָן א לוי און דערציילט, אז דער קיניגינס חייל האָט ארומגערינגלט דעם גאַנצן בית המקדש. עס שאַלן טרומייטן. דער חייל גרייט זיך, ווייזט אויס, אָנצופאַלן אויפן בית המקדש; מע זאָגט, אז אבנר איז געפאַנגען.

יהוידע פאַראָרדנט דאַן, ווי אַזוי עס זאָל פאָרקומען די פאַרטיידיקונג פון בית המקדש און ווייזט אָן יעדערן זיין אָרט. ער פאָדערט אויף אַלעמען מוטיק צו פאַרטיידיקן די תורה און דעם מלך און זיין גרייט צום קאַמף. דעם כאָר הייסט ער ווייטער זינגען זיינע תפילות.

מיטאַמאָל קומט אין בית המקדש אריין אבנר. ער דערציילט, אז ער איז טאַקע געווען געפאַנגען, אז מע האָט אים פלוצלונג באַפרייט און געבראַכט צו דער קיניגין. עתליה האָט אים געהייסן גיין צו יהוידען מיט פאָלגנדיקער שליחות; ערשטנס — דער כהן גדול זאָל ארויסגעבן די אוצרות פון בית דוד, וועלכע ער האָט באַהאַלטן אין בית המקדש. צווייטנס — זאָל ער איר ארויסגעבן אליקימען. אבנר ראַט יהוידען צו דערפילן עתליהס פאַרלאַנג, ווייל איר חייל איז גרייט צום קאַמף, און יהוידע מיט זיין משפחה זיינען שוצלאָז.

לויט אבנרס מיינונג לוינט ניט צוליב א פרעמדן אומבאַקאַנטן קינד אזוי פיל צ ו ריזיקירן.

יהושבע זאָגט דאַן שטיל צו יהוידען, אז לויט איר מיינונג דאַרף מען אבנרן אנטפּלעקן דעם גאַנצן סוד. יהוידע ענטפערט איר, אַז ס'איז נאָך ניט די צייט

אבנר ווערט אומגעדולדיק און ווייזט אָן, אַז מע טאָר קיין צייט ניט פאַרלירן, ווייל דער אויפגעבראַכטער חייל פאָדערט אומגעזאַמט אַנצוהייבן דעם קאַמף. ער בעט יהוידען הײנט צו דערפילן די פאָדערונג פון דער קיניגין, כּדי, ער, אבנר, זאָל קענען געווינען צייט צו אָרגאַניזירן אַ חייל, אָפּצוּרעכענען זיך פאַר דער פאַרשוועכונג פון בית המקדש. אויב יהוידע איז ניט מסכּים דערמיט, ווייל ער בעסער שטאַרבן אויפן שוועל פון בית המקדש, איידער צו זען זיין פאַרשוועכונג.

יהוידע ענטפערט אים אויף דעם, אַז ער האָט אים איבערצייגט. באַלד וועט ער פאַר אַלעמען אַנטפּלעקן דעם אוצר פון בית דוד. ער פאַרלאַנגט נאָר פון דער קיניגין, זי זאָל פאַרקלענערן איר סוויטע, ניט אַריינגעמען קיין פרעמדע אין בית המקדש, ניט דערלאָזן אים צו רויבן. דאַן וועט ער איר אי איבערגעבן די אוצרות, אי דערקלערן די אָפּשטאַמונג פונם קינד. ער האָפט, אַז אבנר וועט דאַמאָלסט קענען באַשליסן, צי מע דאַרף דעם קינד אַרויסגעבן צי ניט. אבנר אָפּ.

פינפטער אַקט.

פערטע סצענע.

יואָש, יהוידע, יהושבע, זכריה, שלמית, עזריה, מחנות כּהנים און לויים.

יהוידע: לויים הייליקע, איר כּהנים פון אונדזער גאָט!
באַהאַלטן רינגלט גלייך אַרום דעם גאַנצן היכל;
זייט פלייסיק, שטיל, און זאָרגן וועגן אַלץ לאָזט מיך,
און אויף אַרויסצוגיין — וואַכט וואַכע אויף מיין רוף.

(זיי באַהאַלטן זיך אַלע)

אָ קיניג, גלויב, ס'איז דאָ אַ האָפענונג אַ פעסטע,
און גרייט זיך זען — דיין שונא פאַלט צו דיינע פיס.
אָט די מרשעת, וואָס פאַרפאָלגט דיך פון דיין ערשטן יאָר,
גייט שטורמיש שנעל אַהער דיך אומצוברענגען;
נאָר שרעק זיך ניט פאַר איר: צו שיצן דיך פון שונאים
שטייט גרייט דער מלאך דער פאַרטיליקער פון בייז.
שטייג אויף דיין טראָן אַרויף, און... אָבער — ס'עפנט זיך די טיר...
דערלויב אַן אויגנבליק דיך צו פאַרשטעלן.

(ער לאָזט אַראָפּ אַ פאָרהאַנג)

(צו יהושבע) דו ווערסט בת־מלך, בלאַס!

יהושבע: ווי קען אָן שרעק איך צוזען,
ווי מערדער ווילדע מאַכן פול גאָטס הויז?
זעסט, ס'אַר אַ גרויסע מחנות ס'גייען אין כּלי־זיין!

יהוידע: איך זע — די טיר פון הייליקטום פאַרמאַכט זיך ווידער.
ס'איז אַלץ איצט זיכער.

פינפטע סצענע.

עתליה, יואָש, יהוידע, יהושבע, אַבנר, די סוויטע פון עתליה.

(יואָש איז פאַרבאָרגן הינטערן פאָרהאנג).

עתליה (צו יהוידע): ביסטו דאָס דער פאַרפירער,
דער שפּער שעדלעכער פון בונטן, פון קאָמפּלאָטן,
וואָס האָפּענונגען לייגסטו אויף מהומות בלויז,
דם־שונא אייביקער פון אַלע העכסטע מאַכטן!
האָסט אויפן שוץ פון גאָט דיינעם פאַרלאָזן זיך;
נאָר האָט דען דיך דיין פאַלשע האָפנונג ניט גענאַרט?
ער גיט איצט איבער אין מיין האַנט דיין לעבן און זיין הויז.
אויף דעם מזבח, ווו דו האָסט געבּרענט קרבנות,
וואָלט איך געדאַרפט דיך... נאָר איך וועל צופרידן זיין
דערמיט, וואָס דו'סט מיר צוגעזאָגט, דאַרפסט האַלטן וואָרט:
גיב אָפּ דאָס קינד, דעם אוצר, מיר. ווו זיינען זיי?

יהוידע: אָ בלויז איין אויגנבליק! וועסט גאַנץ באַפרידיקט זיין.
איך גיי גלייך ווייזן דיר זיי ביידן מיט אַמאָל.

דער פאָרהאנג הייבט זיך אויף. מ'זעט יואָשן אויפן טראָן, זיין אַם אויף די קני פון דער רעכטער זייט; עזריה מיט זיין שווערד אין האַנט שטייט פון דער לינקער זייט, און לעבן אים אויף די קני אויף די טרעפּ פון טראָן — זכריה און שלומית. פון די זייטן עטלעכע לויים מיט שווערדן אין די הענט.

באַווייז זיך, טייער קינד, דו איידל בלוט פון אונדזערע מלכים!
דערקענסטו, קיניגין, דעם לאַנג געגאַרטן יורש
פון הייליקסטן פון די מלכים? דערקענסטו כאָטש
אויף אים די צייכנס פון דיין שאַרפן דאָלך?
דאָס איז דיין אייניקל — דער זון פון אֲחַזְיָהוּ —
און איצט דיין קיניג! — פאָלק און אַבנר שַׂר הַצָּבָא,
דערקענט דעם קיניג יואָש!

אַבנר: אָ הימל!

עתליה (צו יהוידע): בוגד!

יהוידע: דו זעסט דידאָזיקע געטרייע טאָכטער פון יהודה,
וואָס האָט, דו ווייסט עס גוט, געזויגן דאַן אים מיט איר ברוסט?
ער איז דורך יהושבע אין מאָמענט פון דיין רציחה
געראַטעוועט געוואָרן שנעל. דער בית המקדש
האָט אויפגענומען אים און גאָט האָט פאַרהיט אים.
פון דודס אוצרות — אָט וואָס ס'איז געבליבן מיר!

עתליה: דיין פאַלשקייט וועט, פאַררעטער, אויפן קינד מיט אומקום
זיך אָפּרופן. באַפרייט מיך, זעלנער, פון געשפּענסט פאַרהאַסטן!

יהוידע: אהער, איר קריגסלייט פונם לעבעדיקן גאָט!
פאַרטיידיקט אייער קיניג!

(דאָ עפנט זיך דער הינטער-גרונד פון דער סצענע. מ'זעט דעם פּנים פון היכל און באַוואָפנטע לוים גייען פון אַלע זייטן ארויף אויף דער סצענע.)

עתליה: ווו בין איך? אוי, אַ בונט!
אוי וויי, איך אומגליקלעכע מַלְכָּה! כ'בין אַרומגערינגלט
מיט שונאים מיט באַוואָפנטע פון אַלע זייטן!

יהוידע: אומזיסט אַ הילף איצט זוכן דיינע אויגן,
דו קענסט פון דאַנען ניט אַנטלויפן, זיך ניט רעטן,
פון אַלע זייטן ביסטו אין רשות פון גאָט ישראלס.
און אָט דער גאָט, וואָס דו האָסט אים געלעסטערט,
האָט היינט צו אונדז אין האַנט דיך אָפּגעגעבן,
און פאַר דאָס בלוט, מיט וועלכן דו'ס'ט זיך אָנגעטרונקען,
גיב אָפּ אַ דין וחשבון אים!

עתליה: וואָס איז'ס!
פון שרעק געליימט זיינ' מיינע אומווירדיקע זעלנער!
(צו אבנרן) און דו, אָ פחדן שענדלעכער, אין וואָס פאַר נעץ,
האָסטו פאַרפּלאָנטערט מיינע פיס?

אבנר: אָ קיניגין,
גאָט איז אַן עדות...

עתליה: לאָז דיין גאָט, פאַררעטער דו!
נקמה נעם פאַר מיר!

אבנר: (פאַלנדיק פאַר די פיס פון יואשן) פון וועמען? פון מיין האַר
און קיניג יואָש!

עתליה: ער? ער, יואָש, איז דיין קיניג?
געדענקט, רשעים, אַז מיין חייל רינגלט אייך אַרום נאָך!
איך הער: ער ברומט, ער רוישט, ער שרייט, — ער רופט מיך!
מע קומט צו הילף מיר. ציטערט, באַנדע מורדים!

זעקסטע סצענע.

ישמעאל, יואָש, יהוידע, עתליה, אויך אַלע פערזאָנען פון דער פאָריקער סצענע.

ישמעאל (צו יהוידע): מיין האַר, דער טעמפּל איז באַפרייט; ניטאָ שוין מער קיין פיינד!
די פרעמדע זיינען זיך אין שרעק צעלאָפן גיך
און ס'פאָלק יהודה ט'אָנערקענט זיין קיניג גלייך.
ווי עס צעווייט דער ווינט אַ רויך, אַזוי האָט היינט
די שטים פון דעם אַלמעכטיקן צעשפּרייט דעם פיינד.

פון הייך פון דער עֲזָרָה האָבן די בְּנֵי־לֵוִי
דעם פאָלק געמאָלדן וועגן בן־אחזיה אַלץ,
דערציילט ווי ניצול איז געוואָרן ער פון שווערד
און ווי עתליה איז אין נעץ אַריינגעפאַלן.
אין דעם מאָמענט האָט פלוצלונג אומעטום דערשאַלט
אַ מעכטיקער טרומייט־געקלאַנג, וואָס האָט פאַרשפּרייט
אין שונאס לאַגער, דעם דערשטוינטן, אַ מהומה
און אַ צעטרייסלענדיקע שרעק, ווי אין דער מחנה
פון די מִדְיָנִים שטאָלצע, ווען דער גרויסער גִדְעוֹן
האָט זיי מיט שופר־שטורעם שלאָגנדיק געיאָגט.
די לייט פון צור די ערשטע, וואָרפנדיק ס׳געווער און שילדן,
דורך וועגן זייַנען דורך פאַרשיידענע פאַרשוווּנדן;
יהודים עטלעכע פאַרלאָרן זייַנען אויך אַנטלאָפן;
די איבעריקע, אַנטציקט פון גאָטס הַשְׁגָחָה איבער יואָש,
בקול רָם דאַן האָבן זיך מיט פרייד דערקלערט פאַר אים:
צום סוף, אין איין באַגייסטערונג שוין האָבן אַלע —
הַן יונג, הַן אַלט, הַן ווייבער, קינדער, ס׳גאַנצע פאָלק —
געהאַלדזט זיך און געקושט און ברכות. הייסע שיקן פיל
צו גאָט געשיקט און אויך צו דעם, וואָס גאָט האָט זיי באַשערט.
זיי זינגען וועגן דודס אויפגעלעבטן זון.
אין שטאָט דער הייליקער איז בעל אין געפאַר:
פון טָמְאַדיקן טעמפּל זייַנעם האָט דאָס פאָלק
דעם טויער שוין צעבראָכן; מתן איז געטויט.

עתליה: דו גאָט פון בני־יהודה, האָסט געזיגט!
ס׳איז זיכער יואָש: כ׳זוך אומזיסט צו נאַרן זיך;
כ׳דערקען דעם אָרט, וווּ כ׳האָב געפערלעך אים פאַרווונדעט;
איך זע אַחזיהס שייַנעם וווּקס און זייַנע תנועות;
צום סוף דערמאָנט אין אים מיר אַלץ דאָס בלוט, וואָס כ׳האָב אַזוי!
עס יובלט דוד! נאָר דעם הויז פון קיניג אַחאָב
איז אומקומען באַשערט. דער שולדיקער אין אַלץ
ביסטו אַליין נאָר, אומדערבאַרעמדיקער גאָט;
דו האָסט פאַרפירט מיך מיט נקמה לייַכטער און דערפאָלג,
האָסט צוואַנציק מאָל אין טאָג מיך קעגן זיך אַליין
געשטעלט אין סתירה, מיך זיך אַליין פאַרהאַסט געמאַכט:
דאָ האָסטו צו אַ קינד אין מיר געוועקט רחמנות,
דאָ האָסטו מיך געררייצט מיט דייַנע רייַכע אוצרות, —
און איך האָב מיך געפאָרכט דייַן טעמפּל צו פאַרברענען,
אַפילו מיך געפאָרכט אים צו צערויבן.
נו זאָל רעגירן אָט דער זון, דורך דיר דערצויגן און באַזאָרגט!
און זאָל מען, צו פאַרהערלעכן זייַן נייַע מאַכט,
באַוועגן אים אַריינשטעכן אַ מעסער מיר אין ברוסט!

און גייענדיק נון שטאַרבן, ווינטשט זיין מוטער אים...
וואָס רייד איך: ווינטשט?—איך גלויב און האָף, אַז אונטערדריקט
שטאַרק פון דיין יאָך און מיד פון דיין געזעץ,
געטריי צו אַחאָבס בלוט, וואָס איך האָב אים געגעבן,
צום זיידן זיינעם גלייך און ענלעך אויף זיין פאָטער,—
וועט דער פאַרהאַסטער יוֹרֵש פון בן־ישיס שטאַם
דערנידריקן דיין רום, פאַרשוועכן דיין מזבח
און וועט אַ ווירדיקע נקמה נעמען דאַן
פאַר מיר, פאַר אַחאָב און איזבל!

(עתליה גייט ארויס, די לויים גייען נאָך איר).

יהוידע:

כְּהֶרֶף־עַיִן פירט פון הייליקטום אַרויס זי
און לאָזט ניט צו צו קיין פאַרשוועכונג דאָ!
איילט שנעל, פאַרשוואַרענע, און רעכנט אָפּ זיך שטרענג
פאַר די דערמאָרדעטע יתומים בני־מלכים,
כדי איינצושטילן דורך איר טויט ס'געשריי פון זייער בלוט.
און ווער ס'וועט פרווון אָנצינדן אַ פייער פון מְרִידָה —
זאָל אויפנעמען דעם טויט צוגלייך מיט איר!

פון פראַנצויזיש — א. ר. גאָלדשמידט.

זשאַן מאָליער.

זשאַן באַפּטיסט פּאָקלען, וואָס איז באַרימט אונטערן פּסעוודאָנים מ אָ ל י ע ר איז געבאָרן אין פּאַריז אין יאָר 1622. זיין פאָטער איז געווען אַ דעקאָראַטאָר אין קיניגלעכן הויף. די ליידנשאַפט צום טעאַטער האָט זיך ביי מאָליערן אָנגעהויבן אַרויסצווייזן נאָך אין דער קינדהייט. ער פלעגט כסדר באַזוכן אַ דעם הויף־טעאַטער, ווהין ער האָט געהאַט אַ צוטריט אַ דאַנק זיין פאָטער, אַ די פאַרשיידענע באַלאַגאַן־פאָרשטעלונגען אויף די מערק.

מאָליער איז פרי געבליבן אַ יתום און האָט אַ סך געליטן פון זיין שטיפמוטער. צום גליק האָט זיין זיידע געטראַכט וועגן זיין בילדונג און אָפּגעגעבן אים אין אַ יעזויִטישן קאָלעזש אין פּאַריז. דאָ האָט מאָליער געשטודירט די לאַטיינישע שפראַך. דאָס האָט אים שפּעטער געגעבן די מיגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די קאָמעדיעס פון די לאַטיינישע שריפטשטעלער פּ ל אַ נ ט אוּן ט ע ר ע נ צ י ו ס.

אחוץ דער בילדונג ביי די יעזויטן, וואָס איז געווען אַ ריין סכאָלאַסטישע, האָט נאָך מאָליער געגומען פריוואַטע לעקציעס ביים פילאָזאָף גאַסענדי, וועלכער האָט געלייקנט די סכאָלאַסטישע וויסנ־שאַפט און פאַרטיידיקט די פרייע עקספּערימענטאַלע אויספאָרשונג אין דער וויסנשאַפט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם קאָלעזש האָט מאָליער באַשלאָסן זיך צו ווידמען דער סצעניִשער קונסט. ער איז אַריינגעטראָטן אין אַ פּאַרי־זער טרופּע און גענומען אין איר שפּילן אונטערן נאָמען מאָליער. דידאָזיקע טרופּע האָט ניט געקענט פאַרבלייבן אין פּאַריז און האָט זיך געלאָזט וואַנדערן איבער דער פּראָווינץ. צוועלף יאָר האָבן געדוי־ערט מאָליערס וואַנדערונגען. פאַר דער צייט האָט זיך זיין טאַלאַנט אַנט־וויקלט און איז צייטיק געוואָרן. בעת די וואַנדערונגען פלעגט מאָ־ליער שטודירן דאָס לעבן אין אַלע זיינע דערשיינונגען און טיפּישע באַזונדערקייטן. ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט די פּראָווינציעלע דיאַלעקטן, מיט דער שאַרפער לעבעדיקער פאָלקסשפּראַך, וועלכע ער באַנוצט אָפט אין זיינע קאָמעדיעס. בעת די וואַנדערונגען האָט ער אויך פאַרפולקומט זיין ליטעראַרישע בילדונג, האָט געלייענט אין אָריגינאַל איטאַליענישע און שפּאַנישע פּאָעטן. די ווערק פון דידאָזיקע פּאָעטן פלעגט ער אָפט אינסצעניר[ן] פאַר זיין טרופּע. מאָליער אַליין האָט ווייניק וואָס געהאַלטן פון זיינע אינסצענירונגען, אָבער דער טרופּע האָבן זיי געבראַכט גרויסע נוצן. זי איז געוואָרן אַלץ מער באַרימט און אין יאָר 1658 האָט מען זי איינגעלאַדן צוריק קיין פּאַריז. דאָ האָט זי נאָך עטלעכע פּראָבע־פאָרשטעלונגען באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן ביים קיניגלעכן הויף אין זאַל פון פּאַלע־ראָיאַל. אין יאָר 1695 באַקומט זי דעם טיטול פון דער קיניגלעכער טרופּע און מאָליערן ווערט באַ־שטימט אַ פּענסיע פון 6000 ליר אַ יאָר.

אין פּאַריז דערגרייכט מאָליערס טאַלאַנט זיין העכסטע אַנט־וויקלונג. ער שרייבט איין אַ ריי קאָמעדיעס, אין וועלכע ער לאַכט אויס די אויפגעבלאָזענע כלומרשטע ראַפינירטקייט פון דער הויכער געזעלשאַפט, איר צביעות, אירע לעכערלעכע מנהגים און זיטן און דעם פּוסטן לעבן. די באַרימטסטע פון דידאָזיקע קאָמעדיעס זיינען: „די לעכערלעכע חנדלערינס", „טאַרטיוף", „דער מיזאַנטראָפּ", „דער קאַרגער" א. א.

איינע פון דידאָזיקע קאָמעדיעס, „דער טאַרטיוף", האָט אַרויס־גערופן אַ שרעקלעכע פאַרביטערונג פון דער העכערער געזעלשאַפט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַפילו דער קיניג לודוויג XIV, וועל־כער פלעגט געוויינטלעך באַשיצן מאָליערן, האָט געמוזט פאַרווערן צו שטעלן די פּיעסע. אינגאַנצן האָט מאָליער אָנגעשריבן 32 פּיעסן.

מאָליער איז געווען פאַרהייראַט מיט אַן אַרטיסטס אַ טאָכטער — אַרמאַנד ביזשאַר. זיין פאַמיליענלעבן איז געווען ניט גליקלעך.

געשטאָרבן איז מאָליער פּלוצלונג אין יאָר 1673, אין דער צייט פון דער פאָרשטעלונג פון זיין קאָמעדיע „דער שיינבאַרער קראַנ־קער", אין וועלכער ער האָט אַליין געשפּילט די ראָל פון דעם קראַנקן.

זשאַן מאָליער.

דער קאַרגער.

קאָמעדיע אין 5 אַקטן.

פערזאָנען:

הארפאגאָן.

קלעאַנט } זיינע קינדער.
עליזע }

זשאַק — }
לאַמערלוש, } זיינע דינער
בראַנדעוואַן, }
פרוי קלאָד }

לאַ־פלעש — קלעאַנטס דינער.

אַנסעלם.

וואַלער.

מאַריאַנע.

סימאָן, א מעקלער.

פראָזינע, א מעקלערין.

קאָמיסאַר.

דער הויפט־העלד פון מאָליערס קאָמעדיע „דער קארגער“ איז הארפאגאַן — א גרויסער גביר, נאָר א שרעקלעכער קמצן. זיין קמצנות איז אזוי גרויס, אז ער גיט ניט זיינע קינדער דאָס בוידיקסטע.

פון די ערשטע צוויי סצענעס דערוויסן מיר זיך, אז דעם קארגנס ביידע קינדער, דער זון און די טאָכטער, זיינען ביידע אין זייער א שווערער לאַגע: זיי זיינען ביידע פארליבט און קענען זיך ניט צונויפקומען מיט זייערע געליבטע צוליב דעם פאָטערס קמצנות. עליזע, די טאָכטער, האָט ליב א יונגנמאַן, וואָס האָט פארלאָרן זיינע עלטערן און איז איצט זייער אָרעם. כדי צו געפינען חן אין די אויגן פונם קמצן, האָט דערדאָזיקער יונגערמאַן (וואַלער) פארבאָרגן זיין שטאַנד און זיין בילדונג און זיך אריינגעקראָגן אלס פשוטער משרת ביים קמצן אין הויז, דערפילט אַלע זיינע קאַפריזן און לויבט זיין יעדע האַנדלונג.

דעם קמצנס זון, קלעאַנט, האָט ליב אַן אָרעם מיידל, מאַריאַנע, וועלכע ער וואָלט וועלן העלפן אין איר שווערער לאַגע. ער קען אָבער ביים פאָטער קיין זאַך ניט ארויסבאַקומען.

אין דער דריטער סצענע באַקענען מיר זיך מיט הארפאַגאָנען אַליין.

ערשטער אקט.

דריטע סצענע.

האַרפּאַגאָן, לאַ פלעש.

האַרפּאַגאָן: באַלד זאָלסטו מיר אַרויס פון דאַנען, און נישט גערעדט. נו, מאַך פּיס, דו שאַרלאַטאַן, וואָס דו ביסט. דו טורמעניק איינער!

לאַ פלעש (צו זיך) איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ רשע, ווי דער־דאָזיקער פאַרפלוכטער זקן. איך רעכן, אַז נישט אַנדערש ווי אַ נישט־גוטער זיצט אין אים.

האַרפּאַגאָן: דו מורמלסט נאָך צווישן די ציין!

לאַ פלעש: פאַרוואָס טרייבט איר מיך אַרויס?

האַרפּאַגאָן: דיר, תליה־יונג, דאַרף איך גיין אָפּגעבן אַ חשבון פאַרוואָס? אַרויס פון דאַנען, וואָרום איך דערהרגע דיך אויפן אָרט!

לאַ פלעש: וואָס האָב איך אייך געטאָן?

האַרפּאַגאָן: דו האָסט מיר געטאָן דאָס, אַז איך וויל זאָלסט באַלד אַרויס.

לאַ פלעש: אייער זון—מיין הער—האָט מיך באַפוילן צו וואַרטן אויף אים.

האַרפּאַגאָן: גיי אין אַלדי שווארצע יאָר וואַרטן אויף אים אין גאַס, אָבער נישט שטיין דאָ, ביי מיר אין שטוב, ווי אַ פּיקעט, נאָכצוקוקן אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר און פון אַלץ אָפּצולעקן אַ ביינדל. איך וויל נישט זען ביי מיר נאָכאַנאַנד אַ שפּיאָן, אַ פאַררעטער, וואָס גראָבט איין זיי־נע שפּיציקע אייגלעך אין אַלץ, וואָס איך טו, פרעסט מיט די בליקן מיין האָב און גוטס און האַלט רק אין איין נישטערן, טאָמער איז דאָ עפּעס צו לקחענען.

לאַ פלעש: ווי אַזוי, צו אַלדי גוטע יאָר, ווילט איר, איך זאָל ביי אייך לקחענען? צי קאָן מען דען בכלל גנבענען ביי אייך, אַז אַלץ איז ביי אייך אונטערן שלאָס און טאָג און נאַכט היט איר ווי אַ וואָך?

האַרפּאַגאָן: וויל איך דוקא אַלץ פאַרשליסן און אַלץ היטן, ווי אַ וואָך—אַזוי געפעלט מיר. וואָס זאָגט איר, איך בעט אייך, צו די נאָכשמעקער מיינע, וועלכע כאַפּן עס אויף אַלץ, וואָס איך טו? (שטיל, צו זיך) איך האָב שטאַרק מורא, ער זאָל שוין נישט האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף מיין געלט; (הויך) אפשר וואָלסטו געוועין אַ בעלן צו גיין אויס־פויקן פאַר אַלעמען, אַז איך האָב באַהאַלטן געלט?

לאַ פלעש: איר האָט באַהאַלטן געלט?

האַרפּאַגאָן: ניין, כל־בוניק, איך זאָג דאָס נישט! (שטיל) איך וועל משוגע ווערן. (הויך) איך פרעג, צי דו גייסט מיט אַ כּיון דערציילן מעשיות, אַז איך האָב באַהאַלטן געלט?

לאַ פלעש: וועמען אַרט עס, צי איר האָט, צי איר האָט נישט? אונדז גייט עס ווייניק אָן.

האַרפּאַגאָן: (אויפהייבנדיק די האַנט, כדי אים אַ פּאַטש צו געבן) דו חכמהסט זיך נאָך! איך וועל דיר דיינע חכמות אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. אַרויס פון דאַ־נען, זאָג איך דיר נאָכאַמאָל!

לאַ פלעש: מילא, גיי איך.

האַרפּאַגאָן: וואַרט נאָר, דו האָסט גאָרנישט גענומען מיט זיך?

לאַפּלעש: וואָס האָב איך דאָ געזאָלט נעמען?

האַרפּאַגאָן: קום נאָר אַהער. לאָמיר אַ קוק טאָן. וויַיז דייַנע הענט.

לאַפּלעש: אָט זייַנען זיי.

האַרפּאַגאָן: די אַנדערע!

לאַפּלעש: די אַנדערע?

האַרפּאַגאָן: יאָ.

לאַפּלעש: אָט זייַנען זיי.

האַרפּאַגאָן: (אָנווייַזנדיק אויף לאַ־פּלעשעס הויזן) אָט דאָ האָסטו גאָרנישט אַרייַנגעלייגט?

לאַפּלעש: גיט אַלייַן אַ קוק.

האַרפּאַגאָן: (טאַפּנדיק אים די הויזן) אין אַזעלכע הויזן קאָן מען גאַנץ גוט אַרייַנשטופּן געגנבעטע זאַכן און איך וואָלט טאַקע געוואָלט, אַז מען זאָל אַזאַ אייַנעם נעמען צו דער תּליה.

לאַפּלעש: (צו זיך) כ׳לעבן, אַזאַ פּאַרשוין כּאַרדינט, מ׳זאָל אים טאַקע אָפּטאָן דאָס, פּאַרוואָס ער ציטערט; מיט וואָס פאַר אַ פריַיד איך וואָלט עס אים באַגנבעט!

האַרפּאַגאָן: הא?

לאַפּלעש: וואָס?

האַרפּאַגאָן: וואָס זאָגסטו עפּעס: באַגנבעט?

לאַפּלעש: איך זאָג, אַז איר זוכט אומעטום, טאָמער האָב איך אייַך באַגנבעט.

האַרפּאַגאָן: אַודאי וועל איך עס טאַקע טאָן (ער זוכט אין לאַ פּלעשעס קעשענעס).

לאַפּלעש: (צו זיך) אַז אַמגפה זאָל אַרייַן אין אַלע קאַרגע.

האַרפּאַגאָן: הא, וואָס האָסטו געזאָגט?

לאַפּלעש: וואָס איך האָב געזאָגט?

האַרפּאַגאָן: יאָ, וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט: קאַרגע?

לאַפּלעש: איך האָב געזאָגט, אַז אַ מגפה זאָל אַרייַן אין אַלע קאַרגע.

האַרפּאַגאָן: וועמען מייַנסטו דערמיט?

לאַפּלעש: די קאַרגע.

האַרפּאַגאָן: אָבער ווער זייַנען זיי די קאַרגע?

לאַפּלעש: ווער זיי זייַנען? פּאַסקודנע, געמיינע ברואים.

האַרפּאַגאָן: אָבער וועמען מייַנסטו דערמיט?

לאַפּלעש: אָבער וואָס אַרט דאָס אייַך אַזוי?

האַרפּאַגאָן: איך ווייס, וואָס מיך אַרט.

לאַפּלעש: צי דען מייַנט איר, אַז איך וויל ריידן פון אייַך?

האַרפּאַגאָן: איך מיין דאָס, וואָס איך מיין; אָבער איך וויל, זאָלסט מיר זאָגן, צו וועמען דו רעדסט, ווען דו זאָגסט עס.

לאַפּלעש: איך רייד... איך רייד צו מיין היטל.

האַרפּאַגאָן: און איך וועל באַלד נעמען ריידן צו דייַנע זייַטן.

לאַפּלעש: איר וועט מיר דען פאַרווערן צו שילטן די קאַרגע?

האַרפּאַגאָן: ניין, אָבער איך וועל דיר פאַרווערן צו זייַן אַ חצוף. שווייַגן זאָלסטו!

לאַפּלעש: איך האָב דאָך קייַנעם נישט אָנגערופן.

האַרפּאַגאָן: פּרווו נאָר אַ פּיפּס טאָן, צעברעך איך דיר די ביינער!

לאַפּלעש: נו יאָ, אַז מע גיט אַ קלאַפּ אין טיש, רופט זיך אָפּ די שער.

האַרפּאַגאָן: דו װעסט שװײַגן, צי נײן?
לאַפּלעש: יאָ, כאָטש עס װילט זיך נישט.
האַרפּאַגאָן: האַ—האַ!
לאַפּלעש: (װײַזנדיק האַרפּאַגאָנען נאָך אַ קעשענע): אָט האָט איר נאָך אַ קעשענע. זײַט איר צופרידן?
האַרפּאַגאָן: בעסער גיב אָװעק אײדער איך נעם זוכן.
לאַפּלעש: װאָס זאָל איך אָװעקגעבן?
האַרפּאַגאָן: דאָס, װאָס דו האָסט גענומען.
לאַפּלעש: איך האָב בײַ אײַך גאָרנישט גענומען.
האַרפּאַגאָן: מיט אַן אמת?
לאַפּלעש: מיט אַן אמת.
האַרפּאַגאָן: נו, טאָ זאָג אַ גוטן טאָג און אין אַלדי שװאַרצע יאָר!
לאַפּלעש: דאַכט זיך, ער הײסט מיר גײן?
האַרפּאַגאָן: געדענק, אַז איך שטעל דאָס אױף דײַן געװיסן!

פערטע סצענע.

האַרפּאַגאָן, עליזאַ און קלעאַנט.

האַרפּאַגאָן: (אַלײן) דאָס איז אַ טרפהנער פּײַן, אױף װעלכן עס לאָזט זיך אַלץ גלױבן. איך װאָלט שטאַרק געװאָלט, אַז דערדאָזיקער הינקעדיקער הונט זאָל זיך מיר נישט װײַזן מער פֿאַר די אױגן!.. יאָ, ס'איז אַ שװערע עובֿדה צו האָבן בײַ זיך אַ גרױסע סומע געלט. גליקלעך איז דער, װאָס האָט באַװאָרנט זײַן געלט אין אַ זיכערן אָרט און האַלט בײַ זיך נאָר דאָס, װאָס ער דאַרף אױף דער הוצאה. אין דער גאַנצער שטוב איז נישט אױסצוגעפֿינען ערגעץ עפּעס אַ זיכערן אָרט. אײַזערנע קאַסעס זײַנען פֿאַר מיר קײן ערבֿות נישט, איך װיל מיך אױף זײ נישט פֿאַרלאָזן. פֿאַרקערט, זײ גיבן נאָך צו די גנבֿים מער אַפּעטיט און קודם כּל נעמט מען זיך צו זײ.

(דאָ דערשײַנען דער ברודער מיט דער שװעסטער, שטיל רײדנדיק צװישן זיך.

האַרפּאַגאָן: (מײנענדיק, אַז ער איז אַלײן) און פֿונדעסטװעגן װײס איך נישט, צי איך האָב גוט געטאָן, באַגראָבנדיק אין גאָרטן די צען טױזנט רענדלעך, װעלכע מ'האָט מיר נעכטן אָפּגעגעבן. צען טױזנט רענדלעך אין גאָלד... בײַ זיך... דאָס איז דאָך אַ סומע, װאָס... האַרפּאַגאָן, דערזעענדיק די קינדער) אױ, גאָטעניו, אָט האָב איך מיך אַלײן אַרױסגעגעבן. כ'האָב מיך אַזױ צעהיצט, אַז כ'האָב, דאַכט זיך, אָנגעהײבן צו רײדן צו זיך אַלײן אױפֿן קול!.. (צו די קינדער): װאָס איז דאָרט אַזױנס?

קלעאַנט: גאָרנישט, טאַטע.

הארפּאַגאָן. איר זייט שוין דאָ לאַנג דאָ?

עליזאַ. אָקאָרשט זיינען מיר אַריין.

הארפּאַגאָן: איר האָט געהערט...

קלעאַנט: וואָס, טאַטע?

הארפּאַגאָן: דאָס... אַז...

עליזאַ: וואָס?

הארפּאַגאָן: דאָס, וואָס איך האָב אָקאָרשט געזאָגט.

קלעאַנט: ניין.

הארפּאַגאָן: דאַכט זיך, אַז יאָ...

עליזע: אַנטשולדיק, טאַטע...

הארפּאַגאָן: איך זע, אַז איר האָט עפּעס געהערט. דאָס האָב איך גערעדט מיט זיך אַליין וועגן די צרות, וואָס מע שטייט היינט אויס איידער מע קריגט היינט אַ ביסל געלט און איך האָב געזאָגט, אַז גליקלעך איז דער, וואָס פאַרמאָגט ביי זיך אַ צען טויזנט רענדלעך.

קלעאַנט: מיר האָבן טאַקע נישט געוואָלט צוגיין צו דיר, כּדי דיר נישט צו שטערן.

הארפּאַגאָן: איך וויל דאָס אייך טאַקע זאָגן, כּדי איר זאָלט נישט אָננעמען די זאַך פּונקט קאַפּויר און נישט מיינען, אַז דאָס האָב איך ביי זיך צען טויזנט רענדלעך.

קלעאַנט: מיר גייען גאָר נישט אַריין אין דיינע געשעפטן.

הארפּאַגאָן: אָ, הלואי וואָלט איך טאַקע געהאַט אַ צען טויזנט רענדלעך.

קלעאַנט: איך גלויב נישט...

הארפּאַגאָן: דאָס וואָלט געווען גאָר נישט שלעכט פאַר מיר...

עליזאַ: דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וואָס...

הארפּאַגאָן: איך וואָלט זיי, כ'לעבן, נויטיק באַדאַרפט האָבן...

קלעאַנט. איך רעכן, אַז...

הארפּאַגאָן: זיי וואָלטן מיר צוניץ געקומען.

עליזאַ: דו ביסט...

הארפּאַגאָן: איך וואָלט מיך שוין דאַן נישט באַקלאָגט, ווי איצט, אויף דער שלעכטער צייט.

קלעאַנט: דאַכט זיך, טאַטע, אַז דו האָסט ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. מע ווייסט, אַז דו האָסט אַ גאַנץ היפּש פאַרמעגן.

הארפּאַגאָן: וואָס, איך האָב אַ היפּש פאַרמעגן? די, וועלכע האָבן עס דיר געזאָגט, האָבן געזאָגט כּזב ושקר. עס איז נאָך אַזאַ ליגן נישט געהערט געוואָרן. דאָס האָבן נאָר געמיינע מענטשן געקאָנט פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען.

עליזאַ: ווער נישט אין כּעס, טאַטע.

הארפּאַגאָן: דאָס איז דאָך אַן אומדערהערטע זאַך, אַז אייגענע קינדער זאָלן פאַרראַטן אַ טאַטן און ווערן אים שונאים.

קלעאַנט: אויב מע זאָגט, אַז דו האָסט אַ פאַרמעגן, איז מען דיר דערמיט אַ שונא?

האַרפּאַגאָן: יאָ, אַזעלכע דבורים און די קאָסטן, וואָס איר מאַכט מיר, קאָנען ברענגען דערצו, אַז עמיצער וועט קומען מיך קוילען, זייענדיק זיכער, אַז איך בין אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד.

קלעאַנט: וואָסערע גרויסע קאָסטן מאַך איך עס דיר?

האַרפּאַגאָן: וועלכע קאָסטן? דאַרף מען דען אַ סקאַנדאַליעזערע זאַך, ווי די קאָסטיומען, אין וועלכע דו שפּאַצירסט אַרום איבער די גאַסן? נעכטן האָב איך געהאַט אַזעלכע טענות מיט דיין שוועסטער, אָבער דו ביסט דאָך נאָך ערגער! דאָס איז דאָך פּשוט הימלשרייענד! אַז מע זאָל דיך אויסטאָן פון קאָפּ ביז די פיס, קאָן מען דאָך אַ גאַנצן קאַפּיטאַל האָבן. איך האָב דיר שוין צוואַנציק מאָל געזאָגט, מיין זון, אַז דיינע דרכים הייבן מיר נישט אָן צו געפעלן. דו שניידסט זיך אויף אַ מאַרקיז, און אום צו גיין אַזוי באַקליידט, האָסטו מיך סיידן געדאַרפט באַגנבענען.

קלעאַנט: ע, ווי קאָן מען דען דיך באַגנבענען?

האַרפּאַגאָן: וואָס קאָן איך וויסן? פון וואַנען זשע נעמסטו אויף זיך אָנצוטאָן אַזוי?

קלעאַנט: איך? גאַנץ איינפאַך: איך שפּיל, און אַזוי ווי עס גליקט מיר זייער אין שפּילן, פאַרטו איך פאַר זיך אַלץ, וואָס איך געווין.

האַרפּאַגאָן: און דאָס איז טאַקע זייער שלעכט. אויב עס גליקט דיר אין שפּילן, וואָלסטו בעסער באַדאַרפט אַריינלייגן דאָס געלט אין אַ זיכערן אָרט, כדי דערנאָך עס צו האָבן גאַנץ. איך רייד שוין נישט פון די איבעריקע זאַכן. נאָר איך וואָלט געוואָלט וויסן, צו וואָס דאַרף מען האָבן די אַלע בענדער און שמאָכטעס, מיט וועלכע דו ביסט אַרומגעפלאָכטן פון קאָפּ ביז די פיס? צי וואָלט נישט גענוג געווען אַ האַלב טוץ שפּילקעס, צו פאַרשפּיליען די הויזן? נייטיק דאַרף מען אויסגעבן געלט אויף פּאַריקן, בעת מע קען גאַנץ גוט גיין אין די אייגענע האָר, וועלכע קאָסטן גאָרנישט. איך וואָלט שווערן, אַז דיינע פּאַריקן און בענדער אַליין באַטרעפן אַוודאי צוואַנציק פּיסטאָלן, און צוואַנציק פּיסטאָלן ברענגען איין אין איין יאָר אַכצן ליוור מיט זעקס סו מיט אַכט דינאַרן. ווען מע זאָל זיי פאַרלייען אפילו פאַר איין דינאַר פון צוועלף.

קלעאַנט: יאָ, ביסט גאַנץ גערעכט.

האַרפּאַגאָן: מילא, לאָמיר עס אַוועקלייגן און לאָמיר ריידן פון אַנדערע זאַכן (דערזעענדיק, אַז קלעאַנט און עליזאַ מאַכן זיך צייכנס) האַ? (צו זיך) מיר דוכט, אַז זיי מאַכן זיך צייכנס, ווי אַזוי מיר אַוועקצוגנבענען מיין בייטל (הויך) וואָס איז דאָס פאַר זשעסטן? וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

עליזאַ: דאָס דינגען מיר זיך ביידע, טאַטע, ווער עס זאָל פון אונדז ריידן דער ערשטער. מיר דאַרפן דיר ביידע עפּעס זאָגן.

האַרפּאַגאָן: און איך דאַרף אויך עפּעס זאָגן אייך ביידן.

קלעאַנט: מיר ווילן ריידן מיט דיר, טאַטע, וועגן חתונה.

האַרפּאַגאָן: און איך וויל טאַקע אויך שמועסן מיט אייך מכח חתונה.

עליזאַ: אָ, טאַטע!

הארפאגאָן: וואָס איז דער „אָ!"? צי האָסטו מורא, טאָכטער, בלויז פאַרן וואָרט אָדער פאַר דער זאַך אַליין?

קלעאַנט: אַזוי ווי דו, טאַטע, פאַרשטייסט דעם ענין פון חתונה, מעגן מיר ביידע זיך שרעקן פאַר חתונה האָבן. מיר האָבן מורא, אַז מיר וועלן נישט אינגאַנצן מסכים זיין אויף דעם, וואָס דו וועסט פאַר אונדז אויסקלייבן.

הארפאגאָן: אַ ביסל געדולד. האָט קיין מורא נישט. איך ווייס, וואָס פאַר אייך ביידן איז גוט. קיין איינער פון אייך וועט נישט דאַרפן זיך באַקלאָגן אויף דעם, וואָס איך האָב בדעה צו טאָן. נאָר לאָמיר טאַקע ריידן צו דער זאַך. (צו קלעאַנטן) צי קענסטו נישט איינע אַ יונגע פערזאָן, וועלכע הייסט מאַריאַנע און וווינט נישט ווייט פון דאַנען?

קלעאַנט: יאָ, טאַטע.

הארפאגאָן: (צו עליזאַן) און דו?

עליזאַ: איך האָב וועגן איר געהערט ריידן.

הארפאגאָן: און ווי, מיין זון, געפעלט דיר דאָס דאָזיקע מיידל?

קלעאַנט: זייער אַ וואויל מיידל.

הארפאגאָן: און דאָס פנים?

קלעאַנט: אַן ערלעך קלוג פנים.

הארפאגאָן: און ווי זעט זי אויס, ווי האַלט זי זיך?

קלעאַנט: אויסגעצייכנט, אָן שום ספק.

הארפאגאָן. צי געפינסטו נישט, אַז אַזאַ מיידל, ווי זי, פאַרדינט, מע זאָל וועגן איר אַ טראַכט טאָן?

קלעאַנט: יאָ, טאַטע.

הארפאגאָן: גלויבסטו, אַז דאָס וואָלט געווען אַ געוווּנטשענער שידוך?

קלעאַנט: זייער אַ געוווּנטשענער.

הארפאגאָן: זעט זי אויס צו זיין אַ באַלעבאָסטע!

קלעאַנט: אָן שום ספק.

הארפאגאָן: און דו געפינסט, אַז אַ מאַן וועט מיט איר צופרידן זיין?

קלעאַנט: זיכער.

הארפאגאָן: ס'איז אָבער דאָ אַ קליינע שוועריקייט. איך האָב מורא, אַז זי האָט נישט גענוג נדן.

קלעאַנט: אוי, טאַטע, דאָס איז ניט וויכטיק, בשעת עס האַנדלט זיך וועגן חתונה האָבן מיט אַן ערלעכער, אָנשטענדיקער פערזאָן.

הארפאגאָן: נו, ס'איז נאָך ניט אַזוי. נאָר איין זאַך קאָן מען דאָ יאָ צוגעבן: אויב דערביי באַקומט מען ניט אַזאַ פאַרמעגן, ווי עס וואָלט זיך וועלן, קען מען זיך באַמיען עס צו געווינען פון אַן אַנדער זאַך.

קלעאַנט: פאַרשטייט זיך.

הארפאגאָן: ב"נאַ איך בין גאַנץ צופרידן, וואָס אונדזערע געפילן שטימען צוזאַמען, וואָרום איר אָנשטענדיקע האַלטונג און מילדקייט האָבן

געוואונען מיין הארץ און איך האב טאקע באשלאסן מיט איר חתונה צו האבן, אויב נאר זי פארמאגט עפעס.

קלעאנט: הא?

הארפאגאן: וואס?

קלעאנט: דו האסט, זאגסטו, באשלאסן...

הארפאגאן: חתונה צו האבן מיט מאריאנען.

קלעאנט: ווער? דו? דו?

הארפאגאן: יא, איך, איך, וואס איז דען?

קלעאנט: עפעס איז מיר פלוצלונג נישט גוט געווארן, איך מוז ארויסגיין פון דאנען.

הארפאגאן: דאס איז גארנישט, ס'וועט איבערגיין. גיי גיכער אין קיך און טרינק אויס א גלאז קאלט וואסער.

זעקסטע סצענע.

הארפאגאן, עליזע.

הארפאגאן: אט דאס זיינען זיי, אונדזערע היינטיקע אויסגעפוצטע פראנטלעך. פאר־מאגן אין זיך אזוי פיל כח, וויפיל א הינדל... יא, הייסט עס דאס, מיין טאכטער, האב איך באשלאסן פאר זיך. וואס אנבאלאנגט דיין ברודער, האב איך פאר אים איינע אן אלמנה, וועגן וועלכער מע איז היינט געקומען ריידן מיט מיר. דיך ווידער וועל איך חתונה מאכן מיטן הערן אנסעלם?

עליזע: מיטן הערן אנסעלם?

הארפאגאן: יא, ער איז א מענטש א רייפער, א געזעצטער, א בארעכנטער און איז נישט עלטער פון פופציק יאר. מע זאגט, אז ער איז זייער פעסט אין מעמד.

עליזע (מאכנדיק א רעווערענס): איך וויל גארניט חתונה האבן, טאטע, אויב דו וועסט ערלויבן.

הארפאגאן (נאכמאכנדיק עליזא'ן): און איך, טאכטערל מיינס, וויל, אז דו זאלסט דוקא יא חתונה האבן, אויב דו וועסט ערלויבן.

עליזע: זיי מיר מוחל, טאטע.

הארפאגאן: זיי מיר אויך מוחל, טאכטערל.

עליזע: איך בוק מיך און נייג מיך טויזנטער מאל פארן הער אנסעלם, אבער (מאכנדיק נאך א רעווערענס) נעם נישט פאר אומגוט, אויב איך וועל מיט אים בשום אופן נישט חתונה האבן.

הארפאגאן: און איך בוק און נייג מיך טויזנטער מאל פאר דיר, אבער (נאכמא־כנדיק עליזא'ן) נעם נישט פאר אומגוט, אויב דו וועסט מיט אים דוקא יא חתונה האבן. און טאקע היינט אין אוונט.

עליזע: נאָך היינט אין אָוונט?

האַרפּאַגאָן: נאָך היינט אין אָוונט.

עליזע: דאָס וועט ניט געשען, טאַטע.

האַרפּאַגאָן: דאָס וועט יאָ געשען, טאָכטערל.

עליזע: ניין!

האַרפּאַגאָן: יאָ!

עליזע: איך זאָג דיר: ניין!

האַרפּאַגאָן: איך זאָג דיר: יאָ!

עליזע: דו וועסט מיך דערצו ניט צווינגען.

האַרפּאַגאָן: איך וועל דיך דערצו יאָ צווינגען.

עליזע: איך וועל זיך בעסער אַ מעשה אָנטאָן, איידער נעמען אים פאַר אַ מאַן.

האַרפּאַגאָן: דו וועסט זיך קיין מעשה ניט אָנטאָן און וועסט אים יאָ נעמען פאַר אַ מאַן. געזען אַ הוצפּה! איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ מיידל זאָל אַזוי ריידן מיט אַ טאַטן?

עליזע: איז דאָס אָבער געהערט געוואָרן, אַז אַ טאַטע זאָל וועלן אַזוי חתונה מאַכן אַ טאָכטער?

האַרפּאַגאָן: דאָס איז אַ גאַנץ שיינער שידוך, קעגן וועלכן קיינער וועט אַ וואָרט ניט זאָגן, און איך וועט מיך מיט דיר, אַז אַלע וועלן מיר געבן גערעכט.

עליזע: און איך וועט מיך מיט דיר, אַז קיין איין פאַרשטענדיקער מענטש וועט דיר נישט געבן גערעכט.

האַרפּאַגאָן (דערזעענדיק פון וייטן וואַלערן): אָט איז וואַלער. ווילסטו, אַז ער זאָל זיין דער שופט צווישן אונדז ביידן?

עליזע: איך בין מסכּים.

האַרפּאַגאָן: וועסטו פאָלגן, וואָס ער וועט זאָגן?

עליזע: יאָ. ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועל איך טאָן.

האַרפּאַגאָן: ס'איז געמאַכט.

זיבעטע סצענע.

וואַלער, האַרפּאַגאָן, עליזע.

האַרפּאַגאָן: אַהער־צו גיי, וואַלער. מיר האָבן דיך אויסגעקליבן, זאָלסט אונדז זאָגן, ווער פון אונדז ביידן איז גערעכט: איך, צי מיין טאָכטער.

וואלער: איר, מיין הער, זייט גערעכט, אָן אַ שום ספק.

האַרפּאַגאָן: דו ווייסט דען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

וואלער: דאָס ווייס איך נישט, אָבער איר קענט נישט זיין אומגערעכט. איר זייט די גערעכטיקייט אַליין.

האַרפּאַגאָן: איך וויל זי היינט אָוונט חתונה מאַכן מיט אַ מענטשן, וועלכער איז אי רייך, אי קלוג; און זי, די חצופה, זאָגט מיר מיט עזות, אַז זי לאַכט זיך אויס דערפון, אַז עס פאַלט איר גאָרנישט איין. וואָס זאָגסטו אויף דעם?

וואלער: וואָס איך זאָג אויף דעם?

האַרפּאַגאָן: יאָ.

וואלער: המ... המ...

האַרפּאַגאָן: וואָס?

וואלער: איך זאָג, אַז אין גרונט גענומען זייט איר גערעכט: ס'איז דאָך אומ־מיגלעך, אַז איר זאָלט זיין אומגערעכט. אָבער פון דער צווייטער זייט איז זי אויך נישט אינגאַנצן אומגערעכט און...

האַרפּאַגאָן: וואָס? דאָס איז אַ שידוך פון שידוך־לאַנד. דער הער אַנסעלם איז אַ בכּבודיקער מענטש, אַן אַדלמאַן, אַ גוטער, אַ געזעצטער, אַ קלו־גער און זייער אַ פאַרמעגלעכער. דערצו נאָך זיינען אים פון דער ערשטער חתונה קיין קינדער נישט געבליבן, קאָן מען דען געפינען אַ בעסערן חתן?

וואלער: דאָס אַלץ איז ריכטיק, אָבער זי קען אייך דערויף ענטפערן, אַז מע דאַרף זיך אַזוי נישט איילן, אַז מע דאַרף פריער זען אַ געוויסע צייט, צי ער איז איר צום האַרצן, צי...

האַרפּאַגאָן: אָבער דאָס איז אַ געלעגנהייט, וועלכע מע דאַרף געשווינט אַ כאַפּ־טאָן מיטביידע הענט, ווי אַן אבן־טוב. דאָ איז נאָך דאָ אַ מעלה, וואָס אַנדערשוואו וועל איך נישט געפינען: ער איז זיך מתחייב זי צו נעמען אָן נדן!

וואלער: אָ, אויב אַזוי, זאָג איך שוין גאָרנישט. דאָס, זעט איר, איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך, און מע מוז זיך דערמיט רעכענען.

האַרפּאַגאָן: דאָס איז דאָך פאַר מיר אַ באַדייטנד געווינס.

וואלער: אַוודאי, אַוודאי: וועגן דעם קענען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, כאָטש, אייגנטלעך, אייער טאָכטער וואָלט געקענט טענה'ן, אַז חתונה איז נישט אַזאַ קלייניקייט, ווי מע קען מיינען; אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, מע זאָל זיין גליקלעך אָדער אומגליקלעך דאָס גאַנצע לעבן; אַז אַזאַ מין התחייבות, וועלכע דויערט דאָס גאַנצע לעבן, מוז געמאַכט ווערן זייער און זייער פאָרזיכטיק.

האַרפּאַגאָן: אָן נדן!

וואַלער: איר זייט גאַנץ גערעכט. דאָס איז שוין, פאַרשטייט זיך, אַן ענטפער אויף אַלץ. פאַראַן אָבער מענטשן, וועלכע וואָלטן אייך קענען זאָגן, אַז אין אַזעלכע פראַגן איז דאָס האַרץ פון אַ מיידל, אָן ספק, אַזאַ זאַך, מיט וועלכער מע מוז זיך רעכענען. און אַז דער אונטערשייד אין יאָרן, אין שטימונג און געפילן קען ברענגען דערנאָך צו זייער נישט קיין גוטע זאַכן.

האַרפּאַגאָן: אָן נדן!

וואַלער: אָ, קעגן דעם קען מען גאָרניט זאָגן. דאָס איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך. ווער, איך בעט אייך, וועט דען אַנדערש זאָגן? כאָטש, אייגנטלעך, זיינען פאַראַן אַ סך טאַטעס, וועלכע שאַנעווען פיל מער זייערע טעכטער, איידער זייער געלט; וועלכע ווילן נישט מקריב זיין זייערע קינדער לשם געשעפט און ביים טאָן אַ שידוך זעען זיי קודם כל, צי ס'איז פאַראַן יענע בנעימותדיקע צוגעפּאַסטקייט, וועלכע איז פאַרן פּאָר-פּאָלק תמיד אַ קוואַל פון ערע, פון נחת, פון פרייד, און...

האַרפּאַגאָן: אָן נדן.

וואַלער: יאָ, מע מוז מודה זיין, קעגן דעם דרייט זיך שוין די צונג נישט איבער. אָן נדן! וואָס קען מען דען ענטפערן אויף אַזאַ אַרגומענט?

האַרפּאַגאָן (צו זיך, קוקנדיק אין דער זייט פון גאָרטן): אַהאַ! מיר דאַכט, אַז אַ הונט בילט עפּעס. צי האָט שוין אפשר עמיצן מיין געלט ניט פאַרשמעקט? (צו וואַלערן): בלייב דאָ אויפן אָרט. איך קום באַלד צוריק.

עליזע פרעגט וואַלערן, צוליב וואָס ער האָט אַזוי גערעדט. ער דערקלערט איר, אַז לויט זיין מיינונג געהערט האַרפּאַגאָן צו דעם מין מענטשן, וואָס מע דאַרף זיי אַלץ נאָכגעבן, כדי זיי צו באַהערשן. ער ראָט איר אויך, זי זאָל זיך אויף היינטיקן אָוונט מאַכן קראַנק. דאַן וועט די חתונה, וואָס דער פאָטער האָט באַשטימט אויף היינט אָוונט, אָפּגעלייגט ווערן און זיי וועלן אַזוי אַרום געווינען צייט. דעריעענדיק, אַז האַרפּאַגאָן קומט אָן, הייבט וואַלער אָן צו זאָגן עליזאַן, אַז אַ מיידל מוז פאָלגן אַ פאָטער און חתונה האָבן מיט דעם, וואָס דער פאָטער ווייזט אָן, בפרט נאָך, אַז דער חתן פאָדערט ניט קיין נדן.

דערהערנדיק די רייד, ווערט האַרפּאַגאָן שטאַרק גערירט און זאָגט, אַז ער גיט איבער די טאָכטער אונטער וואַלערס השגחה.

קלעאַנט, וועלכער נויטיקט זיך שטאַרק אין געלט, שיקט זיין באַדינער לאַ-פלעשן צו אַ מעקלער פון אַ וווּכערניק. דער וווּכערניק איז מסכים צו לייען געלט, אָבער אויף גוואַלדיק שווערע תנאים: אי צאָלן אַ שרעקלעך הויכן פּראָצענט, אי צווינגען אים אָנשטאָט אַ טייל פונם געלט באַקומען אַלטע בגדים, מעבל, געווער א. ד. ג.

קלעאַנט האָט קיין ברירה ניט און שטימט איין אויף די אַלע תנאים. ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער וווּכערניק איז ניט קיין אַנדערער, נאָר האַרפּאַגאָן אַליין. צו האַרפּאַגאָנען קומט אָן דער מעקלער סימאָן און לויבט זייער

דעם לוה, וועלכן ער רעקאָמענדירט. ער דערציילט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ יורש פון זייער אַ פאַרמעגלעכן פאָטער, וועלכער איז שוין זייער אַלט און וועט מסתמא אינגיכן שטאַרבן. אויף האַרפּאַגאָנס פראַגע ענטפערט ער, אַז דער נאָמען פון דעם יונגנמאַן איז אים ניט באַקאַנט.

אינדעם קומט אַריין קלעאַנט. דער מעקלער ווייזט אָן, אַז דאָס איז טאַקע דער לוה. צווישן פאָטער און זון קומט פאָר אַ קאָמישע סצענע. דער פאָטער וואַרפט אויף דעם זון, אַז ער איז אַ פאַרשווענדער; דער זון וואַרפט אויף דעם פאָטער, אַז ער איז אַ געמיינער וווכערניק, וואָס נוצט אויס דעם צווייטנס טרויעריקע לאַגע, כּדי נתעשר צו ווערן.

אין דער ווייטערדיקער סצענע קומט פאָר אַ באַגעגעניש פון ה' האַרפּאַגאָן מיט דער שדכנטע פראָזינע. פראָזינע איז אַ דורכגעטריבענע פרוי, וואָס שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר האַרפּאַגאָנס קמצנות, און האָפט אַרויסצובאַקומען ביי אים כאָטש אַ ביסל געלט. זי קאַרגט ניט קיין חניפה־רייד, לויבט זיין שיינע געשטאַלט, זיין יונגן אויסזען, דערציילט אים, אַז זי האָט שוין אַזוי געווירקט אויף מאַריאַנען, אַז יענע איז שוין כמעט פאַרליבט אין אים. האַרפּאַגאָן שטראַלט אויף ביי דידאָזיקע רייד. ער בלייבט אָבער טויב צו אַלע אירע בקשות וועגן כאָטש אַ קליינער באַפרידיקונג פאַר איר מי.

אין די ערשטע סצענעס פון דריטן אַקט קומט פאָר די צוגרייטונג צו דער סעודה, וואָס האַרפּאַגאָן קלייבט זיך צו געבן לכּבוד זיין כּלה און לכּבוד דער טאָכטערס חתן. ער קלייבט צונויף אַלע זיינע באַדינער און ווייזט אָן יעדן וואָס צו טאָן. דערביי ווייזט זיך בולט אַרויס זיין געוואַלדיקע קמצנות: ער הייסט ריין מאַכן די שטוב, אָבער ניט צופיל רייבן די מעבל, צוגרייטן ווין, אָבער ניט פאַרגעסן אַריינצוגיסן אין דעם וואַסער, צוגרייטן אַזאַ שפּייז, וואָס קאָסט ביליג און מ'ווערט פון איר גיך זאַט. ער זאָגט נאָך אָן די באַדינער, אַז אויב עס וועט פעלן אַ וועלכע ס'איז כּלי, וועט ער זיי אָפּרעכענען פון די שכירות.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומען אָן צו האַרפּאַגאָנען פראָזינע מיט מאַריאַנען. מאַריאַנע איז צושראָקן. זי האָט מורא, אַז דער מאַן, וואָס פראָזינע שדכנט איר, איז צו אַלט. זי איז זיך מודה, אַז דער יונגער הער, וואָס איז ביי זיי געווען אַ פּאָר מאָל, האָט אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. פראָזינע ענטפערט אויף דעם, אַז די יונגע לייט זיינען אָרעם, דער אַלטער אָבער, מיט וועמען זי גייט חתונה האָבן, איז רייך. זי טרייסט מאַריאַנען, אַז דער אַלטער וועט קורץ נאָך דער חתונה שטאַרבן און דאַן וועט זי זיין פריי און רייך און וועט קענען חתונה האָבן גליקלעך. אינדעם קומט אָן האַרפּאַגאָן. מאַריאַנע דערזעענדיק אים שרייט אויס מיט שרעק: „וואָס פאַר אַ באַשעפעניש!“

דריטער אקט.

פינפטע סצענע.

הארפאגאָן, מאַריאַנע, פראָזינע.

הארפאַגאָן: (צו מאַריאַנען) נעמט נישט פאַר אומגוט, מיין שיינהייט, וואָס איך באַווייז מיך פאַר אייך אין ברילן. איך ווייס, אַז אייער חן וואַרפט זיך גענוג אין די אויגן און מע דאַרף נישט אָנטאָן קיין ברילן, אים צו זען: אָבער סוף=כל=סוף, אויף שטערנס קוקט מען דאָך דורך ברילן, און איך האַלט, אַז איר זייט אַ שטערן, דער שענסטער פון אַלע שטערנס... פראָזינע, זי ענטפערט מיר דאָך אַ וואָרט נישט, עס זעט אויס, ווי זי וואָלט לגמרי נישט זיין צופרידן דערפון, וואָס זי זעט מיך.

פראָזינע: (צו הארפאַגאָנען) דאָס איז דערפאַר, ווייל זי איז נאָך איבערראַשט. דערצו שעמען זיך מיידלעך שטענדיק אַרויסצווייזן באַלד, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין האַרצן.

הארפאַגאָן: (צו פראָזינען) ביסט גערעכט. (צו מאַריאַנען) אָט, מיין טייבעלע, קומט מיין טאָכטער אייך באַגריסן.

זעקסטע סצענע.

הארפאַגאָן, עליזאַ, מאַריאַנע, פראָזינע.

מאַריאַנע: צו שפעט, פריילין, האָב איך מיך אויסגעקליבן צו ערפילן מיין אָנגענעמען חוב אייך צו באַזוכן.

עליזאַ: איר האָט געטאָן, פריילין דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן. איך האָב אייך באַדאַרפט באַזוכן די ערשטע.

הארפאַגאָן: איר זעט, וואָס פאַר אַ היפשע מויד, האַ? אָבער וואָס איז די פעולה? שלעכט גראָז וואַקסט תמיד גיך.

מאַריאַנע: (שטיל צו פראָזינען) אָ, וואָס פאַר אַ מיאוסער מענטש!

הארפאַגאָן: (צו פראָזינען) וואָס זאָגט זי, די שיינהייט?

פראָזינע: אַז זי איז אַנטציקט פון אייך.

הארפאַגאָן: איר מאַכט מיר באמת צופיל עהרע, מיין געטלעך טייבעלע.

מאַריאַנע: (צו זיך) וואָס פאַר אַ חיה!

הארפאַגאָן: איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר די דאָזיקע געפילן.

מאַריאַנע: (צו זיך) איך קאָן שוין ניט אויסהאלטן!

זיבעטע סצענע.

הארפאַגאָן, מאַריאַנע, עליזאַ, קלעאַנט, פראָזינע.

הארפאַגאָן: אָט קומט מיין זון אויך אייך באגריסן.

מאַריאַנע: (צו פראָזינען) אַך, פראָזינע, וואָס פאַר אַ באַגעגעניש! דאָס איז דאָך דער, וועגן וועלכן איך האָב מיט אייך גערעדט.

פראָזינע: די מעשה הייבט מיר אָן צו געפעלן, כלעבן!

האַרפּאַגאָן: איך זע, אַז איר וואונדערט זיך, וואָס איך האָב אַזעלכע גרויסע קינדער. אָבער גאַר קירצלעך וועל איך שוין פּטור ווערן פון זיי ביידן.

קלעאַנט: דעם אמת געזאָגט, פריילין, איז דאָס פאַר מיר אַ דערשיינונג, אויף וועלכע איך האָב מיך גאָרנישט געריכט. איך בין אַ רעכט ביסל איבערראַשט געוואָרן, ווען מיין פאָטער האָט מיר דאָ נישט לאַנג דערציילט, וואָס ער האָט בדעה צו טאָן.

מאַריאַנע: דאָסזעלבע קאָן איך אויך זאָגן. די באַגעגעניש איז פאַר מיר געווען איינגאַנצן אַן אומדערוואַרטעטע און זי האָט מיך איבערראַשט פּונקט אַזוי ווי אייך.

קלעאַנט: עס איז אמת, פריילין, אַז מיין פאָטער האָט קיין בעסערן אויסוואַל נישט געקאָנט מאַכן און איך בין באמת גליקלעך פון דעם כּבוד אייך צו זען. אָבער דאָך קען איך ניט זאָגן, אַז איך בין צופרידן פון דעם פּלאַן, איר זאָלט ווערן מיין שטיף־מוטער. פאַר מיר וואָלט דאָס געווען זייער אַ שווערע זאַך און אייך ווינטש איך אויך נישט, איר זאָלט נעמען אויף זיך אַזאַ טיטול. אפשר אַן אַנדערן וועלן זיך אויסדוכטן מיינע ווערטער צו חוצפּהדיק; אָבער איך בין זיכער, אַז איר וועט זיי פאַרשטיין אַזוי ווי מע דאַרף זיי פאַרשטיין. איר וועט פאַרשטיין, אַז דערדאָזיקער שידוך מוז ביי מיר אַרויסרופן אַן עקל־געפיל. קענענדיק מיך, ווייסט איר גאַנץ גוט, אויף וויפיל ער איז קעגן מיינע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען. ערלויבט מיר אייך ענדלעך צו זאָגן — און זאָל מיין טאַטע עס נישט נעמען פאַר אומגוט — אַז ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, וואָלט דערדאָזיקער שידוך קיינמאָל צו שטאַנד נישט געקומען.

האַרפּאַגאָן: דאָס איז אַ ביסל אַ חוצפּהדיקער קבלת־פּנים! אַ שיינע דרשה האָסטו דאָ געהאַלטן!

מאַריאַנע: און אייך קאָן איך זאָגן, אַלס ענטפער אויף אייערע רייד, אַז ביי מיר איז פּונקט דאָסזעלבע. אויב אייך וואָלט געווען צווידער צו האָבן מיך פאַר אַ שטיף־מוטער, וואָלט עס מיך נישט ווייניקער געקרענקט צו האָבן אייך פאַר אַ שטיף־זון. מיינט נישט, איך בעט אייך, אַז דאָס וויל איך אייך פאַרשאַפן דידאָזיקע קרענקונג. עס וואָלט פאַר מיר, פאַרקערט, זייער פיינלעך געווען, ווען איך וואָלט אייך אָנגעטאָן אַזאַ פאַרדרוס. אויב נאָר מע וועט מיך דערצו נישט צווינגען מיט געוואַלט, גיב איך אייך מיין וואָרט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט איינגיין אויף דעמדאָזיקן שידוך.

האַרפּאַגאָן: זי איז גאַנץ גערעכט. נאַרישע רייד פאַרדינען אַ נאַרישן ענטפער. איך בעט אייך איבער, מיין שיינקייט, פאַר די חוצפּה פון מיין זון. דאָס איז אַ יונג בעקל; ער פאַרשטייט נאָך אַליין נישט וואָס ער רעדט.

מאַריאַנע: איך פאַרזיכער אייך, אַז זיינע ווערטער האָבן מיך לגמרי נישט באַליידיקט. פאַרקערט, ער האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן דערמיט, וואָס ער האָט מיר דערקלערט זיינע אמתע געפילן. מיר געפעלט זייער דידאָזיקע אָפנהאַרציקייט זיינע, און ווען ער

וואָלט געערדט אַנדערש, וואָלט איך אים דערפאַר אַ סך ווייניקער געשעצט.

האַרפּאַגאָן: ס'איז באמת אַ גוטסקייט פון אייער זייט, וואָס איר זייט אים מוחל זיינע נאַרישקייטן. מיט דער צייט וועט ער קליגער ווערן און דאַן וועט איר זען, אַז ער וועט ענדערן זיינע מיינונגען.

קלעאַנט: ניין, טאַטע, איך וועל מיינע געפילן נישט ענדערן. און אייך, פריילין, בעט איך, איר זאָלט טאַקע מיר גלויבן.

האַרפּאַגאָן: איר זעט אַ חצוף! ער טוט דאָסזייניקע גאָר נאָך מיט מער עזות!

קלעאַנט: וואָלסט געוואָלט, טאַטע, איך זאָל ריידן פאַלש?

האַרפּאַגאָן: נאָך נישט געענדיקט? ווערסט שוין אפשר ענדערן דעם שמועס?

קלעאַנט: גוט! אויב דו ווילסט עס דוקא, וועל איך ריידן אַנדערש. ערלויבט מיר, פריילין, זיך צו שטעלן אויף מיין פאָטערס אָרט און אייך צו זאָגן אָפן, אַז איך האָב אין מיין לעבן נאָך נישט געזען אַזאַ חן, ווי אייערן; אַז איך שטעל מיר נישט פאָר קיין גרעסערן גליק, ווי אייך צו געפעלן; אַז אַ געבענטשטער פון גאָט איז יענער, וועל־כער וועט האָבן די זכיה צו זיין אייער מאַן. די גרעסטע הערשער פון דער וועלט וועלן אים מעגן מקנא זיין. יאָ, פריילין, דאָס גליק אייך צו האָבן פאַר אַ פרוי איז אין מיינע אויגן די גרעסטע פון אַלע ברכות און די גרעסטע שטאָלץ וואָלט עס פאַר מיר גע־ווען. עס איז נישטאָ קיין זאַך, וועלכע איך זאָל נישט פעיִק זיין צו טאָן, אום דעמדאָזיקן שאַץ צו באַקומען און די שווערסטע שטערונגען.

האַרפּאַגאָן: פּאַמעלעך, מיין זון, זיי מוחל.

קלעאַנט: דאָס האָב איך, טאַטע, געערדט פאַר דיר.

האַרפּאַגאָן: איך האָב, ברוך השם, אַליין אַ מויל און דאַרף נישט אַזעלכע אַדוואָקאַטן, ווי דו... עי, דערלאַנגט אַהער שטולן.

פראָזינע: ניין, גלייכער איז, מיר זאָלן שוין טאַקע איצט גיין אויפן מאַרק, כדי מיר זאָלן פריער קומען צוריק און האָבן מער צייט מיט אייך זיך דורכצושמועסן.

האַרפּאַגאָן: (צום דינער) טאָ זאָל מען איינשפּאַנען די פערד אין דער קאַרעטע!

אַכטע סצענע.

האַרפּאַגאָן, מאַריאַנע, עליזאַ, קלעאַנט, וואַלער, פראָזינע.

האַרפּאַגאָן: (צו מאַריאַנען) אַנטשולדיקט, מיין טייבעלע, וואָס ס'איז מיר גאָר פון זינען אַרויס אָנצוגרייטן עפּעס צו פאַרבייסן פאַרן אַוועקגיין.

קלעאַנט: איך האָב שוין דערפאַר געזאָרגט, טאַטע. איך האָב אין דיין נאָמען געהייסן ברענגען עטלעכע קערבלעך כינעזישע פּאָמעראַנצן, ציטראָנען, איינגעמאַכטס.

האַרפּאַגאָן: (שטיל צו וואַלערן) וואַלער!

וואַלער: (צו האַרפּאַגאָנען) ער איז אַראָפּ פון זינען.

קלעאַנט: אפשר געפינסטו, טאַטע, אַז ס'איז צו ווייניק? מילא, איך האָף אַז דאָס פריילין וועט אונדז אַנטשולדיקן. נישט אַזוי?

מאַריאַנע: אָבער דאָס איז אויך נישט נויטיק געווען.

קלעאַנט: צי איז אייך אויסגעקומען, פריילין, צו זען אַ גרויסאַרטיקן דימענט ווי דער, וואָס מיין טאַטע טראָגט אויפן פינגער?

מאַריאַנע: יאָ,ווירקלעך, דער דימענט בלישטשעט גרויסאַרטיק.

קלעאַנט: (אַראָפּנעמענדיק דעם רינג פון פאָטערס האַנט און דערלאַנגענדיק אים מאַריאַנען) קוקט אים נאָר אָן פון נאָענטן.

מאַריאַנע: יאָ, ער איז טאַקע זייער שיין. ער וואַרפט אַ גוזמא שטראַלן.

קלעאַנט: (פאַרשטעלנדיק דעם וועג מאַריאַנען, וועלכע וויל אָפּגעבן דעם רינג האַרפּאַגאָנען) ביין, פריילין, דער רינג איז אַקוראַט פאַר אַזעלכע שיינע הענטלעך. מיין פאָטער גיט עס אייך אַוועק אַלס געשאַנק.

האַרפּאַגאָן: איך?

קלעאַנט: נישט אמת, טאַטע, דו ווילסט, אַז פריילין מאַריאַנע זאָל נעמען דעם רינג אַלס צייכן פון דיין ליבע?

האַרפּאַגאָן: (שטיל צום זון) וואָס הייסט דאָס?

קלעאַנט: (צו מאַריאַנען) אַ שיינע פראַגע! אָט מאַכט ער מיר צייכנס, איך זאָל ביי אייך פועלן, אַז איר זאָלט דעם רינג צונעמען.

מאַריאַנע: איך וויל נישט...

קלעאַנט: איר לאַכט! ער וועט דעם רינג בשום אופן נישט נעמען צוריק.

האַרפּאַגאָן: (צו זיך) איך ווער משוגע!

מאַריאַנע: דאָס וואָלט געווען...

קלעאַנט: (נישט לאָזנדיק אַלץ מאַריאַנען אָפּגעבן דעם רינג) ביין, זאָג איך אייך, איר וועט אים דערמיט שטאַרק באַליידיקן.

מאַריאַנע: איך בעט אייך...

קלעאַנט: בשום אופן נישט...

האַרפּאַגאָן: (צו זיך) אַ מגפה אויף...

קלעאַנט: אָט זעט איר, ער איז שוין אויפגערעגט דערפאַר, וואָס איר זאָגט זיך אָפּ.

האַרפּאַגאָן: (שטיל צום זון) אַך, פאַררעטער!

קלעאַנט: (צו מאַריאַנען) איר זעט! ער איז שוין אויסער זיך.

האַרפּאַגאָן: (שטיל צום זון דראָענדיק אים) רוצח! מערדער!

קלעאַנט: טאַטע, איך בין נישט שולדיק. איך טו אַלץ, וואָס איך קאָן נאָר, אום די פריילין זאָל דעם רינג נעמען; זי איז אָבער איינגעעקשנט.

האַרפּאַגאָן: (שטיל צום זון מיט כעס) אַרעסטאַנט!

קלעאַנט: דאָס זייט איר שולדיק, פריילין, וואָס מיין טאַטע זידלט מיך אַזוי.

האַרפּאַגאָן: (שטיל צום זון מיטן זעלבן זשעסט) אויסוווּרף!

קלעאַנט: (צו מאַריאַנען) ער וועט חלילה קראַנק ווערן פון פאַרדרוס. האָט רחמנות פריילין, און עקשנט אייך נישט מער.

פראָזינע; (צו מאַריאַנען) גאָט מיינער! וואָס איז דאָס פאַר אַ צערעמאָניעס? נעמט דעם רינג, אויב זיי ווילן עס אַזוי שטאַרק!

מאַריאַנע: (צו האַרפּאַגאָנען) אום אייך נישט צו מאַכן קיין פאַרדרוס, נעם איך איצט דעם רינג, אָבער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך עס אייך אָפּגעבן צוריק.

מע זאָגט אַן הארפּאַגאָנען, אַז צו אים איז געקומען איינער, וואָס האָט אים געבראַכט געלט. הארפּאַגאָן אַנטשולדיקט זיך פאַר די געסט און לויפט צו זיין קליענט. אַזוי ווי מע האָט אַוועקגעשיקט שמידן די פערד, גייען דערווייל אַלע, אויסער הארפּאַגאָנען, אַריין אין גאָרטן. דאָ דערקלערן זיך קלעאַנט און מאַריאַנע, אַז זיי האָבן זיך ליב און פרעגן ביי פראָזינען אַן עצה, וואָס צו טאָן. פראָזינע זאָגט, אַז אויף מאַריאַנעס מוטער וועט זי קענען ווירקן, זי זאָל אויסוויילן דעם זון אַנשטאָט דעם פאָטער; שווערער וועט אָבער זיין מיט הארפּאַגאָנען. ביי אים וואָלט מען געפּועלט, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון מאַריאַנען נאָר דאַן, ווען מע זאָל געפינען פאַר אים אַן אַנדער פרוי, אַזאַ, למשל, וואָס זאָל מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ רייכער גרעפין. מאַריאַנע דאַרף אויך זען ווירקן אויף דער מוטער. מאַריאַנע זאָגט איר צו דאָס צו טאָן. אויס דאַנקבאַרקייט קושט איר קלעאַנט די הענט. ס'קומט אָן הארפּאַגאָן און באַמערקט דאָס.

פערטער אקט.

צווייטע סצענע.

האַרפּאַגאָן, קלעאַנט, מאַריאַנע, עליזע, פראָזינע.

האַרפּאַגאָן: (צו זיך, איידער ידי איבעריקע דערזעען אים) ע־הע! מיין זון קושט די האַנט זיין קומענדיקער שטיפמאַמען און די קומענדיקע שטיפמאַמע לאָזט זיך. אפשר איז דאָ עפּעס נישט גלאַטיק?

עליזע: אָט איז דער טאַטע!

האַרפּאַגאָן: די קאַרעטע איז פאַרטיק; איר קאָנט פאָרן, אויב איר ווילט.

קלעאַנט: וויבאַלד, טאַטע, דו פאָרסט נישט, וועל איך זיי פאָרן באַגלייטן.

האַרפּאַגאָן: ניין, בלייב דאָ! זיי וועלן קענען אַליין פאָרן. איך דאַרף דיך האָבן.

דריטע סצענע.

האַרפּאַגאָן, קלעאַנט.

האַרפּאַגאָן: נ—נו... פאַרגעס, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ שטיפמוטער און זאָג מיר דעם אמת: ווי געפעלט זי דיר, דידאָזיקע פערזאָן?

קלעאַנט: ווי זי געפעלט מיר?

האַרפּאַגאָן: איר אויסזען, איר פיגור, איר פנים, איר שכל?

קלעאַנט: אַזוי זיך.

האַרפּאַגאָן: און דאָך?

קלעאַנט: דעם אמת ריידנדיק, טאַטע, געפין איך ניט אין איר דאָס, וואָס איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. אויסזען זעט זי אויס, ווי אַ פּוסטע קאָקעטקע. איר פיגור איז אַ רעכט ביסל אומגעלומפּערט, איר שיינקייט איז אויך צו דערליידן און שכל, דאַכט זיך, פעלט איר אויך... מיין ביט, טאַטע, אַז איך זאָג עס דיר, כדי זי מיאוס צו מאַכן, וואָרום, אויב

שוין יאָ אַ שטיפמוטער, וואָס איז מיר די נפקה־מינה צי זי, צי אַן אַנדערע?

האַרפּאַגאָן: דו האָסט דאָך אָבער פריער איר געזאָגט...

קלעאַנט: יאָ, איך האָב איר געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן דײַן נאָמען, אָבער בלויז כּדי דיר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

האַרפּאַגאָן: הייסט עס, אַז דו האָסט צו איר ניט קיין סימפּאַטיע?

קלעאַנט: איך? ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן.

האַרפּאַגאָן: אַ שאָד, כ'לעבן, דורכדעם ווערט צו־נישט אַ גאַנצער פּלאַן, וואָס איז מיר געקומען אויפן זינען. נאָכדעם ווי איך האָב זי דערזען, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן מײַן עלטער און האָב מיך באַדענקט, אַז די וועלט קוקט קרום אויף אַזאַ שידוך. דעריבער האָב איך זיך דערפון אָפּגעזאָגט. אָבער אַזוי ווי איך האָב זי שוין פאַרבעטן און בין שוין מיט איר פאַרבונדן מיט אַ וואָרט, וואָלט איך זי דיר אָפּגעגעבן, ווען נישט דײַן אַנטיפּאַטיע צו איר.

קלעאַנט: מיר?

האַרפּאַגאָן: יאָ, דיר.

קלעאַנט: פאַר אַ ווײַב?

האַרפּאַגאָן: יאָ, פאַר אַ ווײַב.

קלעאַנט: הער אויס, טאַטע, ס'איז אמת, אַז זי געפעלט מיר נישט זייער שטאַרק, אָבער כּדי דיר צו פאַרשאַפן אַ נחת־רוח, בין איך גרייט חתונה צו האָבן מיט איר, אויב דו ווילסט עס.

האַרפּאַגאָן: צוליב מיר? איך בין ניט אַזאַ אײַנגעשפּאַרטער ווי דו מיינסט, איך וויל ניט פאַרגוואַלטיקן דײַנע געפילן.

קלעאַנט: ס'מאַכט ניט אויס, טאַטע. איך וועל מיך אָנטאָן אַ כּוח אויס ליבע צו דיר.

האַרפּאַגאָן: ניין, ניין. אַ חתונה ענדיקט זיך קיינמאָל ניט גליקלעך, ווען ס'איז קיין סימפּאַטיע נישטאָ!

קלעאַנט: דאָס וועט אפשר קומען דערנאָך, טאַטע. מע זאָגט, אַז די ליבע קומט אָפטמאָל אַלס רעזולטאַט פון חתונה.

האַרפּאַגאָן: ניין. אַ מאַנספּערזאָן טאָר נישט אַזוי ריזיקירן. דאָס קאָן ברענגען צו גאַנץ טרויעריקע זאַכן, און וועלכע איך וויל נישט האָבן קיין שולד. ווען דו וואָלסט געהאַט צו איר כאָטש וויפיל ס'איז סימפּאַטיע — אדרבה. דאַן וואָלט איך דיר חתונה געמאַכט מיט איר אָנשטאָט אַליין זי צו נעמען. אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישטאָ, וועל איך, ווין טאָן אַזוי ווי איך האָב לכתחילה געהאַט בדעה: איך וועל שוין אַליין מיט איר חתונה האָבן.

קלעאַנט: אויב אַזוי, טאַטע, מוז איך דיר אויפדעקן מיין האַרץ און אויסזאָגן דיר אַ סוד: דער אמת איז, אַז איך האָב מאַריאַנען ליב פון דעם טאָג אָן, ווען איך האָב זי דערזען אויפן שפּאַציר. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט דיך בעטן, זאָלסט מיך חתונה מאַכן מיט איר, אָבער אָפּגע־האַלטן דערפון האָט מיך נאָר דאָס, וואָס איך האָב מורא געהאַט.

האַרפּאַגאָן: ביסטו שוין געווען ביי איר מיט אַ וויזיט?

קלעאַנט: יאָ, טאַטע.

האַרפּאַגאָן: אַ סך מאָל?

קלעאַנט: יאָ, פאַרהעלטניסמעסיק פאַר אַזאַ קורצער צייט.

האַרפּאַגאָן: האָט מען דיך דאָרט גוט אויפגענומען?

קלעאַנט: זייער גוט, טאַטע, ווער איך בין, האָבן זיי ניט געוווּסט און דערפאַר טאַקע איז דאָס איצט געווען פאַר מאַריאַנען אַזאַ איבעראַשונג.

האַרפּאַגאָן: האָסטו איר דערקלערט וועגן דיין ליבע און געזאָגט, אַז דו ווילסט מיט איר חתונה האָבן?

קלעאַנט: פאַרשטייט זיך. איך האָב אַפילו געגעבן וועגן דעם אָנצוהערן איר מוטער אויך.

האַרפּאַגאָן: און זי, די מוטער, האָט זיך געלאָזט ריידן?

קלעאַנט: יאָ, אודאי, זייער גערן.

האַרפּאַגאָן: און זי אַליין, די טאָכטער מיין איך, האָט דיך אויך ליב?

קלעאַנט: אויף וויפיל עס לאָזט זיך זען, דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט צו מיר אויך אַ געוויסע סימפּאַטיע.

האַרפּאַגאָן (שטיל צו זיך): איך בין גאַנץ צופרידן, וואָס ער האָט מיר אויסגעזאָגט דעם סוד. מער האָב איך טאַקע נישט באַדאַרפט. (הויך) הער, זונעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן: זאָלסט נעמען אַ שטעקן און זיך אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ אָט די דאָזיקע ליבע, זאָלסט אויפהערן צו לויפן נאָך אַ מיידל, וועלכע איך וויל אַליין נעמען, און גאָר קירצלעך וועסטו חתונה האָבן מיט יענער, מיט וועמען מע וועט דיר הייסן.

קלעאַנט: אַזוי גאָר, טאַטע, שפּילסטו זיך, הייסט עס, מיט מיר? אויב אַזוי, דערקלער איך דיר, אַז איך וועל זיך גישט אָפּזאָגן פון מיין ליבע צו מאַריאַנען. עס איז נישטאָ קיין זאַך, פאַר וועלכער איך וועל זיך אָפּשטעלן. איך וועל אַלץ אין דער וועלט טאָן, אום זי אַרויסצורייסן פון דיינע הענט. און אויב אַפילו איר מוטער איז אויף דיין זייט, וועל איך שוין געפינען אַנדערע, וועלכע וועלן מיר באַהילפיק זיין.

האַרפּאַגאָן: האַ, אויסוואורף?! דו האָסט די חוצפה מיר צו שטיין אין וועג?

קלעאַנט: נישט איך שטיי דיר אין וועג, נאָר דו מיר. איך בין געווען דער ערשטער.

האַרפּאַגאָן: איך בין דיר אַ טאַטע צי ניין? דרך ארץ!

קלעאַנט: נישט אין אַזעלכע זאַכן דאַרפן קינדער האָבן דרך-ארץ פאַר טאַטעס. די ליבע וויל קיינעם נישט קענען.

האַרפּאַגאָן: אַט וועל איך שוין באַלד מאַכן, זאָלסט מיך יאָ קענען. איך וועל נאָר נעמען אַ שטעקן.

קלעאַנט: וועסט מיך מיט קיין זאַך ניט אָפּשרעקן.

האַרפּאַגאָן: דו וועסט פון מאַריאַנען זיך אָפּזאָגן.

קלעאַנט: ס'הייבט זיך אַפילו נישט אָן.

האַרפּאַגאָן: אַ שטעקן גיט מיר אַהער! אַ שטעקן זאָל מיר ווערן!

זיי האַלטן זיך ביים שלאָגן. עס קומט אָן זשאַק און נעמט זיי פונאַנדער. זיי קלייבן אים אויס פאַר אַ שופט. זשאַק לויפט פון זון צום פאָטער און זאָגט יעדערן צו אין צווייטנס נאָמען, אַז ער וועט אים נאָכגעבן אַלץ, וואָס ער פאַר־לאַנגט. יעדערער פון זיי מיינט, אַז ער באַקומט מאַריאַנען. אָבער ווי נאָר זשאַק דערווייטערט זיך און דער פאָטער מיטן זון הייבן ווידער אָן צו ריידן, ווערט קלאָר, אַז יעדערער בלייבט ביי דעם זייניקן. עס ברעכט אויס אַ שטאַרקע קריג צווישן פאָטער און זון. האַרפּאַגאָן זאָגט, אַז ער וועט אַרויסטרייבן און פאַרשילטן קלעאַנטן, אָבער קלעאַנט שרעקט זיך דערפאַר נישט אָפּ און וויל זיך פון מאַריאַנען ניט אָפּזאָגן. קלעאַנט לויפט אַרויס, און טרעפט אָן זיין דינער לאַ-פלעש. דער דינער דערציילט אים, אַז ענדלעך האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוגנבענען האַרפּאַגאָנס אוצר. ער ציט האַסטיק קלעאַנטן מיט זיך.

זיבעטע סצענע.

האַרפּאַגאָן (שרייענדיק שוין פון גאָרטן אָן): געוואַלד, אַ גנב! כאַפּט דעם גנב, דעם מערדער, דעם רוצח! גאָטעניו, גרויסער גאָט, העלף מיר! איך בין פאַרלאָרן, מע האָט מיך אַוועקגעהרגעט, מע האָט מיך געקוילעט: מע האָט מיר צוגענומען מיין געלט. ווער קאָן עס זיין? ווו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? ווו איז ער? ווו געפינט מען אים? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? ווו זאָל איך לויפן? ווו זאָל איך נישט לויפן? אפשר איז ער דאָ? אפשר איז ער דאָרט? ווער איז דאָס? שטיי! (צו זיך אַליין, אָנכאַפּנדיק זיך פאַר דער האַנט): מיין געלט גיב מיר אַוועק, געמיינער יונג! אַ, דאָס בין איך אַליין! דער מח איז מיר צע־מישט, איך ווייס נישט, ווו איך בין, ווער איך בין און וואָס איך טו. ווויי איז מיר, מיין געלט, מיין אָרעם געלט, מיין בעסטער פריינט, מע האָט דיך דאָך צוגענומען פון מיר! אָן דיר בין איך אָן שטיצע, אָן טרייסט, אָן פרייד! פאַר מיר איז שוין אַלץ געענדיקט, איך האָב שוין ניט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט. אָן דיר קאָן איך נישט לעבן. פאַרטיק, איך קען שוין נישט מער, איך שטאַרב אַוועק, איך בין שוין געשטאָרבן. צי איז נישטאָ עמיצער, וואָס זאָל מיך לעבע־דיק מאַכן, אָפּגעבן מיר מיין ליב געלט, אָדער זאָגן, ווער עס האָט

עס צוגענומען? הא? וואָס זאָגט איר? דאָס איז קיינער נישט. דער, וואָס האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, האָט מסתמא לאַנג מיר נאָכגע-קוקט און האָט אויסגעמאַרקירט פונקט די צייט, ווען איך האָב גע-רעדט מיט מיין בן סורר ומורה. מע מוז גיין. איך וועל רופן פּאָ-ליציי, די גאַנצע שטוב וועל איך הייסן דורכנישטערן, אַלעמען וועל איך הייסן אויספרעגן: די דינסטן, די קנעכט, דעם זון, די טאָכטער און מיך אַליין אויך. פון וואַנען האָט זיך אַזאַ עולם מענטשן גענומען!? אויף ווּעמען איך טו נאָר אַ קוק, האָב איך אַ חשד, אין יעדערן זע איך דעם גנב. עי, וועגן וואָס רעדט מען דאָרט? וועגן דעם גנב? וואָס איז דאָרט פאַר אַ גערויש אין דער הויף? איז דאָרט נישטאָ אַמאָל דער גנב? זאָל מען מיר זאָגן, אפשר באַהאַלט ער זיך דאָרט צווישן אייך? זיי קוקן אַלע אויף מיר און לאַכן. איך וואָלט שווערן, אַז זיי האָבן אַלע אַ יד אין דער גנבה. גיכער, אַהער, קאָמיסאַרן, פּאָליציי, סאָלדאַטן, ריכטער, קייטן, צוואַנגען, תליות, הענקער! אַלע-מען וועל איך הייסן אויפהענגען, און אויב איך וועל מיין געלט נישט אָפּגעפינען, וועל איך מיך אַליין אויפהענגען.

פינפטער אקט.

האַרפּאַגאָן ברענגט אַראָפּ אַ קאָמיסאַר, פּאָדערט ביי אים, ער זאָל אים העלפן אויפזוכן די פאַרברעכער און באַשטראָפן זיי מיט דעם גרויזאַמסטן טויט. ער פּאָדערט ביי אים, ער זאָל אַרעסטירן „די גאַנצע שטאָט מיט אַלע פאָר-שטעטלעך". עס קומט אָן זשאַק. האַרפּאַגאָן מעלדעט אים, אַז ער איז אים חושד, אַז ער האָט געגנבעט ביי אים די קאַסעטקע מיט טויזנט רענדלעך. זשאַק באַשליסט, אַז איצט איז געקומען די צייט זיך נוקם צו זיין אָן זיין שונא וואַלערן, און ווייזט אָן, אַז ער האָט דאָס געגנבעט. וואַלער קומט אָן.

דריטע סצענע.

האַרפּאַגאָן, דער קאָמיסאַר, וואַלער, זשאַק.

האַרפּאַגאָן: אַהער-צו גיי נעענטער. זיי זיך מודה אין דער שרעקלעכסטער טאַט, אין דעם מוראדיקסטן פאַרברעכן, וואָס איז ווען עס איז באַגאַנגען געוואָרן.

וואַלער: וואָס פאַרלאַנגט דער הער?

האַרפּאַגאָן: ס'טייטש, דו אויסוואָרף איינער! דו ווערסט גאָרנישט רויט פון דיין פאַרברעכן?

וואַלער: וועגן וועלכן פאַרברעכן רעדט דער הער?

האַרפּאַגאָן: וועגן וועלכן פאַרברעכן איך רייד, געמיינער יונג? פונקט ווי ער וואָלט, נעבעך, גאָרנישט וויסן פון וואָס צו זאָגן! האָסט אַ טעות אָ, אויב דו מיינסט, אַז דו וועסט מיך פאַרשווינדלען. די זאַך איז אַנטדעקט, מע האָט מיר

שוין אַלץ דערציילט. אַזוי מיר צו באַצאָלן פאַר מיין גוטסקייט?! אַריינגעקריגן זיך צו מיר אין שטוב אַריין בכיון, כדי מיך צו פאַר־ראַטן, אַפּצוטאָן אַזאַ שפּיצל!

וואַלער: וויבאַלד דער הער ווייס שוין אַלץ, וויל איך שוין נישט זוכן קיין הינטער־וועגעלעך און לייקענען פאַר אייך.

זשאַק (צו זיך:) האָ! האָ! הייסט עס האָב איך דאָך, גאָר נישט ווילנדיק, געטראָפן.

וואַלער: איך האָב שוין לאַנג געהאַט בדעה צו ריידן מיט אייך וועגן דעם און איך האָב געוואַרט אויף אַ גינסטיקע געלעגנהייט. וויבאַלד אָבער ס'איז אַזוי געשען, בעט איך אייך זיך נישט צו בייזערן און אויסהערן מיינע מאָטיוון.

האַרפּאַגאָן: וועלכע מאָטיוון קאָנסטו מיר דאָ געבן, דו נידערטרעכטיקער גנב?

וואַלער: אָ, מיין הער, אַזעלכע ווערטער האָב איך נישט פאַרדינט. אמת, איך האָב געטאָן קעגן אייך אַן עולה, אָבער נאָך אַלעמען איז דאָס נישט געוואַלדיק.

האַרפּאַגאָן: ס'טייטש נישט געוואַלדיק? אַזוי אַריינגאַרן אין אַ נעץ, אַזוי באַרויבן!

וואַלער: איך בעט אייך, בייזערט זיך נישט אַזוי. אַז איר וועט מיך אויסהערן, וועט איר זען, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי איר מאַכט עס.

האַרפּאַגאָן: ס'איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי איך מאַך עס? האַ? מיין בלוט, מיין פליייש, געמיינער יונג!

וואַלער: אייער בלוט און פליייש, מיין הער, איז נישט אַריינגעפאַלן אין קיין שלעכטע הענט. איך בין נישט פון אַזאַ שטאַנד, אַז איר זאָלט זיך האָבן מיט מיר צו שעמען, און אייגנטלעך איז גאָרנישט געשען אַזוינס, וואָס מע זאָל נישט קענען פאַרריכטן.

האַרפּאַגאָן: יאָ, יאָ, איך מיין טאַקע אַזוי, און דו וועסט טאַקע מוחל זיין מיר אָפּגעבן דאָס, וואָס דו האָסט צוגענומען.

וואַלער: אייער כבוד, מיין הער, וועט נישט אָנגערירט ווערן אויף אַ האָר.

האַרפּאַגאָן: דאָ גייט נישט אום כבוד. זאָג מיר אָבער, צוליב וואָס האָסטו עס געטאָן?

וואַלער: אָ, צי דען דאַרפט איר מיך עס פרעגן?

האַרפּאַגאָן: יאָ, יאָ, איך וואָלט עס טאַקע וועלן וויסן.

וואַלער: עס האָט מיך געשטויסן דערצו אַ געטלעכע קראַפט, וואָס טראָגט מיט זיך די אַנטשולדיקונג פאַר אַלע פעלערן, וועלכע זי הייסט טאָן: די ליבע.

האַרפּאַגאָן: די ליבע?!

וואַלער: יאָ.

האַרפּאַגאָן: אַ שײנע ליבע, נישקשה פון אַ ליבע, װי איר זעט מיך לעבן! די ליבע צו מײנע לוידאָרן.

וואַלער: ניין, מײן הער, נישט אײער רײכטום האָט מיך געצויגן, נישט דאָס האָט מיך אַזוי געצויבערט. איך שווער אײך, אַז איך זאָג מיך אָפּ פון צו נעמען ביי אײך דאָס קלענסטע פון אײער פאַרמעגן, אַבי איר זאָלט מיר איבערלאָזן דעם אוצר, וואָס איך האָב שוין.

האַרפּאַגאָן: צו אַלדע שווארצע יאָר, עס הייבט זיך נישט אָן! איך וועל נישט לאָזן. געזען אַ חוצפּה! ער וויל גאָר צונעמען פאַר זיך די גנבה!

וואַלער: איר רופט עס: „אַ גנבה"?

האַרפּאַגאָן: ווי דען זאָל איך עס רופן? אַזאַ אוצר!

וואַלער: אמת, דאָס איז אַן אוצר, דער טײערסטער שאַץ, וואָס איר פאַרמאָגט; אָבער איר פאַרלירט אים ניט דערמיט, וואָס איר לאָזט מיר אים איבער. איך פאַל אײך צו די פיס און בעט ביי אײך דעם דאָזיקן פּרעכטיקן אוצר, און אויב איר ווילט טאָן גוטס, טאָרט איר מיר נישט אָפּזאָגן.

האַרפּאַגאָן: אָבער עס פאַלט מיר גאָר נישט איין. וואָס זאָל דאָס הייסן אַזוינס?

וואַלער: מיר האָבן אײנער דעם צווייטן געשוואָרן זיך צו זיין געטריי און זיך נישט צו שיידן.

האַרפּאַגאָן: כ'ילעבן, די שבועה געפעלט מיר!

וואַלער: יאָ, מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט אײביק צו געהערן אײנער דעם צווייטן.

האַרפּאַגאָן: דאָס וועלן מיר נאָך טאַקע זען, מעגסט מיר גלויבן!

וואַלער: נאָר דער טויט וועט אונדז קאָנען צעשיידן.

האַרפּאַגאָן: דאָס הייסט אַ ביסל איינגעכליאַפּעט אין מיין געלט.

וואַלער: איך האָב אײך שוין געזאָגט, מײן הער, אַז נישט צוליב געלט-גייציקייט האָב איך געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געטאָן. נישט דאָס, וואָס איר מײנט, האָט באַוויגן מײן האַרץ. אַ העכערער, שענערער מאָטיוו האָט מיך געשטויסן צו דעמדאָזיקן שריט.

האַרפּאַגאָן: זעט נאָר, זעט! דאָס האָט ער אויס רחמנות געוואָלט צונעמען פון מיר מײן גוטס, אָבער וואַרט, חצוף מחוצף, איך וועל דיר שוין ווייזן! דאָס געריכט וועט שוין מיט דיר לערנען דרך-ארץ!

וואַלער: טוט ווי איר פאַרשטייט, איך בין גרייט אויסצושטיין אַלץ. אָבער איך פאַרזיכער אײך, אויב דאָ איז געשען אַן עולה, דאַרף מען נאָר מיך

אליין באַשולדיקן אין איר. אייער טאָכטער איז אין דעם אַלעם אַבסאָלוט אומשולדיק.

האַרפּאַגאָן: איך מיין עפּעס! עס וואָלט טאַקע, כ'לעבן, מער נישט געפּעלט, אַז מיין טאָכטער זאָל זיין פאַרמישט אין אַזאַ פאַרברעכן. אָבער קודם־כל דאַרף איך צוריק באַקומען דאָס מייניקע. זיי אַזוי גוט און זיי זיך מודה, ווו דו האָסט עס באַהאַלטן.

וואַלער: איך?... איך האָב זי נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן צוצונעמען. זי איז נאָך ביי אייך.

האַרפּאַגאָן (צו זיך): אָ, מיין האַרציקע קאַסעטקע! (הויך) זי איז נאָך גאָרנישט אַרויס פון מיין שטוב, זאָגסטו?

וואַלער: ניין, מיין הער.

האַרפּאַגאָן: זאָג מיר נאָר, צי האָסטו זי אַמאָל נישט גערירט?

וואַלער: איך? איך וועל זי רירן? אָ, איר באַליידיקט דערמיט סיי זי, סיי מיך. איך האָב געברענט צו איר בלויז מיט ריינע, ערלעכע געפילן.

האַרפּאַגאָן (צו זיך): ער האָט געברענט נאָך מיין קאַסעטקע!

וואַלער: איך וואָלט בעסער געשטאָרבן, איידער איר אַרויסצווייזן אַ וועלכן עס איז באַליידיקנדיקן געדאַנק. צו אַנשטענדיק און אָרנטלעך איז זי, אום איך זאָל מיר דערלויבן עפּעס.

האַרפּאַגאָן (צו זיך): מיין קאַסעטקע איז אָרנטלעך!

וואַלער: מיין באַגער האָט זיך באַגרענעצט נאָר מיטן געניסן פון קוקן אויף איר. קיין שום פאַרברעכערישע זאַך האָט נישט פאַרשוועכט די ליידנ־שאַפט, וואָס אירע שיינע אויגן האָבן אַרויסגערופן אין מיר.

האַרפּאַגאָן (צו זיך): די שיינע אויגן פון מיין קאַסעטקע! ער רעדט וועגן איר ווי אַ חתן וועגן זיין כלה.

וואַלער: מיין הער, די פרוי קלאָד ווייסט דעם גאַנצן אמת. זי וועט עס אייך באַשטעטיקן

האַרפּאַגאָן: וואָס? מיין דינסט האָט אויך אַ יד אין דעם ענין?

וואַלער: יאָ, מיין הער. זי איז געווען די עדותטע פון אונדזער קעגנזייטיקער פאַרפליכטונג. אַז זי האָט זיך איבערצייגט, אַז מיין ליבע איז אַן ער־לעכע, האָט זי מיר געהאָלפן ווירקן אויף אייער טאָכטער, זי זאָל מיר געבן איר יאָ־וואָרט און אָננעמען מיין וואָרט.

האַרפּאַגאָן: האָ? (צו זיך) צי די מורא פאַרן געריכט האָט אים אַמאָל נישט צעמישט, דעריבער רעדט ער פון וועג? (צו וואַלערן) וואָס דרייסטו דאָ דעם מח וועגן מיין טאָכטער?

וואַלער: איך זאָג, אז ס'איז מיר אָנגעקומען מיט די גרעסטע שוועריקייטן, איידער איך האָב באַקעמפט איר שעמעוודיקייט און געפועלט ביי איר, זי זאָל אָננעמען מיין ליבע.

האַרפּאַגאָן: וועמעס שעמעוודיקייט?

וואַלער: אייער טאָכטערס. ערשט נעכטן האָט זי, ענדלעך קוים איינגעשטימט אונטערצושרייבן אונדזער קעגנזייטיקעס יאָ־וואָרט.

האַרפּאַגאָן: מיין טאָכטער האָט דיר אונטערגעשריבן איר יאָ־וואָרט?

וואַלער: יאָ, מיין הער. דאָסזעלבע האָב איך געטאָן פון מיין זייט.

האַרפּאַגאָן: גאָט! אַ נייער אומגליק!

עליזע קומט אָן. זי בעט ביים פאָטער, ער זאָל איר ערלויבן חתונה האָבן מיט וואַלערן. דער פאָטער באטראכט דאָס ווי א נייעם אומגליק און וויל פון גאָר־נישט הערן. עס קומען אָן מאַריאַנע און אַנסעלם, דער חתן, וואָס דער פאָטער האָט באַשטימט פאר עליזען, כדי זיך צו רעכטפארטיקן, דערציילט וואַלער וועגן זיין אָפּשטאַמונג. עס ווייזט זיך ארויס, אז ער איז אַנסעלמס א זון און מאַריאַנעס א ברודער. די שמחה פון דער דערקענונג איז גרויס. אָבער האַרפּאַגאָן וויל פון גאָרנישט ניט וויסן. ער חזרט איבער די באַשולדיקונג, אז וואַלער האָט ביי אים געגנבעט די קאַסעטקע. אינדעם קומט אָן קלעאַנט און דערקלערט, אז ער ווייס, ווו די קאַסעטקע איז. ער זאָגט צו אָפּצוגעבן זי דעם פאָטער, אויב דער לעצטער וועט מסכים זיין אָפּצוגעבן אים, קלעאַנטן, מאַריאַנען. אַנסעלם ראָט האַרפּאַגאָנען אויך מסכים צו זיין אויף דער חתונה פון וואַלערן מיט עליזען. דער קליינלעכער האַרפּאַגאָן פאָדערט, אז אַנסעלם זאָל דעקן די חתונה־הוצאות און מאַכן פאַר אים א נייעם ראָק צו דער חתונה. אַנסעלם איז אויף אַלץ מסכים, אפילו צו באַצאָלן דעם קאָמיסאַר פאר זיין ארבעט. אַנסעלם מיט די קינדער לויפן זיך זען מיט דער מוטער, און האַרפּאַגאָן רופט אויס: — „און איך וועל גיין זיך זען מיט מיין ליבער קאַסעטקע!“

ייִדיש — א. אײַנהאָרן.

אינהאַלט.

זייט

פאָרוואָרט 3

אַיסכילאָס — (ביאָגראַפיע). 5

דער געשמידטער פראָמעטעוס — איסכילאָס,
יידיש — מ. חיימסאָן און ש. באַסטאָמסקי. 7

סאָפאָקלעס — (ביאָגראַפיע) 15

קיניג אוידיפוס — סאָפאָקלעס,
יידיש — מ. וויינרייך, מ. חיימסאָן און ש. באַסטאָמסקי 17

אַנטיגאָנע — סאָפאָקלעס,
יידיש — מ. חיימסאָן און ש. באַסטאָמסקי. 35

אוריפידעס (ביאָגראַפיע). 50

איפיגעניע אין אַוליס — אוריפידעס,
יידיש — מ. חיימסאָן און ש. באַסטאָמסקי. 52

וויליאַם שעקספיר. (ביאָגראַפיע). 66

יוליוס צעזאַר — וויליאַם שעקספיר,
יידיש י. י. שוואַרץ 68

האַמלעט, פרינץ פון דענעמאַרק — וויליאַם שעקספיר.
יידיש — י. י. שוואַרץ.— 92

זשאַן ראַסין (ביאָגראַפיע). 118

עתליה — זשאַן ראַסין,
יידיש — א. י. גאָלדשמידט. 120

זשאַן מאָליער. (ביאָגראַפיע). 143

דער קאַרגער — זשאַן מאָליער 145

בילדער פון די שריפטשטעלער,
וואָס געפינען זיך אין בוך:

	זייט
אַיסכילאָס	5
סאָפאָקלעס	15
אוירִיפּידעס	50
וו. שעקספּיר	66
זש. ראַסין	118
ש. מאָליער	143

יוגנט־ביבליאטעק „חבר"

אין פארלאג „נייע יידישע פאָלקסשול" זיינען דערשי־נען 18 העפטן פון דער נייער יוגנט־ביבליאָטעק „חבר":

1. לעגענדעס וועגן ווילנער גאון— געזאמלט פון ח. לונסקי.
2. לעגענדעס וועגן בעל־שם טוב— געז. פון ש. באסטאמסקי.
3. ש. אַנ־סקי (ביאָגראַפישע שטריכן) „ "
ביגעלייגט [illegible] אַנ־סקיס מעשהלעך,
איבערדערציילט פון י. פאס.
4. שלום־עליכם— ביאגראפישע שטריכן.
5. וו. קאָראָלענקאָ— זאמלהעפט.
(אין א שלעכטער געזעלשאפט. פייערלעך.
ביאגראפיע— געשריבן פון מ. שור).
6. פ. דאָסטאָיעווסקי— זאמלהעפט.
7. דער יידישער סיים.— א. פ.
(א בלעטל יידישע געשיכטע).
8. אין דער שליסלבורגער תפיסה (ווערא פיגנער און ל. וואלקנשטיין)— פון מ. חיימסאָן.
9. אין דער שליסלבורגער תפיסה (חיים גערשקאָוויטש) יידיש— מ. חיימסאָן.
10. די לעבעדיקע פאָטאָגראַפיע (קינאָ)— באארבעט— מ. חיימסאָן.
11. דער חורבן פון פאָמפעיע— פון א. ניעטשאיעוו, יידיש— מ. ליטוואק.
12. מיין רייזע צום וואַסערפאַל ניאַגאַראַ— פ. מעטש, יידיש— מ. חיימסאָן.
13. אינם לאַנד פון אייז און נאַכט— יידיש— מ. חיימסאָן.
14. די אַנטדעקונג פון דרום פּאָלוס — „ "
15. קאָטוקא— דערציילונג פון ר. קיפלינג.
16. דער קליינער לאָנגאויער (די פלעדערמויז)— טשארלז ראָבערטס, יידיש— מ. חיימסאָן.
17. דער בוים פון געזונטהייט— לויט סלעפצאָווא, יידיש— ידידיה.
18. די ווייסרוסן— אנטאָן נאווינא. בייגעלייט— דער דאָרפס־יונג— דערציילונג פון טאראס הושטשא.

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי.

1. יידישע פאָלקסרעטעענישן — 3=טע אויפלאַגע מיט א ביילאַגע פון ש. אַנ—סקי'ס רעצענזיע. . . . .
2. זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער פאַר שול און פאַמיליע . . . .
3. ביים קוואַל I באַנד – יידישע שפּריכווערטער, ווערטלאַך, רעדנסאַרטן, פאַרגלייכענישן, ווינטשעניש, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סימנים, סגולות און זאַבאַבאָנעס.
4. ביים קוואַל II באַנד—יידישע פאָלקסלידער; 1) וויגלידער 2) קינדערלידער: א) שפּילן; ב) ציילעניש; ג) צונגעמעניש, שפּאַס=און שפּאָסלידער; ד) פאַרשיידענע קינדערלידער; 3) לידער פון חדר און פון דער ישיבה; 4) ליבעלידער; 5) באַלאַדנאַרטיקע לידער (אומטרייע און אומגליקלאַכע ליבע א. א.); 6) חתן=כלה און חתונה לידער; 7) פאַמיליענלידער; 8) פריזיוו און סאָלדאַטנלידער; 9) היסטאָרישע לידער; 10) אַרבעטער לידער; 11) יום=טוב לידער; 12) רעליגיעז=נאַציאָנאַלע און חסידישע לידער; 13) יידישע לידער אין אַנדערע שפּראַכן; 14) מלחמה לידער; 15) פּאַראָדיעס אוז פאָלקס=הומאָרעסקעס; 16) סאַטירישע; 17) פאַרשיידענע.

איינגיכן ערשיינט:

1. דער נייער לערער—זאַמלונג פון שריפטלאַכע איבונגען
2. אַריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פּראָצענטן, דיסקאָנט, דרייכלל א. א.) . . . . ;
3. מעטאָדישע אָנווייזונגען צו די „לעבעדיקע קלאַנגען" מיט א פּרווו=פּראָגראַם פון יידיש פאַר דעם I לערניאַר .
4. כרעסטאָמאַטיע פאַר די עלטערע קלאַסן . . .

הויז ביבליאטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

ייִדישע פֿאָלקסמעשיות און לעגענדעס

געזאַמלט פון ש. באַסטאָמסקי

ערשטער באַנד

לעגענדעס וועגן בעש״ט

פאַרלאַג
„די נײַע ייִדישע פֿאָלקסשול“
ווילנע

1925

קאַטאַלאָג פון „נייע יידישע פאָלקסשול“ פאַרלאַג

ווילנע, סטעפאַן נאָס 24, ח. 28.

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי.

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך פאַרן 1-טן לערניאָר.
2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. אריטמעטישער רעכנבוך (גאַנצע צאָלן)
5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן)

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

6. לעבעדיקע קלאַנגען. א. ב.
7. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאָמ. פאַרן 1-טן לערניאָר.
8. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאָמ. פאַרן 2-טן לערניאָר.
9. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאָמ. פאַרן 3-טן לערניאָר.
10. דאָס נייע וואָרט—כרעסטאָמאַטיע פאַר די עלטערע קלאַסן.

ביבליאָטעק פאַר יינגערע קינדער:

פון ש. באַסטאָמסקי.

1. יעקעלע נאַר.
2. יודע דער וואַסערטרעגער און זיינע מעשיות.
3. מזל.
4. צוויי מתנות.
5. א) דער נס, ב) דער צדיק.
6. דער בוים און דער ווינט.
7. ייִנגל צינגל—לויט בר. גרים.
8. די אמתע כלה „ “
9. דריי מענטשעלאַך אין וואַלד.
10. כשופמאַכער און זון. בר. גר.
11. דער העלדישער שניידערל „
12. האַנס און גרעטכען. „.
13. רויט היטעלע. „
14. א מעשה מיט 7 ציגעלאַך.
15. קאָרוזאָ—פון דעם לעבן פון די איטאַליענישע קינדער, וואָס אַרבעטן אין די שאַכטעס.
16. גיבער האָפען—(פון עם לעבן פון די קוילנגרובער)
17. דער ליגנער—(א מעשהלע.
18. די נאַשערקע—
19. מעשהלאַך פון עזאָפ | הו. ט.
20. „ „ II .
21. „ „ III .
22. דער פאַרשלאָסענער וואַלד— (יידישע פאָלקסמעשה).
23. צוויי יתומים—(פאָלקסמעשה־לע פאַר קלענערע קינדער).
24. לעגענדעס פון אַמאָל— (אַלעקסאַנדער מוקדן און די פרויען, דער משפּט, דער וויכישער חכם סאָלאָן). . . .
25. דאָס גרויסע הארץ (מעשהלע)
26. דאָס ווינטעלע—(מעשהלע).
27. דער קייסער און דער נדר— (יידישע פאָלקסמעשה).
28. פאָלקסמעשיות און לעגענדעס פון אַלטן פּראָג
29—31 „דער קונדס“—1, 2, 3 (זאַמלונגען פון רעטענישן, אויפגאַבן, שפּילן, רעבוסן, וויצן, ווערטלאַך, גיכווערטלאַך א.א.).
32. בוסתנאַי—(פאָלקסמעשה).

ביבליאָטעק פאַר עלטערע קינדער: פון ש. באַסטאָמסקי

1. פרידטיאָף נאַנסען . . . . .
2. דייוויד ליווינגסטאָן . . . .
3. הענרי סטענלי . . . . . .
4. ווי אַזוי קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע?
5. אין דער נאַכט פון בדיקת חמץ.
6. זאַלץ . . . .
7. ווי אַזוי מע מאַכט פּאַפּיר?
8. יאָהאַן גוטענבערג . . . . . .
9. דזשעמס וואַט . . . .
10. ראָבערט פולטאָן . . . . .
11. דזשאָרדזש סטעפענסאָן . .
12. י. ל. פּרץ — זאַמלבוך .
13. נעללאַ און פּאַטראַש. . .
14. פרילינג קומט—פאַנטאַסט. קינדער־פּיעסע אין 2 אַקטן.
15. די באַפרייונג פון די שוואַרצע קנעכט—(דאָס לעבן פון די שוואַרצע נעגערס און אַ ביאָגראַפיעס פון די קעמפער פאַר זייער באַפרייונג: תאָריסאָן, פּאַרקער, ביטשער סטאָו, אייבראַם לינקאָלן, בוקער וואַשינגטאָן א. אנד. (אילוסטרירט)
16. מרדכי אַנטאָקאָלסקי—ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן סקולפּטאָר. רייך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זיינע ווערק. . .
17. די שווייץ—פון דער סעריע „פעלקער און לענדער“ . .
18. די פּאָסט אַמאָל און היינט.
19. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און דער קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די שטאַטן . . . .
20. בענזשאַמען פראַנקלין . . .
21. די קוילנגרעבער—פון עמיל זאָלאַ.

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי.

1. יידישע פאָלקסרעטענישן— 3-טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע מיט אַ בייַלאַגע פון ש. אַנ-סקי'ס רעצענזיע.
2. זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער פאַר שול און פאַמיליע.
3. ביים קוואַל 1-טער באַנד— יידישע שפּריכווערטער, ווערטלאַך, רעדנסאַרטן, פאַרגלייכענישן, ווינטשענישן, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סמנים, סגולות און זאַבאַבאָנעס. . .
4. ביים קוואַל 2-טער באַנד— יידישע פאָלקסלידער. . . .

אויפן לאַגער געפינען זיך:

1. ק. פ. יאַגאָדאָווסקי (יידיש— מ. חיימסאָן) „ווונדערדיקע אַרבעטן אויף נאַטורוויסנשאַפט, זאָאָלאָגיע און באָטאַניק.
2. דאָס לעבעדיקע וואָרט— כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען.

Katalog Wydawnictwa „Nowa Szkola Zydowska“
W ilno. Stefanska 24 m. 28.